STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01294

SEFER TAM VE-YASHAR

Permanent preservation of this book was made possible
by Rick Hess & Sue Hess
in honor of
their father & husband, John E. Hess

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר
תם וישר
הנקרא בשם
ספר הישר
על התורה

ווייל אין דעם ספר ווערט דער ציילט די מעשים
וואס גאט ב"ה האט גיטאן פון בריאת העולם ביז
יהושע האט גיבראכט דאס פאלק ישראל קיין ארץ
ישראל. דרום האבן מיר דאס מעתיק גיוועזן פון לשון
הקודש אויף עברי טייטש כדי אלע זאלען וויסען די
נסים אונ נפלאות.

ווילנא

שנת תער"ב לפ"ק

СЕФЕРЪ ГАЮШЕРЪ.

Съ Люблинскаго изданія 1892 г.

ВИЛЬНА.

Типографія Л. Л. Маца. завальная 30.

1912 г.

זה ספר תולדות אדם

אשר ברא אלהים על הארץ ביום עשות יי אלהים ארץ ושמים : ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו : ויברא אלהים את האדם בצלמנו :

און גאט זאגט צוא דיא מלאכים מיר וועלן בשאפן איין מענטש אין אונזר עבין בילד און גאט בשאפט דעם מענטש אוס שטוב פון דער ערד און בלאזט אריין אין זייני נאז לעבר איין אטום און דער מענטש וואר אליין זאגט גאט עס איז ניט גוט דער מענטש זאל זיין אליין איך וועל אים מאכן איין הילף . אזו ווארפט גאט אוף אים איין שלאף און נעמט איין ריפ פון זיין זייט און מאכט דר פון אווייב און ברענגט זיא צו אדם . און וועקט אים אוף פון שלאף זעהט ער עס שטייט לעבין אים אווייב . און זאגט דס איז אביין פון מייני ביינר . און זיא זאל ווערין גרופן אוף לשון הקודש (אשה) ווייל זיא איז גנומן פון איין (איש) . און אדם רופט זיא (חוה) ווייל זיא איז די מוטר פון אלי מענטשן וואס הייסן בלשון עברי (חי) און גאט בענטשט זייא און זאגט מען זאל אים רופן (אדם) ווייל אדם איז טייטש אמענטש . און גאט נעמט אדם מיט זיין ווייב און זעצט זיי אריין אין גן עדן צו דינן אים . און זאגט צו זיי פון אלי ביימר פון גארטן זאלט איר עסין און פון דעם בום וואס מען קען דר קענין בייז און גוטס זאלט איר ניט עסין דען אין דעם טאג אז איר וועט עסין וועט איר שטארבין . און אדם זיצט מיט זיין ווייב אין גארטן אזו וויא גאט הט זיי גבאטן . און דער שלאנג וואס גאט הט אים בשאפן פון ערד קומט צו זייא און אובר רעדט חוה זיא זאל עסין פון בום וואס מען קאן דער פון וויסן גוטס אודר בייז . און חוה נעמט פון בום און עסט אליין און גיט נאך צו איר מאן אדם אז ער זאל אויך עסין . און אדם עסט אויך דר פון און האבן עובר גווען גאטס גבאט . און ווי זיי האבן עובר גוועין דרוף הט גאט זיי גשאלטן און הט זיי ארוס גטריבן פון גן עדן אז זיי זאלן זיין אוף דר ערד . און זיי גייען און רוען אוף מזרח זייט פון גן עדן . און חוה גווינט צוויי זון און דריי טעכטר און זיא רופט דעם עלצטין זון מיט איין נאמין קין צו זאגין ווייל איך האב גקויפט איין מאן צוא גאט און דעם אנדרן זון האט זיא גרופן הבל צו זאגן מיט נארהייט זענין מיר גקומן און מיט נארהייט וועלן מיר ווידר אוועק גיין פון דר ערד . און אז די קינדר זענין דר וואקסן גווארן הט אדם זייא געבין איטליכין איין באזונדרי ארבייט . און קין ארבייט די ערד און הבל וויידעט דיא שאף . און דיא צוויי קינדר פון אדם האבן גבראכט איין קרבן צוא גאט . און קין ברענגט פון דער ערד און הבל ברענגט פון זייני בעסטי שאף . און גאט האט זיך גקערט צו דער מנחה פון הבל און מאכט נידערין איין פייער פון הימל און עס האט פאר ברענט דאס קרבן . אבר צו קין און צו זיין מנחה קערט זיך ניט גאט . ווארום ער האט גבראכט פון דעם ערגסטן פרוכט פון דר ערד . און קין גייט צוא זיין ברודר הבל און זוכט צוא נפוגען אוף אים איין בלבול כדי ער זאל אים טייטן . אין

עטליכע טעג ארום גייט קין אונ הבל אין פעלד אייזן צו טון זייער מלאכה.
קין אקירט אין פעלד אונ הבל וויידעט די שאף. איז גלאפן די שאף פון הבל
איבר דעם פעלד וואס קין האט גאקירט. אונ קין קומט צו הבל מיט צארן אונ
זאגט צו אים וואס איז דאס דוא קומסט מיט דייני שאף צו ווייד אין אלי מייני
פעלדר אונ הבל ענטפערט צו קין נאך וואס מאכסטו קליידר פון וואל אונ עסט
די מיליך פון מייני שאף. אזו דו וועסט אום טון די קליידר אונ וועסט ניט עסן
קיין מיליך פון מייני שאף וועל איך ארום גיין פון דיין לאנד. זאגט קין צו הבל
אז איך זאל דיך היינט דר שלאגין ווער וועט פון מיר זוכן דיין בלוט. ענטפערט
הבל צו קין דר גאט וואס הט אונז באשאפן דר וועט רעכינן מיין רעכיניג אונ
וועט זוכן מיין בלוט פון דיר. ווארום גאט איז אשופט אונ איין דיין אונ אוב
דו וועסט מיך הרגנין וועט גאט דיך משפטין דער פאר:

אונ ווי קין הט אום געהערט די רייד פון הבל אזו ווערט קין אין כעס אונ נעמט
דס אקיר אייזן אונ טייט הבל אונ דס בלוט פון הבל לופט פר די שאף.
אונ דר נאך בדענקט זיך קין וואס ער הט גטאן אונ טרוערט זייער אונ וויינט
אונ עס טוט אים זייער באנק. אונ קין שטייט אוף אונ גראבט איין גריב אוף
דעם פעלד אונ בגראבט זיין ברודר הבל. אונ גאט ווייסט אלץ וואס קין הט
גטאן אונ גאט ביי ווייזט זיך צו קין אונ זאגט צו אים ווי איז דיין ברודר הבל.
זאגט קין איך ווייס ניט בין איך דען דר היטר פון מיין ברודר. זאגט גאט צו
אים וואס האסטו גטאן דס בלוט פון דיין ברודר שרייט צו מיר פון דער ערד.
דען דו האסט דר שלאגין דיין ברודר אונ לייקנסט פר מיר דו מיינסט אז איך
ווייס ניט וואס דו האסט גטאן איך ווייס וואל אז דו האסט גהרגית דיין ברודר
הבל אום זונסט. אונ אצונד זאג איך דיר אז דו זאלסט זיין פר פלוכט מער פון
דר ערד וואס זיא הט געפינט איר מויל איין צו שלינגן דס בלוט פון דיין ברודר.
אונ אז דו וועסט אקערין וועט דר פון גאר ניט זיין געוואנד זאלסטו זיין אוף דר
ערד ביז דו וועסט שטארבן. אין דר זעלבר צייט גייט קין אוועק אונ גייט
אין לאנד עדן פר וואגעלט מיט זיין הויז גזונד. אין דער זעלבר צייט ווערט
קינס פרוי מעוברת אונ גווינט אים איין זון אונ רופט אים חנוך. אונ ער רופט
דרום זיין זון חנוך כדי צו זאגן גאט הט אן גהובין צו לאזין רוען אים אוף דר
ערד. אונ אוך אין דער זעלבר צייט הייבט אן קין צו בוען איין שטאט אונ גיט
איר אנאמן חנוך אזו ווי דר נאמן פון זיין זון. אונ חנוך גווינט איין זון גיט ער
אים איין נאמן עירד. אונ עירד גווינט מחויאל. אונ מחויאל גווינט מתושאל.
אונ מתושאל גווינט למך. אונ אז אדם איז אלט הונדרט אונ דרייסיג יאר.
גווינט זיין ווייב חוה א זון אונ רופט אים מיט זיין נאמן שת. דר טייטש איז פון
דעם נאמן אז גאט הט מיר גטאן איין אנדערין זון פר דעם זון הבל וואס קין הט
אים דער שלאגן. אונ שת לעבט הונדרט אונ פינף יאר אונ גווינט א זון אונ
גיט אים א נאמן אנוש ווארום אנוש איז טייטש שלאף דען אין דר דאזיגר צייט
האבן זיך אן גהובן דיא מענטשן צו ווערין קראנקייט אונ ווידר צו שפעניגען
אן גאט:

אונ אין די טעג פון אנוש האבן זיך גמערט די קינדר פון אדם זיי האבן מערד
גוועזן

גווען אקיגן גאט אונ האבן גדינט עבודת כוכבים . אונ איטליכר פון זיי הט זיך גמאכט געצין בילדר אונ דינן צו זיי . אונ גאט ווערט אוף זייא ברוגז אוף דעם שלעכטם ווס זיי טוען אונ גאט פלייצט איבר זיי דם וואסר פון טייך גיחון אונ עס ווערין פר לורין פון זיי דריי חלקים . אונ אין דיא זעלבי צייט איז ניט גראטן קיין תבואה אונ די מענטשן האבן גאר ניט צו עסין אונ אלי מענטשן האבן גזייעט איז גוואקסין דערנר · דען גאט הט פאר פלוכט די ערד פון וועגן דר עבירה ווס אדם הט פר זונדיגט . אונ אנוש לעבט ניינציג יאר אונ גווינט קינן אונ ווי קינן איז אלט גוואורן פערציג יאר איז ער גוועזן קליג אין אלעם אונ ער קיניגט איבר אלי מענטשן אונ פירט זיי מיט פר שטאנד אונ חכמה . אונ ווייסט מיט זיין חכמה אז גאט וועט פר דארבין די מענטשן וואס זענין אוף דר ערד אונ וועט ברענגן איין מבול אוף זיי אונ קינן שרייבט דם אוף איין טאביל אונ לייגט אים אין זייני אוצרות אריין אונ מאכט ווידר קערין אטייל מענטשן צו גאטס וועג . אונ אז קינן איז אלט גוואורן זיבעציג יאר גווינט ער דרייא זון אונ צוויי טעכטר . די דריי זון הייסן מהללאל עינן אונ ירד אונ די צוויי טעכטר עדה אונ צלה . אונ למך דר זון פון מתושאל איז זיך מתחתן מיט קינן אונ נעמט זייני צוויי טעכטר פר ווייבר . אונ עדה גווינט איין זון צו למך אונ למך רופט דעם זון יבל · אונ זיא גווינט נאך אזון אונ מען רופט אים יובל . אונ צלה גווינט אזון אונ זיא רופט אים תובל קין . אונ זיא ווערט נאך מיין טראגן אונ גווינט אטאכטר אונ רופט זיא נעמה זיא זאגט נאך מיין פאר שליסן איז גוואורן צו מיר איין זיסונג . אונ למך איז אלט גוואורן אונ קאן ניט מער זעהן אונ זיין זון תובל קין פירט אים ארום . אונ אין עטליכי טעג ארום איז גגאנגין למך אין פעלד ארין אונ זיין זון תובל קין פירט אים · אונ בשעת זייא זענין ביידי גגאנגן אין פעלד · גייט קעגין זייא קין דר זון פון אדם . אונ תובל קין זאגט צו זיין פאטר למך ער זאל שיסן מיט זיין בוגין . אונ למך שיסט אונ דר שיסט קין דעם זון פון אדם דען ער הט גמיינט פון ווייטן אז דס איז איין חיה . אונ קין איז גפאלן אוף דר ערד אונ איז גשטארבן . הט גאט בצאלט צו קין זיין בייז אזו ווי ער הט גטאן זיין ברודר הבל . אונ בשעת למך מיט תובל קין זענין צו גגאנגן זעהן ווס פר איין חיה זיי האבן דר שאסן . האבן זייא דר זעהן אז זייער עלטר פאטר קין איז טוט . אונ ווי למך הט דער הערט אז ער האט דר שאסן זיין עלטר פאטר קין הט אים זייער באנק גטאן אונ הט אן גהובן צו שלאגן איין האנד אן דער אנדערי האנד אונ טרעפט זיין זון תובל קין מיט זייני הענד אונ טייט אים :

אונ אז די ווייבר פון למך האבן דר הערט אז זייער מאן למך הט דר שלאגן זייער זון תובל קין אונ דעם עלטר פאטר קין האבן זייא אים פיינד גהאט אונ האבן זיך פון אים אפ גשייד . אונ אז למך איז גקומן צו דיא ווייבר אונ הט זיי גבעטן זיי זאלן אים צו הערין האבן זיי ניט גוואלט · אונ למך זאגט צו זייני ווייבר עדה אונ צלה · איר ווייסט וואל אז איך האב דס ניט גטאן במזיד גאר איך בין שון אלט אונ האב ניט גזעהן אונ מיין קינד האט מיר גזאגט אז

דם איז איין חיה. האבן זיך די ווייבר אום געקערט נאר זיי האבן אבר ניט געהאט קיין קינדר מער מיט אים:

אונ מהללאל דר זון פון קינן לעבט פינף אונ זעכציג יאר אונ גווינט א זון אונ רופט אים ירד. אונ ירד לעבט הונדערט אונ צוויא אונ זעכציג יאר אונ גווינט א זון אונ רופט אים חנוך. אונ חנוך לעבט פינף אונ זעכציג יאר אונ גווינט מתושלח אונ נאך דעם הט זיך חנוך דער מאנט אן גאט אונ דינט גאט אונ פאר שעמט אלי מענטשן מיט זייער בייזן וועג. אונ ער שיידט זיך אפ פון זיין ווייב אונ פר בארגט זיך פר מענטשן. אין אקורצי צייט ארום קומט צוא אים א מלאך פון הימל אונ זאגט צו אים שטיי אוף אונ גיי ארום פון דיין הויז אונ גיי שטראף די מענטשן אונ לערין זיי דעם וועג פון גאט. אונ חנוך שטייט אוף אונ גייט ארום פון זיין אורט וויא ער איז גוועזן פאר בארגן אונ גייט צוא מענטשן אונ שטראפט אונ לערינט זייא וויא זייא זאלן דינן גאט:

ויצו אונ ער נבית אין אלי שטעט אזו צו זאגן וועלכר מענטש עס בגערט צו וויסן דעם וועג פון גאט זאל קומן צו מיר וועל איך אים זאגן. אונ אלע מענטשן זאמלן זיך אונ קומן צו אים אונ בגערין זייני רייד. ויִמלוך אונ חנוך קיניגט איבר די מענטשן דורך גאטס רייד. אונ די נבואה פון גאט רועט אוף אים. אונ אלי מענטשן קומן הערין זיין קלוגהייט אונ בוקן זיך צו אים ביז דר ערד. אונ אוך אלי שררות קומן אונ בוקן זיך צו אים אונ בגערין פון אים אז ער זאל קיניגן איבר זיי אונ חנוך לערינט זיי קלוגהייט צו וויסן גאטס וועג אונ הט גמאכט צווישן זיי שלום אונ עס איז גוועזן שלום אוף דער גאנצר וועלט אין דיא טעג פון חנוך. וימלוך אונ חנוך קיניגט איבר דער גאנצר וועלט צוויא הונדרט דריי אונ פערציג יאר אונ האט גטאן משפט אונ צדקה אין גאר זיין פאלק אונ האט זייא גפירט אין גאטס וועג:

ואלה אונ די דאזיגי זענין די קינדר פון חנוך מתושלח אלישוע אונ אלימלך. אונ די טעכטר מלכה אונ נעמה. אונ מתושלח גווינט למך. אין דר צייט איז גשטארבן אדם הראשון ניין הונדרט אונ דרייסיג יאר אלט. אונ שת מיט חנוך אונ מתושלח האבן אים בהאלטן מיט גרוס כבוד אין דר הייל וויא גאט הט גהייסן. אונ אדם הראשון מחמת ער הט גגעסין פון עץ הדעת איבר דעם איז ער גשטארבן מיט זייני קינדער:

ויהי אונ אז חנוך איז אלט גווארן צוויא הונדרט אונ דרייא אונ פערציג יאר הט ער זיך ווייטר אפ גשייט פון מענטשן. דרייא טאג איז ער גוועזן פאר בארגן. אונ אין פערדין טאג הט ער זיך בוויזן צו דיא מענטשן אונ האט זייא גלערינט גאטס וועג:

וישב אונ דר נאך קערט ער ווידר אונ פר בארגט זיך זעקס טעג אונ אוף דעם זיבעטן ביי ווייזט ער זיך. דר נאך הט ער זיך בוויזן א טאג אין חודש אונ א טאג אין יאר. אונ אלי מענטשן אונ שרים גלוסטן צו זעהן דאס פנים פון חנוך אבר זיי קענין ניט צו גיין צו אים מחמת גרוס פחד ומורא. דען דר פחד פון גאט איז גוועזן אוף זיין פנים:

וילך אונ חנוך איז איין טאג צו זיי ארום גגאנגן זענין גקומן צו אים אלי מענטשן

חנוך

אונ חנוך לערינט זיי ווי אזו מען זאל גאט דינן אונ שכל אונ חכמה אונ וויא איינער ברוכט דעם אנדרין ליב צוא האבן . אונ אז ער אין אנוט איז צו אונטר שטוצן אים . אונ אלי מענטשן בוקן זיך צו דר ערד אונ זאגין דר מלך זאל אייביג לעבין:

ויהי אונ אמאל אז חנוך האט גלערינט אלי שרים אונ אלי מענטשן גאטס וועג רופט אמלאך פון הימל צו חנוך אונ זאגט אז מען זאל אים ארויף נעמן אויף דעם הימל: בעת אין דר צייט אז חנוך הט געהערט דיא דאזיגי רייד פון מלאך . איז ער ארום גגאנגן אונ הט איין גזאמילט אלי מענטשן אונ זאגט צו זיי איך בין בגערט גווארן צו קומן אין הימל ארייון אבר איך ווייס ניט וועליכן טאג עס וועט זיין:

ועתה אונ אצונד וועל איך אייך לערנן קלוגהייט אונ די שטראף פון גאט . אונ חנוך לערינט זיי אונ איז זיי מזהיר זיי זאלן זיין נכנעים צו זייערי מלכים וישרים אונ זאלן פאלגן זייער בפעל . אויך לערונט ער זייא וויא אזו מען זאל בקומן דם אייביגי לעבן אונ איז מיט זיי געזעסן עטליכי טעג:

ויהי אונ עס איז גוועזן אין דר זעלבר צייט בשעת חנוך איז מיט זיי געזעסן אונ הט מיט זיי גרעד האבן זיי אויף גהובן זייערי אויגן האבן זיי געזעהן איין גרויסן וואלקן נידערט אראפ פון הימל . האבן זיי גזאגט צו חנוך ווס זיי האבן געזעהן . הט חנוך צו זיי גזאגט דס איז פון מיינט וועגן . דען עס הט גרייכט די צייט אונ דר טאג אז איך זאל פון אייך אוועק גיין אונ וועל זיך מיט אייך שון מער ניט זעהן:

ויקם אונ דר וואלקן איז גקומן אונ הט זיך געשטעלט פר חנוך אונ אלי מענטשן ווס זענין גוועזן ביי חנוך האבן זיי דאס געזעהן אונ חנוך האט אום געשריגן מיט אהוך קול אונ הט אזו גזאגט וועלכר מענטש וויל ווייסן גאטס וועג זאל האנטיגן טאג קומן צוא מיר איידער איך וועל גיין . ויתקבצו האבן זיך איין גיזאמילט אלי מענטשן אונ שרים צו אים אונ ער הט זיי גלערינט חכמה אונ מוסר אונ ווי אזו מען זאל דינן גאט אונ הט געמאכט צווישן זיי שלום אונ האט אן גזאגט עס זאל זיין תמיד שלום . ויהי אונ עס זענין אים נאך גגאנגן אכט הונדערט טויזנט מענטשן אונ זענין מיט אים איין טאג גגאנגן . אויף דעם אנדרין טאג הט חנוך צו זיי גזאגט גייט אייך אהיים ווארום זאלט איר ווייטר גיין . האבן זיך אביסל פון זיי אום געקערט אהיים אונ דיא איבריגי זענין גגאנגן מיט אים . אונ חנוך זאגט צו זיי אלי טאג קערט אייך אהיים . אבר זייא הערין אים ניט צוא אונ גייען מיט אים ווייטער . אויף דעם זעקסטן טאג זאגט נאך מער חנוך צוא זייא קערט אייך אהיים דען מארגן וועל איך גיין אין הימל ארייון אונ וועלכער מענטש עס וועט בלייבן וועט זיין אין איין סכנה . דא זענין אטייל מענטשן אהיים גגאנגן . אונ אטייל האבן גזאגט צו אים מיר וועלן ניט אהיים גיין בייערט דר טוט וועט מאכן צווישן אונז איין צווישן שייד:

אונ אז חנוך הט געזעהן אז זיי שטארקן זיך צו גיין מיט אים הט ער אויף געהערט צו ריידן מיט זיי אונ זענין גגאנגן מיט אים . אונ די שרים ווס זענין אהיים גגאנגן האבן זיי איבר געציילט די מענטשן ווי פיל עס איז נאך דא מיט חנוך:

ויהי אונ אז עס איז גקומן דר זיבעטר טאג איז חנוך ארויף גגאנגן אויף דעם הימל מיט איין שטורעם ווינד אונ מיט פייערדיגי פערד אונ מיט פייערדיגי רייט ווענין . אונ חנוך הט גלעבט אויף דער ערד דרייא הונדרט פינף אונ זעכציג יאר . ויהי אונ אז חנוך איז ארויף גגאנגן אויף דעם הימל האבן אלי שרים איין עצה גהאלטן אז מען זאל אויך מאכן מתושלח דעם זון פון חנוך פאר א מלך אויף זיין פאטערס אורט · זענין גגאנגן אלי שרים אונ האבען אים גימאכט פאר א מלך :

ויעש אונ מתושלח טוט אלץ וואס רעכט פארטיג איז אין גאטס אויגין אונ האט זיי גלערינט חכמה אונ שכל ווי אזוי מען זאל דינען גאט אונ האט ניט אפ גקערט פון גוטן וועג ניט רעכטס אונ ניט לינקס . אך בייערט אז עס איז גקומן אין סוף יארן פון מתושלח האבן דיא מענטשן אפ גקערט פון גאטס וועג אונ האבן גרויבט אונ גגזלת איינר ביים אנדערין אונ האבן מורד גוועזן אן גאט אונ האבן ניט גפאלגט מתושלח אונ אנדרי מלכים ושרים . ויקצוף אונ גאט האט גצערינט אויף זייא אונ עס איז ניט גוועזן קיין זייאונג אונ קיין שניידונג אונ פון דעסט וועגין האבין זייא ניט אפ גקערט פון שלעכטין וועג · אונ כביכול האט בוועט וואס ער הט בשאפן די מענטשן אונ הט גזאגט מען זאל זיי מאכן פאר לירן אונ פאר דארבן פון דער ערד :

בימים אין די טעג איז למך דר זון פון מתושלח אלט גוואורן הונדרט אכט אונ זעכציג יאר . אונ עס איז גשטארבן שת דר זון פון אדם אונ שת איז אלט גוועזן ניין הונדרט אונ צוועליף יאר . אונ אז למך איז אלט גוואורן הונדרט איין אונ אכציג יאר הט ער גנומן א ווייב דם איינינקל פון חנוך . אונ זיא גווינט איין זון צוא למך . הט אים מתושלח א נאמן גגעבן נח ווארום נח איז טייטש רוהיג די ערד זאל ווערין רוהיג . אונ למך הט אים א נאמן גגעבן מנחם · צוא זאגין דער דאזיגר וועט אונז טרייסטן פון אונזר טרויערקייט :

ויגדל ווי דס קינד איז אויף גוואקסן גוואורן איז עס גגאנגן אין וועג פון זיין עלטר פאטער אונ איז גוועזן רעכט פארטיג מיט גאט ב״ה · אונ אין דער צייט האבן זיך די מענטשן גמערט מיט זון אונ טעכטר אונ איינר הט דעם אנדערין גלערינט דעם שלעכטין וועג אונ האבן ווידר גשפעניגט אן גאט . אונ איטליכר הט זיך גמאכט איין אפ גאט אונ זענין נאך גגאנגן שלעכטי תאוות . אויך חיות אונ בהמות האבן פאר דארבן זייער וועג . וירא אונ גאט האט גזעהן אז אלי האבן פר דארבן זייער וועג הט גאט גזאגט איך וועל אפ מעקין דעם מענטשן וואס איך האב בשאפן אונ אויך אלי חיות בהמות אונ עופות . אונ וועלכער מענטש עס איז גגאנגן אין גאטס וועג איז גשטארבן איידר גאט הט גבראכט דם שלעכטס אויף דיא מענטשן . אבר נח האט גפונן חן אין גאטס אויגין . אונ גאט ב״ה האט אום דער ווילט נח עס זאל פון אים א וועלט ארוס קומן :

פרשת נח

ויהי אונ אז נח איז אלט גוואורן אכט אונ פערציג יאר איז גשטארבן אנוש דר זון פון שת אונ אנוש איז אלט גוועזן ניין הונדרט אונ פינף יאר · אונ אז

נח איז אלט גוואָרן ניין אונ זיבציג יאָר איז גשטארבן קינן דר זון פון אנוש אונ
קינן איז אלט גוועזן ניין הונדערט אונ צעהן יאָר . אונ אז נח איז אלט גוואָרן
צוויי הונדערט פיר אונ דרייסיג יאָר איז גשטארבן מהללאל דר זון פון קינן .
אונ מהללאל הט גלעבט אכט הונדרט פינף אונ ניינציג יאָר . אונ אז נח איז
אלט גוואָרן דריי הונדערט זעקס אונ זעכציג יאָר איז גשטארבן ירד דר זון פון
מהללאל אונ ירד האט גלעבט ניין הונדרט צוויא אונ זעכציג יאָר . אונ אלי
מענטשן וואס זענין גגאנגן אין גאטס וועג זענין אום גשטארבן אין דר צייט :
ויהי אונ אז נח איז אלט גוואָרן פיר הונדרט צוויי אונ אכציג יאָר . זענין אום
גשטארבן אלי פרומי אונ גאטס פארכדיגי לייט אונ עס איז נאָר איבער
גבליבן מתושלח אונ נח . הט גאט ב״ה גזאגט צו מתושלח אונ צוא נח זייא
זאלן גיין אונ אום רופן אין אלי גאסין . קערט אפ פון דיא שלעכטי מעשים אונ
אז איר וועט אזו טאן וועט זיך גאט ברוך הוא בדענקין אוף דעם שלעכטס וואס
ער וויל ברענגן אוף אייך עס זאל ניט זיין אונ גאט ב״ה האט אזו גזאגט . איך
גיב אייך צייט הונדערט אונ צוואנציג יאָר אוב איר וועט זיך אום קערין צוא
מיר אונ וועט פר לאזין אייער שלעכטין וועג . אונ אזו הט מתושלח אונ נח צו
זיי גזאגט אלי טאג אין דר פריא אונ פר נאכט . אבר דיא מענטשן האבן ניט
גוואלט צוא הערין אונ זענין גוועזן הארט אקינדיג :
וישם אונ גאט ב״ה הט גטאן צו זיי אצייט הונדרט אונ צוואנציג יאָר אוב זייא
וועלן הרטה האבן אוף די שלעכטי מעשים אונ נח דר זון פון למך האט
גיט געוואלט נעמן קיין ווייב ווארום נח הט גזאגט אז גאט ב״ה וויל פר דארבן
אלי פון דער ערד וואס טוג מיר קינדר . אונ נח איז גוועזן גאנץ פרום אין זייני
דורות : ויאמר אונ גאט זאגט צו נח נעם דיר א ווייב אונ האב מיט איר קינדר .
דען איך האב גזעהן אז דו ביסט פרום אין דעם דור אונ דו מיט דיין ווייב אונ
קינדר וועלן בלייבן לעבן אוף דר ערד . איז נח גגאנגן אונ האט גנומן א ווייב
אונ זיא הייסט נעמה א טאכטער פון חנוך . אונ נעמה איז אלט גוועזן פינף
הונדרט אכציג יאָר אונ נח איז אלט גוועזן פיר הונדערט ניין אונ ניינציג יאָר
בשעת ער הט גנומן נעמה פר א ווייב . אונ נעמה הט גווינן א זון האט נח אים
א נאמן גגעבן יפת אונ נעמה האט ווייטער גווינן א זון אונ נח האט אים א נאמן
גגעבן חם אונ נעמה הט ווייטער גווינן א זון אונ נח הט אים א נאמן גגעבן שם .
אונ נח איז דער מאָלט אלט גוועזן פינף הונדרט אונ צוויי יאָר בשעת נעמה האט
אים גווינן דיא דריי קינדר . אונ דיא דרייא קינדר זענין אוף גוואקסין אונ זענין
גגאנגן אין גאטס וועג אזו וויא מתושלח אונ נח האבן זיי גלערינט אונ למך דר
פאטער פון נח איז גשטארבן אין דער צייט . אונ למך איז אלט גוועזן זיבן
הונדרט זיבציג יאָר . אונ נח איז דער מאָלט אלט גוועזן פינף הונדרט פינף אונ
ניינציג יאָר : בעת אין דר צייט הט גאט גזאגט צו נח אונ צו מתושלח אזו צוא
זאגן . שטייט אוף אונ רופט אום אלי מענטשן זאלן הערין די רייד טאמר וועלן
זיי אום קערין פון שלעכטין וועג וועל איך אוף זייא ניט ברענגן דאס שלעכטס
איז אוף גשטאנן נח אונ מתושלח אונ האבן גטאן אזו ווי גאט האט זיי גזאגט
אבר די מענטשן האבן גאר ניט גוואלט צו הערין די דאזיגי רייד . ויהי אונ נאך

דעם הט גאט גזאגט צו נח דר סוף פון אלי מענטשן איז גקומן צו פר מיר. פון וועגין זייערי שלעכטי מעשים אונ נון איך וויל זיי פר דארבן פון דער ערד אונ דו נח נעם צו דיר פיכטן האלץ אונ זאלסט גיין וויא דו ווייסט אונ זאלסט דיר מאכן איין גרוסן קאסטן. אונ אזו זאלסטו מאכן דעם קאסטן דריי הונדרט איילן די לענג פופציג איילין די ברייט אונ דרייסיג איילין די הייך אונ זאלסט מאכן איין טיר אין דר זייט עס זאל אובין זיין איין אייל די ברייט. אונ זאלסט זיא אום שמירן פון אינן וויניג אונ פון אוסין וויניג מיט פעך. ואני אונ איך וועל ברענגן אמבול עס זאל פר דארבן אלדונג וואס עס איז אוף דר ערד. אונ דו נח מיט דייני קינדר זאלט איר קומן אין דר תיבה אריין אונ איר זאלט איין זאמלין פון אלי בשעפעניש צוויי אמאן אונ אנוייב אונ זאלסט זייא ברענגין אין דר תיבה אריין כדי עס זאל זיין אגידעכניש אוף דר וועלט. אונ אוך זאלסטו מיט ברענגין פון אלי עסין ווארג כדי איר זאלט האבין צוא עסין. אונ אוך דיא בהמות אונ חיות אונ עופות זאלן אוך האבן צוא עסין:

בעת אין דר צייט איז גשטארבן מתושלח דר זון פון חנוך. אונ מתושלח איז אלט גוועזן ניין הונדרט ניין אונ זעכציג יאר נאך דעם אז מתושלח איז גשטארבן הט גאט גזאגט צו נח קום דו אונ דיין הויז גזונד אין דר תיבה אריין אונ איך וועל דיר איין זאמלן אלי בהמות אונ חיות אונ עופות אונ וועלן ארום רינגלן די תיבה אונ דו זאלסט זיך זעצן אונטר די טיר פון די תיבה אונ וועלכי בהמות אודר חיות אודר עופות וואס וועלן האכן פר דיר זאלסטו זיי נעמן אונ געבן צו דייני קינדר כדי דייני קינדר זאלן זיי אריין ברענגין אין דר תיבה אריין דאס איז אסימן אז זייא האבן גהיטן זייער מין. אונ וועלכי בהמות אונ חיות אונ עופות וואס וועלן נאר שטיין פר דיר זאלסטו ניט נעמן אין דר תיבה אריין. דעם אנדרן טאג זענן גקומן בהמות אונ חיות אונ עופות אונ האבן זיך גשטעלט פר דר תיבה איז נח ארום גגאנגן אונ הט זיך גזעצט לעבן דר טיר פון דר תיבה אונ וועלכי בהמות אונ חיות אונ עופות וואס האבן גהאערט הט נח זיי גנומן אונ געגעבן צו זייני קינדר אז מען זאל זיי אריין נעמן אין דער תיבה אריין אונ וועלכי פון זיי זענן גשטאנן האט נח זיי פאר לאזט. אונ דר וויל איז גקומן איין לעמפערט מיט אירע צוויי קליינע לעמפערטלך איינס אזכר איינס אנקבה אונ האבן אלי דריי פר נח גקניעט דער וויל זענין אוף גשטאנן דיא צווייא קלייני לעמפערטלך אונ האבן גשלאגן דעם גרוסן לעמפערט אונ זענן אלי דריי אנטלאפן גוואָרן פון זייער ארט אונ דר וויל זענן די צוויי קלייני לעמפערטליך גקומן צו נח אונ האבן גקניעט פר אים. אונ דר לעמפערט איז אנטלאפן צווישן די ביימן אונ ווי נח הט דר זעהן האט ער זיך זייער פאר וואונדרט דרוף אונ נח איז אוף גשטאנן אונ הט גנומן די צוויי קלייני לעמפערטליך אין דר תיבה אריין. אונ נח הט אריין גבראכט אין דער תיבה פון אלי בשעפניש וואס עס איז גוועזן אוף דר ערד אזעלכי בשעפניש וואס זענין ניט ריין גוועזן זענין צוויי אזכר אונ אנקבה אונ פון די בשעפניש וואס איז יוא ריין גוועזן הט ער גנומן זיבין אזו ווי גאט הט אים גבאטן. אונ אלע בהמות אונ חיות אונ עופות וואס זענין גוועזן אוף דר ערד האבן ארום גרינגלט די תיבה פון אלי זייטן. והגשם אונ דר רעגן איז נאך ניט

נווען

גוועזן ביז זיבן טעג זינד נח איז אריין גגאנגן אין דר תיבה. אונ גאט ב״ה הט דעם טאג גשטורימט איבר דר גאנצי וועלט אונ די זון איז גווארן פינצטר אונ די גרונד פעסט האבן גציטערט אונ עס איז גוועזן גרוסי בליצן אונ דינערן וואס אזעלכס איז ניט גוועזן זינד די וועלט איז בשאפן גווארן. אונ גאט ב״ה הט דס גטאן טאמר וועלן זיי תשובה טאן. אונ זיי האבן פארט ניט חרטה גהאט אונ האבן ניט אפ גקערט פון זייער שלעכטן וועג אונ מערן נאך שלעכץ צו טאן. אונ נח איז דעמאלט אלט גיוועזן זעקס הונדערט יאר. אונ עס האבן זיך גשפאלטן אלי קוואלן פון אפ גרונד אונ אלי פענצטער פון הימל האבן זיך גיעפינט אונ עס הט גירעגנט אוף דר ערד פערציג טאג אונ פערציג נעכט.

אונ גאט ב״ה הט פר שלאסן די תיבה:

ויעפו אונ אלי מענטשן וואס זענן גוועזן אוף דר ערד זענן מיד גווארן פון רעגן. דען דר רעגין הט זיך זייער גשטארקט אוף דר ערד. אונ בהמות אונ חיות אונ עופות זענן נאך ארום דר תיבה גשטאנן:

ויתקבצו אונ עס האבן זיך איין גזאמילט אלי מענטשן מיט אנאנדר איין ערך פון זיבן מאל הונדרט טוזנט מענטשן מענר אונ ווייבר אונ זיי קומן אלי צו נח פר דר תיבה. ויקראו אונ אלי מענטשן האבן גרופן צו נח עפין אונז אוף די תיבה וועלן מיר אריין גיין אין דר תיבה. אונ פר וואס זאלן מיר שטארבן הט נח געענפרט צו זיי מיט אהויך קול פון דר תיבה אונ הט צו זיי גזאגט פר וואס איר הט ווידר גשפעניגט אן גאט ב״ה איבר דעם האט גאט ב״ה אוף אייך גבראכט דס שלעכטץ צו פר טיליגן אייך אונ צו פר וויסטן פון דר ערד. הלא פר וואר די זאך וואס איך האב אייך גרעד הונדרט אונ צוואנציג יאר ביז היינטיגן טאג אונ איר האט ניט גוואלט הערן דיא רייד פון גאט אונ אצונד ווילט איר בלייבן לעבן. אונ זיי זאגן ווידר צו נח מיר זענן היינט אלי מענטשן דא אונ מיר וועלן תשובה טאן צו גאט ב״ה נייערט עפין אונז אוף דיא תיבה כדי מיר זאלן לעבן בלייבן. ויען אונ נח ענטפרט ווידר צו זיי פון דר תיבה אזו צו זאגן. אצונד אז איר זעהט שון די צרות פון אייערי לייבר ווילט איר תשובה טאן צו גאט ב״ה ווארום הט איר ניט תשובה גטאן אין די הונדרט אונ צוואנציג יאר. אצונד וועט אייך גאט אויך ניט צוא הערן אונ איר וועט ניט מצליח זיין מיט אייערי רייד. ויגשו אונ אלי מענטשן גנעהנן צו דר תיבה אונ האבן זיא גוואלט צו ברעכן כדי זיי זאלן אין איר אריין גיין מחמת דעם רעגן אונ גאט הט גשוקט אלי חיות אונ בהמות זיי זאלן ארום רינגלן די תיבה אונ וועלכר מענטש וואס איז צו גאנגן צו דר תיבה האבן די חיות אונ בהמות גהרגת. אונ דר רעגן הט גנידערט אוף זיי פערציג טאג אונ פערציג נעכט אונ דס וואסר הט זיך זייער גשטארקט אוף דר ערד אזו זענן אום גשטארבן אלי מענטשן אונ בהמות אונ חיות אונ עופות. ויהי אונ עס איז גוועזן גרוס צער צו אלי וואס זענן גוועזן אין דר תיבה. אונ די תיבה איז שיעור צו בראכן גווארן. אונ אלי וואס זענן גוועזן אין דר תיבה האבן זיך דר שראקן די לייבן האבן גברומט דיא אקסן האבען גשראגען איטליכר אוף זיין קול אונ אויך נח אונ זייני קינדער האבן גישריגן אונ גוויינט אוף דער צרה:

ויתפלל אונ נח טוט תפלה צו גאט אונ זאגט איך בעט דיך גאט העלף אונז מיר האבן קיין כח ניט צו ליידן דס ווס עס הט אונז ארום גרונגעלט.

אונ גאט הט צו גהערט דאס קול פון נח אונ גאט האט גמאכט איבר פארן איין ווינט אויף דר ערד איז דס וואסר גישטילט גוואָרן אונ די תיבה הט שון גרוט. אונ דר רעגן האט שון אויף גהערט. ויקרא אונ נח רופט צו גאט ב"ה נאך מער אונ זאגט איך בעט דיך גאט ציא אוס פון דעם פר שלוסונג אונזערע לייבר דען איך בין שון זייער מיד פון זיצן. וישמע אונ גאט ב"ה הט צו גהערט דיא רייד פון נח אונ זאגט צו אים אז דס יאר וועט דר פילט ווערן דעמאלט וועסטו ארוס גיין: ויהי היום אונ אז עס איז גקומן דר טאג ווס גאט הט צו זיי גזאגט אז זייא זאלן ארוס גיין פון דר תיבה זענין זיי אלי ארוס גגאנגן אונ איטליכר איז גגאנגן צו זיין וועג אונ זיין ארט. אונ נח מיט זייני קינדר זענן גזעסן אויף זייער ארט אונ האבן גדינט גאט אלי זייערי לעב טאג. וכוש אונ כוש דר זון פון חם הט גנומן אווייב אויף זיין עלטער אונ זיא גווינט אים א זון אונ מען ניט אים א נאמן נמרוד צו זאגן אז די מענטשן ווס זענן גוועזן אין דער זעלביגר צייט האבן ווידר גשפעניגט אן גאט ב"ה. אונ עס איז גגעבן גוואָרן צו כוש דאס העמד פון אדם וואס ער איז גגאנגן אן גטאן אז ער איז מיט חוה ארוס גגאנגן פון גן עדן. אונ אז אדם הראשון איז גשטארבן האט מען גגעבן דס העמדיל צו חנוך דעם זון פון ירד. אונ אז חנוך איז ארויף גגאנגן אויפן הימל הט מען גגעבן דס העמדיל צו זיין זון מתושלח. אונ אז מתושלח איז גשטארבן הט נח גנומן דס העמדיל אונ דר תיבה אריין איז דס העמדיל גוועזן ביי נח. אונ בשעת אז זיי זענן ארוס גגאנגן פון דער תיבה הט חם גיגנבת דאס העמדיל פון זיין פאטר אונ האט עס בהאלטן פר דיא ברודר. אונ אז חם האט גווינן כוש האט ער אים גגעבן דאס העמדל. אונ אז כוש הט גווינן נמרוד הט כוש אים גגעבן דס העמדיל. ויגדל אונ אז נמרוד איז דער וואקסן גוואָרן אונ איז אלט גוואָרן צוואנציג יאר. האט נמרוד אן גיטאן דס דאזיגע קלייד. אונ נמרוד הט זיך גשטארקט אז ער הט אן גטאן דס קלייד. אונ גאט הט אים גגעבן קראפט אונ שטארקייט אונ פלעגט האפן חיות אין פעלד. אונ נמרוד הט גבוט איין מזבח אונ הט מקריב גוועזן די חיות פר גאט. אונ נמרוד איז גזעסן אונ דר שטאט שנער ווס ער הט גבועט זייער זיכרליך אונ הט מלחמה גהאלטן מיט אלי פיינד אונ הט זיי גמאכט אונטר טעניג. אונ נמרוד הט זייער מצליח גוועזן אונ אלי מלחמות אונ איז זייער גרוס גיוארן. וכל אונ אלי פעלקר וואס האבן גהערט פון אים האבן זיך אלי איין גזאמלט צו אים אונ האבן אים גבראכט מתנות. אונ זענן אלי ביי אים גבליבן זיצן אין דער שטאט שנער אונ נמרוד איז גוועזן איין מושל איבר אלי קינדר פון נח אונ אלי זענן גוועזן אונטר זיין האנד אונ אונטר זיין עצה אונ דס גאנצי לאנד איז גוועזן איין עצה אונ איין לשון. אונ נמרוד איז גוועזן נאך מער רשע וויא די מענטשן וואס זענין גוועזן נאך דעם דור המבול. אונ הט גמאכט אפ געטר אונ הט זיך גבוקט צו זיי. אונ נמרוד הט ווידר גשפעניגט אן גאט אונ הט גלערונט אלי זיינע קנעכט אונ זייני מענטשן זיין שלעכטן וועג. אונ אויך זיין זון מרדן איז נאך גוועזן ערגער פון אים אונ איטליכר מענטש וואס האט גהערט די שלעכטע

מעשים פון מרדון האבן זיי אזו גזאגט . פון רשעים גייט ארוס איין רשע . ותרח אונ תרח דער זון פון נחור איז גיוועזן ביים נמרוד אונ ביי אלי זייני קנעכט זייער חשוב . אונ ער אונ די שרים האבן אים זייער ליב גהאט . אונ תרח האט גנומן אוייב אונ זיא הט גהייסן אמתלאה זיא איז גוועזן די טאכטר פון כרנבו אונ זיא הט אים גוויגן איין זון אונ תרח איז דעמאלט אלט גוועזן זיבעציג יאר . אונ תרח איז דעמאלט אלט גוועזן זיבעציג יאר . אונ תרח הט אים אנאמן גגעבן אברם ווארום אברם איז טייטש הוך צו זאגן אז דער מלך נמרוד האט אים דר הייבט איבר אלי שרים וואס זענין ביי אים גוועזן :

ויהי אונ עס איז גוועזן די נאכט וואס אברם איז גבורן גווארן . זענין גקומן אלי קנעכט פון תרח אונ אלי חכמים אונ מכשפים פון נמרוד אונ האבן גגעסן אונ גטרונקן ביי תרח איין גאנצי נאכט . אונ בשעת זיי זענין אוועק גגאנגין פון תרח האבן אלי חכמים אונ מכשפים אוף גהובן זייערי אוגן צום הימל אונ צו די שטערן האבן זיי גזעהן אז איין גרוסר שטערן קומט פון מזרח זייט אונ איז גלאפין אונ האט איין גשלונגן פיר שטערן פון פיר זייטן . האבן זיך פאר וואונדרט אלי חכמים אונ מכשפים אוף דר זאך . אונ דיא חכמים האבן פאר שטאנן די זאך אונ איינר זאגט צום אנדרן דאס קינד וואס איז גבורן גווארען היינטוגע נאכט צו תרח דס קינד וועט גרוס ווערן אונ וועט זיך זייער מערן אונ זייני קינדער וועלן ארבן דאס לאנד . אונ אלי חכמים אונ מכשפים זענין גנאנגן אהיים . ויהי אונ אז עס איז גקומן אין דר פרי . זענן זיי אלי אוף גשטאנן אונ אלי האבן זיך איין גזאמלט אין ראט הוז איין עצה צו האלטן . הט איינר גזאגט צום אנדרן דס וואס מיר האבן גזעהן ווייסט דאך נמרוד דר פון ניט אונ אז עס וועט קומן צום סוף וועט ער צו אונז זאגן פאר וואס הט איר מיר ניט מודיע גוועזן וועט ער אונז אלי לאזן שטראפן . ועתה אונ אצונד לאזין מיר גיין צו נמרוד אונ מיר זאלן אים דר ציילן וואס מיר האבן גזעהן . אונ זיי האבן אזו גטאן אונ זענן גקומן אונ האבן זיך גביקט צו אים אונ האבן גזאגט מיר האבן גהערט אז עס איז גבורן גווארן איין זון צוא תרח . אונ מיר זענן נעכטן צו אים גקומן אונ מיר האבן גגעסן אונ גטרונקן אונ זענן גוועזן לוסטיג . אונ אז מיר זענין אהיים גנאנגן שלאפן . האבן מיר אוף גהובן אונזערי אוגין צום הימל האבן מיר גזעהן אז עס איז גקומן איין גרוסר שטערן פון מזרח זייט וואס פון דארט גייט אוף די זון . אונ לופט זייער שטארק אונ הט איין גשלינגן פיר אנדרי גרוסי שטערן . אונ אז מיר האבן דס גזעהן האבן מיר זיך זייער פאר וואונדערט דרוף אונ מיר האבן זיך דר שראקן . אזו האבן מיר בטראכט דיא זאך אז דס בטייט אז דאס קינד וואס איז גבורן גווארן צו תרח וועט ווערן גרוס אונ שטארק אונ וועט בייא קומן גבורים אונ וועט האבן מדינות ער מיט זייני קינדר :

ועתה אונ אצונד אדונינו נמרוד מיר האבן דיר מודיע גוועזן דיא זאך וואס מיר האבן גזעהן . איז אונזר עצה אז אדונינו זאל געבן צו תרח פול געלד פר זיין קינד אונ מען זאל דס קינד אום ברענגן איידר עס וועט אוף וואקסן אוף דר ערד . וייטב אונ נמרוד איז וואל געפעלן די זאך אונ האט געשיקט נאך תרח אונ

הט גזאגט צו תרח . עס איז מיר גזאגט גוואָרן אז היינטוגע נאכט איז ביי דיר גבורן גוואָרן אזון . אונ אזו איז גזעהן גוואָרן אוף דעם הימל דרום אצונד גיב דם קינד . אונ איך וועל דיר געבן פול גאלד אונ זילבער . אונ תרח ענפערט אבר ווער וועט ירשונן דס געלד :

ויהי אונ אז נמרוד הט געהערט די רייד פון תרח איז ער גוואָרן אין כעס אונ ווי תרח הט דס גזעהן הט ער גזאגט מיין הער אלדונג אפילו דס קינד זאל אוך געגעבן ווערן צו מיין הער געלד גאר זאלסט מיר לאזן צייט דריי טאג איך וויל מיך מישב זיין מיט מיין ווייב . אונ נמרוד הט אים געגעבן צייט דריי טאג אז עס איז גקומן דר דריטר טאג האט נמרוד גשוקט צו תרח אזו צו זאגן שיק מיר דיין קינד פר דעם געלד וואס איך וויל געבן אונ אוב דו וועסט ניט אזו טאן . וועל איך לאזן טייטן דיך אונ אלי וואס אין דיין הויז זענן פר האנדן . וימהר אונ תרח איילט אונ נעמט איין קינד פון זייני קנעכט וואס איין שפחה האט דעם זעלבוגן טאג גווינן אונ האט דס קינד גבראכט צו נמרוד . אונ גאט ב״ה איז אוך גוועזן צו הולף אין דער זאך כדי נמרוד זאל ניט טייטן אברם . אונ נמרוד טייט דס קינד פון תרח דען ער הט גמיינט אז דאס איז אברם . אונ די זאך איז פר געסן גוואָרין פון מלך . אונ דס איז אלץ גוועזן פון גאט ב״ה כדי אברם זאל ניט גיטייט ווערן :

ותרח אונ תרח הט גנומן אברם מיט די מוטר אונ די זייגרן אונ הט זיי בהאלטן אין איין הייל . אונ גאט ב״ה איז גוועזן מיט אברם אין דר הייל אונ אברם איז גרוס גוואָרן אונ איז גוועזן אין דר הייל צעהן יאר . אונ הרן דר זון פון תרח ברודר פון אברם וואס איז גוועזן עלטר פון אברם הט גנומן א ווייב ער איז אלט גוועזן ניין אונ דרייסיג יאר אונ זיא הט גווינן א זון אונ רופט אים לוט . אונ זיא הט גווינן איין טאכטר אונ מען הט זיא גרופן מלכה אונ זיא האט גווינן נאך א טאכטר אונ מען הט זיא גרופן שרי . אונ הרן איז אלט גוועזן צווי אונ פערציג יאר בשעת אז שרי איז גבורען גיוואָרן . אונ אברם איז אלט גוועזן צעהן יאר בשעת אז שרי איז גבורן גוואָרן . אונ אין דער זעלבר צייט איז אברם אונ זיין מוטר אונ זיין זייגרן ארוס גגאנגן פון דר הייל דען נמרוד הט שון פר געסן אן אברם . אונ אברם איז ארוס גגאנגן פון דר מערה איז ער גגאנגן צו נח אונ צו זיין זון שם . אונ לערונט פון זיי גאטס מוסר . אונ קיין שום מענטש הט ניט גוויסט . אונ אברם הט באדונט נח מיט שם ניין אונ דרייסיג יאר . אונ אברם הט דר קענט גאט ב״ה זינד ער איז אלט גוועזן דריי יאר . אונ אברם איז גגט גוועזן אונ איז גגאנגן אין גאטס וועג ביז אין טוט אריין אזו ווי נח אונ שם האבן אים גלערונט . אונ אלי מענטשן וואס זענן גוועזן אוף דר ערד האבן מורד גוועזן אן גאט ב״ה אונ האבן גדינט אפ געטר . אונ זיי האבן גאר פר געסן אן גאט וואס ער הט זיי בשאפן אונ איטליכר בזונדר האט זיך גמאכט איין אפ גאט פון האלץ אונ שטיינר וואס ער קען ניט רידן אונ ניט הערן . אונ נמרוד מיט זייני קנעכט אונ תרח מיט זיין גאנץ הויזגזינד האבן אן גהובן צו דינן די אפ געטר . ויהי אונ צו תרח איז גוועזן צוועליף גרוסי אפ געטר אוף צוועליף חדשים . אונ איטליכן חודש הט ער גדינט אבזונדרן אפ גאט אונ הט מקריב גוועזן צום אפ

גאט אפרעזענט אונ אג שאנק . אונ אזו הט ער גטאן איטליכן חודש צו זיין
אפ גאט . אונ הט זיך צו זיא גביקט אונ גדינט . אונ אלי מענטשן פון דור
האבן אוך אזו גטון אונ האבן זיך גמאכט אפ געטר . אונ דעם רעכטן גאט ב"ה
האבן זיי פר לאזט . אונ אברם דר זון פון תרח איז דר וואקסן גוואָרן ביי נח
אין הויז אונ קיין שום מענטש הט ניט גוויסט אז גאט ב"ה איז מיט אברם .
אונ ער הט גוויסט אז אליץ וואס דס זעלביגי דור טוט וואס זיי דינן צו די אפ געטר
איז איין נארישקייט דען זיי קענין ניט העלפן . ויירא אונ אז אברם הט גזעהן
די זון שיינן הט ער גמיינט אז דאס איז גאט אונ ער הט גוואלט אים דינן אונ
הט גדינט דיא זון אגאנצן טאג אונ האט תפלה גטאן צו איר . אונ ווי עס איז
גיקומן פר נאכט איז דיא זון פר גאנגן אונ עס איז פינצטער גוואָרן הט ער אוף
גהובן זייני אויגן אונ הט גזעהן אז די זון איז ניט דא . הט אברם דר קענט אז
דס איז ניט גאט . דר ווייל הט אברם דר זעהן די לבנה אונ די שטערן . הט
אברם גמיינט אז דס איז אגאט אונ די שטערין זענן קנעכט . הט אברם תפלה
גטאן צו איר אגאנצי נאכט . אונ ווי עס איז גקומן אונ דר פריא הט ער ווידר
דר זעהן די זון . הט אברם גזאגט ניין דס איז אוך ניט גאט נאר זייני קנעכט :
וישב אונ אברם הט זיך גזעצט ביי נח אין הויז הט אברם דר קענט וואס גאט
ב"ה איז . אונ דר מלך נמרוד הט גקיניגט זיכרליך אונ די גאנצי וועלט איז
גוועזן אונטער זיין האנד אונ די גאנצי וועלט איז גוועזן איין לשון . אונ אלי שרים
פון נמרוד כוש אונ מצרים אונ פוט אונ כנען האבן איין עצה גהאלטן אונ דר
צייט . אונ איינר זאגט צום אנדערן בריוט איי: אן מיר וועלן בויען אשטאט
אונ אין דר שטאט וועלן מיר מאכן אגרוסן פאלץ גאנץ הוך . אונ די הייך זאל
זיין ביז צום הימל . אונ מיר וועלן זיך מאכען אנאמן כדי מיר זאלן גוועלטיגן
איבר דר גאנצר וועלט . כדי מיר זאלן ניצול ווערן פון ביוז פון אונזערי פיינד
אונ מיר וועלן קינגן איבר זיי מיט גוואלד . אונ זענן אלי גקומן פר דעם מלך
אונ האבען אים גזאגט דיא דאזיגע רייד איז עס דעם מלכות וואל גפעלן :
ויתקבצו אונ אלי משפחות האבען זיך איין גזאמילט איין ערך פון זעקס מאל
הונדרט טויזנד מענטשן אונ זענן גגאנגן אונ האבן גנומן אברייט לאנד צו בויען
דיא שטאט אונ דעם טארום אונ האבן גזיכט אופן גאנצן לאנד האבן זייא ניט
גפונן אזו איין לאנד אין מזרח זייט ווי דס לאנד שנער . אונ די לענג פון דעם
לאנד איז אזו ווי צוויי יאר גאנג אונ זענן גגאנגן אלי אהין אונ האבן זיך דארט
בזעצט : ויחלו אונ זיי האבן אן גהובן צו מאכן ציגל צו בויען די שטאט אונ
דעם טארום אונ דאס בויען איז גוועזן צוא ווידר שפעניגן אן גאט אונ האבן
גטראכט אין הארץ מלחמה צו האלטן מיט גאט אונ ארוף צו גיין אוף דעם
הימל . אונ זיי זענן גוועזן כתות איין כתה האט גזאגט מיר וועלן ארוף גיין אוף
דעם הימל אונ וועלן דארט מלחמה האלטן אונ די אנדרי כתה הט גזאגט מיר
וועלן ארוף גיין אוף דעם הימל אונ מיר וועלן דארט שטעלן אונזר אפ גאט אונ
מיר וועלן דארט אים דינן אונ די דריטע כתה הט גזאגט מיר וועלן ארוף גיין
אוף דעם הימל אונ וועלן שיסן מיט פיילן . אונ גאט הט גוויסט זייערי שלעכטי
מחשבות . אונ די מענטשן האבן גזעהן אז מען זאל בויען די שטאט אונ דעם

טארעם

טארום . אונ בשעת זיי האבן אן גהובן צו בויען האבן זיי גבוט אגרוסי שטאט
אונ אגרוסן טארום אונ ער איז שון אזו הוך גוועזן אז מען הט בדארפט צו דער
לאנגן ציגעל אודר ליים צום בעל מלאכה האט גדויערט אגאנץ יאר . אונ אז
אציגיל איז אראפ גפאלן האבן זיי אלי גוויינט דריבר מער וויא אמענטש זאל
אראפ פאלן אונ שטארבן . אונ גאט ב"ה הט גוויסט זייערי מחשבות . אונ אין
דר צייט האבן זיי גווארפן פיילן צום הימל . אונ אז די פיילן זענין אראפ גפאלן
צו ריק זענין די פיילין גוועזן רוט אונ אז זייא האבן דר זעהן אז דיא פיילין זענין
גוועזן רוט וויא בלוט האט איינר גזאגט צום אנדרן אצונד האבן מיר שון דער
שלאגן אלי וואס זענין אין הימל אונ דאס איז אלץ גוועזן פון גאט ב"ה כדי זייא
זאלן פר טיליגט ווערן פון דר ערד : ויבנו אונ זיי האבן גבויעט די שטאט אונ
דעם טארום אונ האבן גיטאן אזו פון טאג צו טאג ביז עס איז דר פילט גווארן
פול טעג אונ גאט הט גזאגט צו די זיבציג מלאכים וואס שטייען צום ערשטן
פר דעם כסא הכבוד אזו צו זאגן לאזן מיר נידערן אונ פר מישן זייערי רייד כדי
זיי זאלן ניט קענן פר שטיין וואס איינר רעד צום אנדרן אונ גאט הט אזו גטאן .
ויהי אונ עס איז גוועזן פון דעם טאג אן אונ ווייטר האבן זיי פר געסן דם לשון
אונ איינר הט ניט גוויסט וואס דר אנדרר רעד אונ אז דר בעל מלאכה האט
גנומען פון אנדערינס האנד ליים אודר ציגל אודר שטיינר וואס ער הט אים נאר
ניט גזאגט הט דר בעל מלאכה אוף אים אוואורף גיטאן איז ער גשטארבן אונ
האבן אזו גטאן פול טעג איז פון זיי אום גשטארבן פול מענטשין אבר דער
זאך . אונ גאט ב"ה הט גשלאגן די דריי כתות מענטשן אונ הט זיי גשטראפט
נאך זייערי מעשים אונ נאך זייערי מחשבות . די ערשטי כתה וואס זיי האבן
גזאגט אז זיי וועלין ארוף גיין אוף דעם הימל אונ וועלן דארט דינן אפ געטער איז
פון זיי גווארן חיות אונ די אנדרי כתה וואס זיי האבן גזאגט אז זיי וועלן ארוף
גיין אוף דעם הימל אונ וועלין שיסן מיט פיילן דיא זענען גהרגית גווארן איינער
דורך דעם אנדרן אונ די דריטע כתה וואס האבן גזאגט מיר וועלן גיין אין הימל
אריין מלחמה האלטן הט גאט ב"ה זיי פאר שפרייט אוף דער גאנצר וועלט .
איבר דעם הט מען גרופן דאס ארט בבל ווייל דארט הט גאט ב"ה פר מישט
די רייד פון דר גאנצר וועלט אונ דם ארט איז אין מזרח זייט אין לאנד שנער .
אונ דעם טארום וואס די מענטשן האבן גיבויעט הט דיא ערד איין גשלינגן איין
דריט חלק אונ אפייער פון הימל הט פר ברענט דם אנדרי חלק אונ דם דריטי
חלק איז איבר גיבליבן . אונ עס איז אום גישטארבן פול מענטשן בייא דעם
טארום וואס הט גאר קיין צאל ניט אונ נאך דעם אז גאט ב"ה הט זיי צו שפרייט
אוף דר גאנצר וועלט האט זיך אפ גטיילט איטליכי משפחה צו איר לשון אונ
איטליכע משפחה האט זיך גבוט איין שטאט אונ האבן אנאמן גגעבן זייער
שטאט אזו ווי מען הט זיי גרופן אודר אזו ווי זייערי קינדר האבן גהייסן . דר
אזו אנאמן וואס עס הט זיך אונ דר זעלביגר צייט גטראפן . אונ נמרוד דער זון
פון כוש איז נאך גוועזן אין לאנד שנער אונ הט גקיניגט איבר זיי אונ האט אוף
גיבוט פיר שטעט . איינה הט ער גרופן בבל צו זאגן אז גאט ב"ה הט פר מישט
די רייד פון דר גאנצר וועלט . אונ די אנדרי הט ער גרופן ארך צו זאגן אז

פון

פון דאנן הט גאט זיי פר שפרייט . אונ די דריטע האט ער גרופן אכד צו זאגן אז איין גרוסי מלחמה איז גוועזן אוף דעם ארט . אונ די פערדי האט ער גרופן כלנה . צו זאגן אז דארט זענן צווא גאנגן גוואָרן אונ עס האבן זיך אום גלאזט אלי בעלי גאוה אונ אלי גבורים . אונ אז נמרוד הט אוף גבוֹעט די פיר שטעט הט ער אין זיי בזעצט זיין פאלק אונ זייני שרים אונ זייני גבורים וואס זענן איבר גבליבן אין זיין קיניגרייך . אונ נמרוד הט זיך בזעצט אין בבל אונ הט גקיניגט זיכרליך אונ די קנעכט פון נמרוד האבן אים גרופן אמרפל . אונ מיט דעם אלים הט זיך נמרוד ניט גקערט צו גאט ב״ה אונ הט גטאן נאך מער שלעכץ אונ הט נאך גלערינט אלי מענטשן שלעכץ . אונ מרדון דער זון פון נמרוד איז נאך גוועזן ערגר פון זיין פאטר אונ הט אוך גמאכט זינדיגן מענטשן אוף דעם זאגט דיא וועלט אמשל מרשעים יצא רשע . אין דער צייט איז גוואָרן א מלחמה צווישן די קינדר פון חם אוף די ערטר וואס זיי האבן זיך גבוֹעט . אונ כדרלעומר דר מלך פון עילם פון דר משפחה פון חם איז ארוס גגאנגן מלחמה צו האלטן מיט די קינדר פון חם אונ האט זיי גמאכט אונטר טעניג אונטר זיין האנד אונ אוך די פינף שטעט אונ לאנד כבר הט ער אוך גמאכט אונטר טעניג אונ זיי האבן אים גדינט צוועליף יאר אונ האבן אים גגעבן צינס . בעת אין דר צייט איז גשטארבן נחור דר זון פון שרוג אונ אין דעם יאר איז אברם אלט גוועזן ניין אונ פערציג יאר אונ נחור הט גלעבט הונדרט אכט אונ פערציג יאר אונ אז אברם איז אלט גוואָרן פופציג יאר איז ער ארוס גגאנגן פון נחם הוז אונ איז גגאנגן צו זיין פאטרם הוז אונ אברם הט גדינט גאט ב״ה אונ איז גגאנגן אין זיין וועג אונ גאט ב״ה איז גוועזן מיט אים אונ תרח איז נאך גוועזן איין חשוב ביי דעם מלך נמרוד אין דר צייט אונ תרח הט נאך גדינט זייני אפ געטיר וואס זענן גוועזן אום האלץ אונ אום שטיין אונ אברם איז אריין גקומן אין זיין פאטרם הוז אונ צוועליף אפ געטר זענן גשטאנן אין הוז אונ אז אברם הט דס דר זעהן איז ער גוואָרן זייער אין כעס אונ האט גזאגט איך שווער ביי גאט ב״ה אז אונ דריי טעג ארום וועל איך צו ברעכן אלי אפ געטר וואס דא איז פר האנדן אונ אברם איז ארוס גגאנגן פון פאטר אונ דר צארן הט גברענט אין אים אונ אברם הט גאיילט פון זיין פאטרם קאמר אונ איז גגאנגן אין הינטרשטן הוז אונ האט גפונן זיין פאטר זיצן מיט אלי זייני קנעכט איז אברם גגאנגן אונ הט זיך גזעצט פארן פאטר אונ הט גפרעגט דעם פאטר זאג מיר ווי איז דר גאט וואס הט בשאפן הימל אונ ערד אונ אלי מענטשן אונ אונז אוך . ווייען אונ תרח ענפרט צו זיין זון אברם דר וואס איז ביי אונז אונ שטוב דר הט אונז בשאפן אונ אברם זאגט צום פאטר ווייז מיר דא הט גנומן תרח אברמן אונ הט אים אריין גפירט אין אינעווייניגסטן הוף אונ ווייזט אים די צוועליף גרוסי אפ געטר אונ אוך קליינע גאר אן איין צאל אונ תרח זאגט צו אברם די דאזיגי האבן בשאפן די גאנצי וועלט אונ תרח בוקט זיך צו אלי זייני אפ געטר אונ איז פון דארט ארוס גגאנגן אונ אוך אברם . ורוח אונ דיא נבואה פון גאט הט גרוהט אוף אברם די זעלבי נאכט אונ אברם זאגט ווי אוף דעם גאנצן דור וואס דס הארץ הט זיך גנייגט נאך נארישקייט אונ קענען ניט דעם ווארן גאט וואס ער הט בשאפן הימל אונ

ערד אונ ווי אברם הט גזעהן די אלי זאכן הט דר צארן גגרומט אונ אים אונ
ער הט די היידנישי געצן צו בראכן אונ תרח קומט אהיים אונ הערט דאס קול
וס מען הט גהאקט מיט דער האק אונ דעם חדר . ווירץ אונ תרח איז גלאפן
אין חדר אריין ווי די אפ געטר זענן גוועז הט ער גפונן אז זיין זון אברם גייט
ארום פון דארט אונ תרח איז אריין גגאנגן אין חדר גפינט ער אז אלי אפ געטר
זענן צו בראכן אונ ווי תרח הט דר זעהן וס אברם הט גטאן הט תרח גאיילט
אונ איז גגאנגן צו נמרוד . זאגט נמרוד צו אים וואס איז דיר הט תרח גזאגט
איך בעט דיך מיין האר דו זאלסט צו הערן מייני רייד ביי מיר איז פר האנגן אזון
ער איז אלט פופציג יאר אונ אזו הט ער גטאן צו מייני אפ געטר אונ אזו הט
ער גרעד צו מיר אצונד בעט איך דיך מיין הער שיק נאך אים אונ מען זאל אים
אום ברענגן כדי מיר זאלן בשעריטט ווערן פון זיין שלעכטס אונ נמרוד שיקט
דרייא מענטשן פון זייני קנעכט אונ ויי האבן גבראכט אברמן אונ נמרוד זאגט
צו אברם זאג מיר וס האסטו גטאן צו דיין פאטר אונ צו זייני אפ געטר . וויען
אונ אברם הט גענפרט ווי ער הט גענפרט צום פאטר אונ אז נמרוד הט דר
הערט די דאזיגי רייד פון אברם הט ער גהייסן אז מען זאל אים זעצן אין תפיסה
אריין . אין צעהנטן טאג הט נמרוד גבאטן מען זאל אום ציהן אברם אוס דר
תפיסה אונ מען זאל אים ברענגן אונ אריין ווארפן אין קאלך אובן צו פר ברענגן .
וכל אונ אלי קנעכט אונ שררות אונ גבורים פון לאנד שטייען אקעגן דעם
קאלך אובן צו זעהן אברם אונ אלי האבן זיך איין גזאמלט אונ האבן זיך
גשטעלט פון וויטנס אונ עס איז ניט איבר גבליבן קיין שום מענטש וואס ער
זאל ניט קומן צו זעהן אברם אונ אז מען הט גבראכט אברם פון דער תפיסה
האבן די מכשפים גזאגט ארוני דאס איז דאך דר מענטש וס מיר האבן גזעהן
בשעת ער איז גבורן גוואהן האט איין גרוסר שטערן איין גשלינגן פיר שטערן
אזו ווי מיר האבן דר ציילט אונ אצונד האט זיין פאטר אן דיר מורה גוועזן אונ
גנארט ער הט גבראכט אנאנדר קינד אונ אז נמרוד הט דס דר הערט הט אין
אים גברענט דר צארן אונ הט גבאטן מען זאל ברענגן תרח פר אים אונ מען
הט גבראכט תרח הט נמרוד גזאגט צו תרח האסטו גהערט וס די מכשפים
האבן גזאגט אונ אצונד זאג מיר דעם אמת אונ ווי תרח זעהט אז דר צארן גרימט
זייער ביי נמרוד הט תרח גזאגט עס איז אלץ אמת וס די מכשפים האבן גזאגט
דען איך האב זייער רחמנות גהאט אוף מיין קינד האב איך גנומן דס קינד פון
מיין דינסט אונ האב דס גבראכט אונ דרוף האט מיר מיין גרוסר זון הרן איין
עצה גגעבן אונ הרן איז אלט גוועזן צוויי אונ אכציג יאר אונ הרן האט אים גאר
קיין עצה געבן דרוף אונ תרח הט גזאגט כדי ער זאל זיך מציל זיין פון טוט .
הט נמרוד גזאגט צו תרח דר פר וס דיין זון הרן הט דיר איין עצה גגעבן דר
פר זאל מען אים פר ברענין מיט אברם אונ הרן האט זיך גטראכט אין הארץ
ווערט אברם ניצול ווערן וועל איך אוך מיט אים ניצול ווערן פון פייער אונ אז
תרח הט ארוף גלייגט די זאך זיין זון הרן הט ער אוף גהערט צו ריידן דר פון :
ויצו אונ נמרוד הט גבאטן מען זאל נעמן הרן מיט אברם אונ מען זאל אריין
ווארפן אין קאלך אובן . ויקחו אונ דיא קנעכט האבן גנומן אברם אונ הרן

אונ האבן אום גטאן פון זיי די קליידר אונ האבן געבונדן זייערי הענד אונ פוס א״נ האבן זיי אין קאלך אובן אריין גווארפן אונ גאט ב״ה הט זיך דר בארומט איבר אברם אונ גרעדט צו אים אונ בשערומט אברם פון פייער אונ פון אברם איז מער ניט פר ברענט גווארן נאר די שטריק וואס ער איז גוועזן געבונדן אונ אוף די מענטשן וואס האבן זיי אריין גווארפן אין קאלך אובן איז אוף גגאנגן אפלאם פון פייער צו זיי אונ עס זענין פאר ברענט גווארן צוועלף מענטשן אונ אברם איז גוועזן אין קאלך אובן דריי טאג אונ דרייא נעכט אונ איז ארום גגאנגן אונ אלע קנעכט פון נמרוד האבן דס גזעהן זענן די קנעכט גקומן אונ האבן אים גזאגט מיר האבן גזעהן אז אברם גייט ארום אין פייער נאר די שטריק וואס ער איז גוועזן געבונדן זענן יוא פר ברענט גווארן אונ אז נמרוד הט דס דר הערט הט ער ניט גוואלט גלייבן אונ הט גשיקט אנדרי הערן צו זעהן די דאזיגי זאך זענן זיי גגאנגן צוריק אונ האבן אים גזאגט אז די זאך איז אמת . ויקם איז נמרוד אוף גשטאנען אונ איז גגאנגן אוך זעהן די זאך הט ער גזעהן אז אברם גייט ארום אין פייער אהין אונ אהער אונ הרן איז פאר ברענט הט ער זיך דרוף זייער פר וואונדערט :

ויצו אונ נמרוד גביט מזאל אום ציהן אברם פון פייער האבן די קנעכט גגאנגט אז מזאל אים אום ציהן האבן זיי ניט גקענט דען דר פלאם איז גגאנגן קעגין זיי זענין די קנעכט אנטלאפן גווארן פון אים הט ער גשריגן צו זיי איילט אונ ציהט אום אברם פון פייער איר ווערט ניט שטארבן זענין גגאנגן דייא קנעכט אום ציהן אים איז אוף גגאנגן אוף זיי דר פלאם אונ זענין פר ברענט גווארן :

ויירא אונ אז נמרוד הט גזעהן די קנעכט קענין ניט צו גיין צום פייער הט ער גרופן צו אברם אונ זאגט צו אים אברם דער קנעכט פון גאט וואס האט בשאפן הימל אונ ערד גיי ארוס פון פייער אונ קום צו מיר אונ אברם הט צו גהערט דיא רייד אונ איז ארוס גגאנגן פון פייער האט נמרוד מיט זייני קנעכט גזעהן אז אברם איז ארוס גגאנגן אונ עס איז מער ניט פר ברענט גווארן פון אברם נאר די שטריק וואס ער איז גוועזן געבונדן :

ויאמר הט נמרוד גזאגט צו אברם פר וואס ביסטו ניט פאר ברענט גווארן אין דעם פייער זאגט אברם איך האב מיך פר זיכרט אין גאט וואס הט בשאפן הימל אונ ערד אונ ער הט מיך מציל גוועזן אבר מיין ברודר הרן איז פר ברענט גווארן אין דעם פייער אונ מען הט אים גזוכט האט מען גפונין אז ער איז פאר ברענט אונ הרן איז אלט גוועזן צוויי אונ אכציג יאר בשעת מען הט אים אריין גווארפן אין קאלך אובין . אונ נמרוד אונ אלי זייני שררות האבען גזעהן אז אברם איז ניצול גווארן פון פייער זענין זיי אלי גקומן אונ האבן זיך גבוקט צו אברם . ויאמר הט אברם גזאגט צו זיי בוקט אייך צום גאט וואס הט בשאפן די גאנצי וועלט אונ גייט אין זיין וועג דען ער הט מיך מציל גוועזן פון פייער אונ גאט ב״ה בשאפט אלי לייבר אונ באשערימט אלי די וואס פר זיכערין זיך אוף אים פון אלי קרענק . אונ עס איז אגרוס פר וואונדרונג גוועזן אז אברם איז ניצול גווארן אונ הרן איז פר ברענט גווארן : ויתן אונ נמרוד הט גגעבן צו אברם פיל מתנות אוך צוויי קנעכט וואס זענין ביי אים גוועזן איינר הט גהייסן עוני אונ דר אנדרר אליעזר אוך אלי שררות האבן אים גגעבן גרויסי מתנות אונ

ער איז פון זיי אוועק גגאנגן לשלום אונ אז אברם איז אוועק גגאנגן זענין אים נאך גגאנגן פיל מענטשן אונ אברם איז גגאנגן צום הויז פון זיין פאטר אונ הט גדינט גאט ב"ה אלי זייני לעב טאג אונ הט גלערינט אלי מענטשן אז זיי זאלן דינן גאט ב"ה פון דעם טאג אן אונ ווייטר: בעת אין דר צייט הט אברם אונ זיין ברודר נחור גנומן ווייבר דיא טעכטר פון זייער ברודר הרן דאס ווייב פון נחור הט געהייסן מלכה אונ דם ווייב פון אברם הט גהייסן שרי. אונ שרי דם ווייב פון אברם איז גוועזן איין אום טראכטרין אונ אברם איז אלט גוועזן צוויי אונ פופציג יאר אונ אז ער איז ארויס גגאנגן פון פייער איז נמרוד גזעסין אוף דר מלוכה שטול אין בבל. אונ אליעזר דר קנעכט פון אברם וואס נמרוד הט אים גשענקט איז גוועזן אין דר צייט ביי נמרוד הט ער געהערט ווי אנוקי הט איין עצה געגעבן מען זאל אברם טייטן איז אליעזר גלייך גגאנגן צו אברם אונ הט אים מודיע גוועזן אונ זאגט צו אים שטיי אוף אונ אנטלויף דען אזו אונ אזו הט גחליטת דעם נמרוד אונ אזו הט אים דר אנוקי פותר גוועזן. אונ ווי אברם הט דר הערט די רייד פון אליעזר הט ער זיך בגעבן צו נח אונ צו זיין זון שם אונ איז ניצול גווארן. ויבא אונ תרח קומט צו נח צוא זעהן זיך מיט זיין זון. אונ אברם זאגט צו זיין פאטר תרח דו ווייסט וואל אז נמרודס יועצים ווילן מאכן פר לירן מיין נאמן פון דר וועלט. אצונד זאג איך דיר מיר זאלן פון דאנן אוועק גיין צום לאנד כנען. ווארום טאטר וועסטו אויך גהרגית ווערן איבר מיר דען ניט מחמת ליבשאפט האט מען דיר גטאן כבוד. אונ אוב מען וועט דיר נאך טאן פיל טובות איז דם אויך איין נארישקייט ווארום דאס גאנצי גוטס פון דער וועלט העלפט ניט אז עס קומט דר צארין פון גאט ב"ה אונ אצונד פאר נעם מייני רייד אונ לאזין מיר גיין צום לאנד כנען אונ טוא בעסר דינן דעם גאט וואס הט דיך בשאפן אוף דר ערד אונ פר לאז די נארישקייטן וואס דוא ביסט נאך דעם נאך גלאפין. אונ ווי אברם הט אוף געהערט צו ריידן האט נח אונ זיין זון שם גזאגט צו תרח עס איז אמת וואס אברם הט צו דיר גזאגט בבן זאלסטו אים צו הערין וואס ער וועט דיר זאגין: וישמע אונ תרח הט צו געהערט די רייד פון זיין זון אברם אונ הט גטאן ווי אברם הט געהייסן ווארום דם איז גוועזן פון גאט ב"ה כדי נמרוד זאל ניט הרגנין אברם. אונ תרח נעמט זיין זון אברם אונ לוט דעם זון פון הרן אונ זיין שנור דאס ווייב פון אברם אונ גאר זיין הויז גזינד אונ גייט מיט זיי ארויס פון כשדים צו כנען אונ אז זיי זענין גקומן קיין חרן האבן זיי זיך דארט באזעצט אונ אז דיא מענטשן פון חרן האבן גזעהן אז אברם איז רעכט פארטיג מיט גאט ב"ה אונ אויך מיט אלי מענטשן אונ גאט ב"ה איז מיט אים זענין גקומן צו אים די מענטשן פון חרן אונ האבן זיך בהעפט צו אברם אונ אברם הט זייא גלערינט דעם וועג פון גאט ב"ה אונ אברם איז גזעסין אין חרן דריי יאר אונ אז עס איז גוועזן דר סוף פון די דריי יאר הט זיך גאט צו אים באוויזן אונ הט צו אים אזו גזאגט איך בין דר גאט וואס הט דיך אום נצוגין פון אור כשדים אונ האב דיך מציל גוועזן פון אלי שונאים אונ אז דוא וועסט צוא הערין מיין גבאט וועל איך מאכן פאלין אלי דייני פיינד פון פאר דיר אונ וועל מערין דייני קינדר ווי די שטערין אין הימל אונ וועל שוקן איין ברכה אין אלי

דייני מעשים . אונ אצונד שטיי אויף אונ נעם דיין ווייב אונ אלדונג ווס דוא האסט אונ גיי צום לאנד כנען אונ זאלסט דארט זיצן אונ דארט וועל איך צו דיר זיין איין גאט אונ איך וועל דיך דארט בענטשין אונ אברם איז אויף גשטאנן אונ האט גנומן זיין ווייב אונ אלדונג וואס ער האט גהאט אונ איז גגאנגן צום לאנד כנען אזו וויא גאט האט אים גזאגט אונ אברם איז אלט גוועזן פינף אונ פופציג יאר בשעת ער איז ארוס גגאנגן פון חרן אונ אברם איז גקומן צום לאנד כנען אונ הט זיך בזעצט אין איין שטאט אונ הט גנייגט זיין גצעלט צווישן די קינדר פון כנען ווס זיי זענין גוועזן די זיצרס פון לאנד : ויירא אונ גאט האט זיך בוויזן צו אברם בשעת ער הט זיך בזעצט אונ זאגט צו אים דס איז דס לאנד ווס איך וועל געבין צו דיר אונ צו דייני קינדר אונ וועל מאן דייני קינדר ווי די שטערין אין הימל אונ איך וועל געבן צו דייני קינדר אלי די דאזיגי לענדר ווס דו זעהסט זיי אונ זיי וועלן דס ירשינן אונ אברם האט גבועט איין מזבח אויף דעם אורט ווי גאט הט מיט אים גרעד אונ הט גרופן דארט אין דעם נאמן פון גאט ב"ה . אונ אברם איז גוועסין אין לאנד כנען מיט זיין ווייב אונ מיט אלי מענטשן ווס האבן זיך בהעפט צו אים אונ לאנד כנען נייערט נחור דר ברודר פון אברם אונ תרח זיין פאטר אונ לוט דער זון פון הרן זענין גוועסין אין חרן : בשנת אונ פינף יאר ארום אז אברם איז גוועסין אין לאנד כנען האבן מורד גוועזן

די מענטשן פון סדום אונ עמורה אונ אלי שטעט פון כנען אין כדרלעומר מלך פון עילם דען צוועליף יאר האבן אים גדינט אלי מלכים פון לאנד כבר אונ האבן אים גגעבן צינס אלי יאר אונ אצונד האבן זיי מורד גוועזן אן אים : ובשנת אז עס איז גוועזן דס צעהנטי יאר אז אברם איז גוועסין אין כנען איז גוועזן

א מלחמה צווישן נמרוד מלך פון שנער אונ כדרלעומר מלך פון עילם . דען נמרוד האט גהערט אז דיא מענטשן פון סדום האבן מורד גוועזן אין כדרלעומר איז נמרוד גקומן מלחמה האלטן מיט כדרלעומר כדי צו מאכן אים אונטר טעניג אונטר זיין האנד אונ נמרוד הט איין גזאמלט אלי זייני קנעכט זיבן טויזנט מאן אונ גייט צו כדרלעומר מלחמה האלטן אונ כדרלעומר איז אים אקעגין גגאנגן מיט פינף טויזנט מאן אונ זיי מאכן א מלחמה אין פעלד פון בבל דען בבל איז צווישן שנער אונ עילם . איז פון נמרודס חיל גפאלן זעכס טויזנט מאן אונ מרדון דר זון פון נמרוד איז אויך גהרגית גוואורן . אונ נמרוד איז אנטלאפין גוואורן צו זיין לאנד אונ איז גוואורן אונטר טעניג צו כדרלעומר פיל טעג אונ כדרלעומר האט זיך אום גקערט צו זיין לאנד אונ הט גשוקט זייני הערין צו די מלכים ווס זענין ארום אים צו אריוך דר מלך פון אלסר אונ תדעל דר מלך פון גוים אונ מאכט מיט זיי איין זיבערהייט אונ אלי האבן אים צו גהערט : ובשנת אז עס איז גוועזן דם פופציטע יאר אז אברם איז גוועסין אין כנען אונ אברם איז דרעמאלט אלט גוועזן זיבעציג יאר אונ גאט האט זיך בוויזן צו אים אונ דעם זעלביגן יאר אונ זאגט צו אים איך בין דר גאט ווס איך האב דיך אום גצוגין פון אור כשדים צו געבין דיר דס דאזיגי לאנד אצונד גיי אונ מייני וועגין אונ האלט מיין היטונג דען צו דיר אונ צו דייני קינדר וועל איך געבין דס לאנד פון טייך מצרים ביז דעם טייך פרת : ואתה אונ דו זאלסט

קומן מיט פריד צוא דיין פאטר אונ מיט גרייזקייט אונ דיין פערדר דור זאל זיך ווידר קערין אין דעם דאזיגן לאנד אונ זאלן דס ארבן אוף אייביג :

ניבן אונ אברם בויעט איין מזבח אונ רופט דעם אייבערשטין מיט דעם נאמין הקב"ה דער וואס האט זיך באוויזן צוא אים אונ אברם ברענגט אוף קרבנות אופין מזבח צו גאט ב"ה. בעת אין די זעלביגי צייט האט זיך אברם אונ זיין ווייב אום געקערט קיין חרן צו זיין פאטר אונ מוטר אונ האט זיך אין חרן בזעצט מיט דעם ווייב אונ מיט אלדונג וואס איז געווען צו אים אונ איז געזעסין דס אנדרי מאל אין חרן פינף יאר אונ עס האט זיך בהעפט צווייא אונ זיבעציג מענטשין פון דער שטאט חרן צוא אברם אונ אברם האט זייא געלערינט דעם מוסר פון גאט ב"ה :

פרשת לך

אין די טעג האט זיך גאט באוויזן צו אברם אין חרן אונ זאגט צו אים פר וואר איך האב גרעד צוא דיר פאר צוואנציג יאר אזו צוא זאגן :

לך לך גייא ארוס פון דיין טובה ווענין פון דיין גבירד אונ פון דיין פאטרס הויז גזונד צום לאנד וואס איך וועל דיר ווייזין צוא געבין דס לאנד דיר אונ צוא דייני קינדר דען אין דעם דאזיגין לאנד וועל איך דיך בענטשין אונ דארט וועל איך דיך מאכן צו איין גרוס פאלק אונ איך וועל אכפערין דיין נאמן אונ עס זאל ווערין גבענטשט מיט דיר אלי משפחות וואס זענין אוף דער ערד אונ אצונד שטיי אוף אונ גיי ארוס פון דר שטאט דיא אונ דיין ווייב אונ אלס וואס דיין איז אונ אוך אלי וואס זענין גוויזן גוואר'ן אין דיין הויז אונ אלי די לייבר וואס דו האסט דיר איין גזאמילט אין חרן אונ קער ווידר צום לאנד כנען : אונ אברם שטייט אוף אונ נעמט זיין ווייב שרי אונ אליץ דס זייניגי אונ אלי די וואס זענין גוועזן אין זיין הויז אונ אוך אלי וואס זיי האבן זיין אמונה אן גנומן אין חרן אונ זענין ארוסגגאנגן צוא גיין צום לאנד כנען . ויבואו אונ זייא זענין גקומן קיין כנען אזו ווי גאט ב"ה האט גהייסן אונ ער האט גנייגט זיין געצעלט אין פלון מורה אונ אוך לוט זיין ברודרס זון מיט אליץ דס זייניגי זענין איך געווען מיט אים . אונ גאט האט זיך ווייטר באוויזן צו אברם אונ האט צו אים גזאגט צו דייני קינדר וועל איך געבין דס דאזיגי לאנד אונ אברם האט גבויעט איין מזבח צו גאט ב"ה וואס האט זיך צו אים באוויזן אונ דער מזבח שטייט נאך אין פלון מורה ביז אין דעם היינטיגן טאג . אין דעם זעלבין יאר איז געווען א גרויסר הונגר אין כנען אונ אלי זיצרס פון כנען האבן ניט גקענט דער לייד'ן דעם גרוסן הונגר . ויקם אונ אברם איז אוף גשטאנן אונ האט גנידרט קיין מצרים אונ איז גקומן צום טייך פון מצרים אונ האט זיך גזעצט אביסל אפ רוען פון וועג ביי דעם בארטן פון טייך . האט אברם אריין גקוקט אין טייך האט ער גזעהן אז זיין ווייב שרי איז זייער שיין . האט אברם גזאגט צו שרי נאך דעם אז גאט ב"ה האט דיך בשאפן מיט אשיין גשטאלט אזו האב איך מורא טאמר וועלן דיא מצרים מיך הרגנין כדי דיך צו נעמן פר אווייב . דרום ווער עס ווערט דיך פרעגין זאלסטו זאגן אז איך בין דיין ברודר כדי מיר זאלן לעבין בלייבן . אונ אברם האט גבעטן צו

אלי

אלי זייני לייט אונ אוך צוא לוט זיין ברודרס זון צוא זאגן אז ווער פון מצרים
וועט פרעגין אוף מיר זאלט איר זאגן אז איך בין איר ברודר . אונ דאך האט
זיך אברם אוף זיי ניט פר לאזט נייערט ער הט גנומן שרי אונ הט זיא בהאלטן
אין אקאסטין ארין . ויבואו אונ אברם מיט זייני לייט זענין גקומן קיין מצרים
האבן די קנעכט פון מלך גפרעגט צו אברם ווס האסטו אין קאסטין . עפין
אוף וועלן מיר זעהן ווס אין קאסטין איז דא . הט אברם גזאגט דעם קאסטן וועל
איך ניט עפנין . אונ וויפיל איר וועט זיך הייסן געבן וועל איך געבן . ענטפרין
דיא קנעכט פון פרעה צוא אברם דיין קאסטין איז פול מיט עדיל גשטיין גיב
אונז דר פון איין צענטיל הט אברם צו זיי גזאגט איך וועל אייך געבין וויפיל
איר ווילט נאר איר זאלט דעם קאסטין ניט עפנין · אבר זיי האבן זיך גשטארקט
מיט גוואלד אונ האבן געפינט דעם קאסטן אונ האבן גזעהן אז עס ליגט איין
אשה מיט זייער אשיין גשטאלט . אזו האבן זיי זיך זייער פר וואונדרט אוף דעם
גרוסן שונהייט פון שרי . אונ זענין גלאפן צו פרעה אונ האבן זיא זייער גלובט
פר פרעה · הט פרעה גשיקט נאך איר אונ וויא ער הט זיא דר זעהן איז זיא אים
זייער גפעלן . אונ פרעה הט זיך זייער גפרייד אונ הט גגעבין גרוסי מתנות
צוא דיא דאזיגי וואס האבן אים די בשורה גזאגט אוף איר . אונ שרי איז גנומן
גווארן צום הויז פון פרעה · אונ אברם הט שטארק צער גהאט . אונ הט גבעטן
גאט ב"ה אז ער זאל זיא בשערמין פון פרעה אונ שרי האט אוך תפלה גטאן
צו גאט ב"ה . אונ גאט ב"ה הט צו גהערט די תפלה פון שרי אונ האט גשוקט
אמלאך זיא מציל צו זיין . אונ פרעה הט גזאגט צו שרי דר מענטש ווס הט
דיך גבראכט אהער ווס איז ער דיינס . הט זיא גזאגט ער איז מיין ברודר האט
פרעה גזאגט צו איר אוף אונז איז מוטל מיר זאלן אים דער הייבן אונ צו טאן
אים אזו איין כבוד ווס דו וועסט אונז הייסן . וישלח אונ פרעה הט גשוקט צו
אברם גאלד אונ זילבר אונ אבנים טובות זייער פיל אונ אוך שאף אונ רינדר
אונ קנעכט אונ דינסטין אונ אז פרעה הט גוואלט גנעהנין צו שרי איז גקומן
איין מלאך אונ הט אים גשלאגן אונ עס איז גוועזן אין דר נאכט איין גרוס גשריי
אין הויז פון פרעה אונ פרעה הט זיך פון איר דר ווייטרט אונ הט גזאגט צו
איר זאג מיר דאך ווער איז דר מענטש וואס איז מיט דיר גקומן קיין מצרים
הט אים שרי גענטפרט ער איז מיין מאן אונ איך האב דיר גזאגט ער איז מיין
ברודר דען איך האב מורא גהאט טאמר וועט מען אים הרגנין . אונ חויא עס
איז גקומן אין הר פריא . הט פרעה גלאזט רופן צו אברם אונ הט צו אים גזאגט
צום איז דם ווס דו האסט מיר גטון פר וואס האסטו מיר גזאגט אז זיא איז דיין
שוועסטער אצונד אז איך ווייס שון אז זי איז דיין ווייב נעם זיא אונ גיי דיר ארוס
פון מיין לאנד אונ פרעה הט גנומן איין יונג פרוי אונ האט זיא גגעבן צו שרי
פאר איין דינסט . אונ אברם איז אוף גשטאנן אונ איז אוף גגאנגן פון מצרים
אונ אוך אלם דם זייניגי אונ פרעה הט גבאטן צו זייני קנעכט אז זיא זאלן גיין
אים בלייטן אונ אברם הט ווידר גקערט צום לאנד כנען אין דר שטאט ארין
ווי ער הט גבויעט דם מזבח אונ אוך וויא זיין גצעלט איז גוועזן צום ערשטין :
וגם אונ אוך צו לוט זיין ברודערס זון איז אוך גוועזן פיל שאף אונ רינדר דען

גאט

גאט ב"ה האט אים באגיטונגט אין זכות פון אברם . אונ וויא זייא זענין גוועסן האבן זיך אן גהובן צו קריגן דיא פאסטעכר פון לוט מיט דיא פאסטעכר פון אברם . דען זייערי בהמות זענין גוועזן פיל אונ אויף דר ערד איז ניט גוועזן אזו פיל פאשי צו ביידי אונ די פאסטעכר פון אברם זענין ניט גגאנגן פאשן אין פרעמדי פעלדר אבר די פאסטעכר פון לוט זענין יוא גגאנגן פאשן אין פרעמדי פעלדר אונ אז די איין וואנערס פון לאנד האבן דר זעהן אז לוטס פאסטעכער פאשן אין זייערי פעלדר זענין זייא גקומן צוא אברם אונ האבן זיך מיט אים גקריגט . הט אברם גזאגט צו לוט פר ווס הייסטו דייני פאסטעכר פאשן אין פרעמדי פעלדר . דו ווייסט דאך אז איך בין איין גר צווישן די קינדר פון כנען אונ ווי קאנסטו דס טאן אונ ווי לאנג נאך וועט זיין איין קריג צווישן אונז שייד דיך אפ פון מיר אונ גיי אונ קלויב דיר אוס איין אורט דוא זאלסט דארט זיצן אונ ווער עס וועט דיר שלעכטס טאן זאלסטו מיר מודיע זיין וועל איך מיך נוקם זיין אין זיי נייערט דו זאלסט דיך דר ווייטרין פון מיר . אונ אז אברם הט אוס גרעד די רייד צו לוט איז לוט אויף גשטאנן אונ הט אויף גהובן זייני אויגין אקעגין לאנד ככר ביי דעם ירדן אונ הט גזעהן אז דאס לאנד איז איין גוט גטרענקט לאנד גוט פר מענטשן אונ אויך גוט פר בהמות . ווילך איז לוט אוועק גגאנגן פון אברם אונ האט גוויינט זיין גצעלט לעבין סדום אונ אברם איז גזעסין אין פלון פון ממרא וואס איז אין חברון אונ האט גוויינט דארט זיין גצעלט אונ איז גזעסין אויף דעם אורט פיל יאר :

בעת אין דר צייט הט גשוקט כדרלעומר מלך פון עילם צו אלי מלכים ווס זענין ארום אים . צו נמרוד מלך פון שנער ווס ער איז גוואורן מיט גוואלד אונטר זיין האנד . אונ צו תדעל מלך פון גוים . אונ צו אריוך מלך פון אלסר אזו צו זאגן גייט אויף צו מיר אונ איר וועט מיר העלפין דר שלאגין די שטעט פון סדום דען זייא האבן אן מיר מורד גוועזן שון דרייצען יאר :

ציעלו די פיר מלכים זענין אויף גגאנגן מיט זייערי חיילות אזו ווי אכט הונדרט טויזנט מאן אונ האבן דר שלאגין אלי מענטשן פון סדום אונ זיי האבן אויך גנומן לוט דעם ברודר זון פון אברם אונ גאר זיין פר מעג אונ דס פר מעג פון סדום . אונ דער קנעכט פון אברם איז גוועזן אין דר צייט אין סדום איז ער גקומן אונ הט דר ציילט צו אברם ווס די מלכים האבן גטאן צו סדום אונ אז זיי האבן גפאנגן לוט אונ ווי אברם הט דס דר הערט איז ער אויף גשטאנן מיט זייני דריי הונדרט אונ אכצען מאן ווס זענין גוועזן מיט אים אונ האבן נאך גיאגט די מלכים אין דר נאכט אונ האבן פיל דר שלאגין אונ אברם הט אום גקערט דס פר מעג פון סדום אונ אויך לוט מיט זייני קינדר אונ מיט זיין פר מעג אונ עס הט ניט גפעלט פון לוטס פאר מעג איין זאך אונ אז אברם הט זיך אום גקערט אהיים איז דר מלך פון סדום אונ זייני מענטשן וואס זענין גוועזן מיט אים ווס זענין ארום גגאנגן פון די לייט גריבר גגאנגן אקיגן אברם מיט זייני מענטשן . אונ מלכי צדק דר מלך פון ירושלים דס איז שם דר זון פון נח איז ארוס גגאנגן מיט זייני מענטשן אקיגין אברם מיט זייני מענטשין מיט ברוט אונ ויין אונ זענין אין איינים גזעסין אין מאל פון מלך . אונ מלכי צדק הט גבענטשט אברם.

אונ

א נ אברם הט אים גגעבן אצענטיל פון זאך רוב . דען דר מלכי צדק איז גוועזן
איין כהן צו גאט ב״ה . ויגשו האבן געגעהנט אלי מלכים פון סדום צו אברם
אונ האבן צו אים גזאגט ער זאל זיי אום קערין די מענטשן אונ דאס פר מעג
זאל זיין צוא אברם אונ אברם האט גזאגט איך שוועער ביא גאט ב״ה וואס הט
בשאפן הימל אונ ערד דס איך וועל ניט נעמן פון איין מענטש ביז דם רימען
פון שיך . איך נעם ביי דיר ניט מער נאר וום מייני מענטשן האבן גגעסין אונ
אויך דם חלק פון ענר אונ אשכול אונ ממרא . אונ די מענטשן פון סדום האבן
געבן דם חלק צו די מענטשן פון אברם אזו ווי אברם הט גזאגט . בעת אין דר
צייט הט זיך גאט ב״ה נייטר בוויזן צו אברם אין חברון אונ הט צו אים גזאגט
דוא זאלסט זיך ניט פארכטין דיין שכר איז זייער פיל . אונ איך וועל דיך ניט
פר לאזין ביז איך וועל דיך בענטשן אונ וועל טאן דייני קינדר אזו ווי שטערין
פון הימל אונ וועל געבין צו דייני קינדר די לענדר וואס דוא זעהסט מיט דייני
אויגין . אונ אברם איז אלט גוואורן אכט אונ זיבעציג יאר אונ שרי איז נאך גוועזן
איין עקרה אין די טעג אונ אז שרי הט געזעהן אז זיא איז איין אום טראכטערין
הט זיא גנומן איר דינסט הגר אונ הט זיא געגעבן צו אברם איר מאן פאר אווייב
אונ אז שרי הט געזעהן אז הגר איז מעוברת גוואורן . האט שרי גטראכט אין איר
הארץ אז הגר איז בעסר פון איר . אונ שרי זאגט צו אברם מיין קלאג איז אויף
דיר דען אין דר צייט אז דו האסט געבעטין גאט ב״ה אז ער זאל דיר געבין קינדר
ווארום האסטו ניט געבעטין אויף מיר אז גאט ב״ה זאל דיר געבין קינדר פון מיר
אונ ווען איך טוא עפיס זאגין צו הגר טוט זיא פר שעמן מייני רייד פר דיר אונ
דו זאגסט איר דר פר גאר ניט גאט זאל צווישן אונז משפטין אויף דעם וום דוא
טוסט מיר :

אונ אברם זאגט צו שרי דיין דינסט איז ביי דיר אין דר האנד טוא מיט איר וום
דיר וואל געפעלט הט שרי זיא געפייניגט איז זיא אנטלאפין פר שרי אין דער
מדבר אונ אמלאך פון גאט הט געפונן צו הגר אין דר מדבר אונ זאגט צו איר
פארכט דיך ניט גאט וועט מערין דייני קינדר דו וועסט גווינן אזון אונ זאלסט
אים אנאמן געבין ישמעאל . אצונד קער ווידר צוא דיין הארינטי שרי . אונ
הגר רופט דם אורט באר לחי רואי דם איז צווישן קדש אונ צווישן דר מדבר
ברד אונ הגר קערט ווידר צו אברם אין הויז . אונ אז עס איז גקומן דער סוף
פון איר טראגן אזו גווינט הגר איין זון צוא אברם אונ אברם רופט זיין נאמן
ישמעאל . אונ אז אברם איז אלט גוואורן ניין אונ ניינציג יאר האט זיך גאט
בוויזן אונ האט צו אים גזאגט איך וועל געבן מיין זיכערהייט צווישן מיר אונ
צווישן דיר אונ איך וועל זייער מערין דייני קינדר . אונ דם איז דם זיכערהייט
וום איך וועל געבן צווישן מיר אונ דיר אז דו זאלסט לאזין בשניידן אלי זכרים
דו אונ נאך דיר דייני קינדר אונ אז עס וועט גבורין ווערין איין זכר אז ער וועט
אלט ווערין אכט טאג זאל מען אים בשניידן אונ דם זאל זיין איין זיכערהייט
אויף אייביג אונ דו זאלסט מער ניט גרופן ווערין אברם נייערט אברהם . אונ
דיין ווייב זאל מער ניט ווערין גרופן שרי נאר שרה אונ איך וועל מערין אייערי
קינדר אונ איר וועט זיין צו אגרוס פאלק אונ מלכים וועלן פון אייך ארוס גיין :

ביקם אונ אברהם איז אוף גשטאנן אונ הט גטאן ווי גאט ב"ה הט אים גבאטן אונ ישמעאל איז דעמאלט אלט גוועזן דרייצען יאר :

פרשת וירא

וירא אונ גאט ב"ה הט זיך בוויזן צו אברהם אין פלין פון ממרא אונ הט גשוקט דריי מלאכים אז זיי זאלן אים בדינן . אונ אברהם איז גזעסן אין דר טיר פון גצעלט אונ הט גזעהן אז דריי מאנן קומן פון וייטן שטייט ער אוף אונ לופט זיי אקעגין אונ הט זייא גבראכט צו זיך אין שטוב אריין . אונ אברהם זאגט צו זיי איך בעט אייך גייט ניט אוועק קומט אונ עסט מיט מיר זענן זייא גגאנגן צו אים אין הוז אונ אברהם האט זייא געבן וואסר אפ צו וואשן דעם שטוב פון די פיס . אונ ער זעצט זיי אונטר דעם בום אונ אברהם האט גנומן אריגד אונ גיט עס צו אליעזר ער זאל דס צו רעכט מאכן אונ אברהם קומט צו שרה אונ זאגט צו איר אייל דיך אונ קנעט קוכענס אונ אברהם ברענגט זייא פוטר אונ מילך אונ גיט זיי דר ווייל צו עסין אונ דר נאך הט אברהם גבראכט פר זיי דם קאלב פלייש . נאך דעם עסין האבן זיי צו אים גזאגט מיר וועלן זיך אום קערין צו דיר אין אזו אצייט ווי אצונד אונ מיר וועלן אלי לעבין אונ עס וועט זיין צו שרה אזון אונ נאך דעם זענין זיי גגאנגן זייער וועג ווייא זייא זענין גשוקט גוואר׳ן . אין די צייט זענין גוועזן די איין וואגר פון סדום ועמורה אונ פון אלי פינף שטעט זייער שלעכט אונ זינדיגי לייט אונ האבן דאצערינט גאט ב"ה מיט זייערי אום ווערדיקייט אונ אוך אז עס פלעגט קומן אפרעמדר מענטש מיט סחורה צו פר קופין אין זייערי שטעט אודר אפרעמדר מענטש איז גקומן קופין סחורה האט זיך דיא גאנצי שטאט איין גזאמילט צום פרעמדין מענטש אונ האבן צו גנומן מיט גוואלד זיין סחרה איטליכר איין ביסל ביז עס האט זיך אום גלאזט גאר די סחורה אונ אז דר פרעמדר הט זיך מיט זיי אן גהובן צו קריגן אונ צו זאגן וואס האט איר מיר גטאן האבן זייא געענטפט צו אים אז איטליכר הט גזאגט איך האב דאך נאר אביסל גנומן אונ אז דר סוחר הט דר הערט דיא דאזיגי רייד פון אלי מענטשין איז ער אוף גשטאנן אונ איז אוועק גגאנגן פון זיי מיט אביטר הארץ אונ די שטאט לייט האבן אים ארום גטריבן מיט איין גרוס גשפעט אונ עס איז גוועזן אגרוסי מהומה :

איין מאל איז גגאנגן אמענטש פון לאנד עילם וואס ער הט בדארפט גיין איבר דיא שטאט סדום . מיט אים איז גוועזן איין אייזעל אונ עס האט גטראגן אן גקניפט אשייני דעק פון אלערליי פארבען דער ווייל איז נאכט גווארן אונ דער שטאט סדום . הט דר מענטש גוואלט אריין גיין אין אשטוב אריין איבר גענעכטיגן הט אים קיינר ניט גוואלט אריין לאזן . אין דר צייט איז גוועזן אין סדום אגרויסר רשע ער הט גהייסן הידוד . אונ דר הידוד איז גוועזן זייער קלוג אוף שלעכץ . הט דר הידוד גזעהן ווי דר פרעמדר מענטש ליגט אוף דר גאס איז הידוד צוא גגאנגן צום אורח אונ הט אים גפרעגט פון וואנן קומסטו אונ ווי אהין גייסטו . הט דר אורח צו אים גענטפערט איך גייא פון חברון קיין עילם אונ איך בין פון עילם אונ בין גפארן ביז אהער איז נאכט גוואר׳ן אונ קיין שום מענטש לאזט מיך

ניט אין שטוב אריין איבר צוא נעכטיגן איך האב וואסר אונ ברוט אוך האבר אונ שטרוי פאר מיין אייזל . זאגט הידוד צוא אים קום צו מיר ווערסטו ביי מיר נעכטיגן . אונ הידוד ברענגט אים צו זיך אין שטוב אריין . אונ דר אורח הט געגעסן אונ גטרונקן ביי הידוד אונ האט דארט גינעכטיגט אונ אז עס איז גקומן אונ דר פרי איז דר אורח אוף גשטאנן אונ הט גוואלט אוועק גיין . הט הידוד גזאגט עס פריער אשטיקל ברוט אונ דר נאך ווערסטו גיין אונ דר אורח הט אזו גטאן אונ זעצן זיך ביידי אונ האבן געגעסן אונ גטרונקן נאך דעם הט דר אורח גוואלט אוועק גיין האט הידוד גזאגט עס איז שון באלד נאכט אסער נעכטיג שון איבר ביי מיר אונ עס אונ טרונק אונ האט אים אזו לאנג טפציר גוועזן ביז ער איז גבליבן נעכטיגן . אונ ווי עס איז טאג גווארן איז ער אוף גשטאנן אונ הייבט אן צו זאטלן דם אייזל . אונ דר אורח זאגט צו הידוד גיב אפ די דעק צו צו קנפן צום אייזל הט הידוד צו אים גזאגט ווס זאגסטו הט דער אורח גזאגט איך זאג דו זאלסט מיר אפ געבן דעם שטריק אונ די דעק ווס דו האסט בהאלטן אין שטוב . הט הידוד גזאגט דם ווס דו זאגסט מוז ביי דיר זיין איין חלום איך וועל דיר פותר חלום זיין . דם ווס דו זאגסט דו האסט גהאט אשטריק בטייט דוא ווערסט לאנג לעבן אזו ווי אשטריק איז לאנג . אונ דם ווס דו האסט גהאט אדעק מיט אלירלייא פארבן בטייט אז דוא ווערסט האבן איין וויין גארטן אונ ווערסט פלאנצן אלרליי פירות . הט דער אורח גזאגט ניין עס הט זיך מיר גאר ניט גחלמת נאר איך האב דיר גגעבן דעם שטריק אונ די דעק וואכנדיגר הייט . אונ הידוד ענטפערט צום אורח פר ווס האב איך דיר שון גזאגט דם בשיידעניש פון דיין חלום צו גוטן אונ אצונד בצאל מיר דער פר ווס איך האב דיר פותר גוועזן ביי אנדרי מענטשן נעם איך פר פותר חלום זיין פיר שטיק זילבר בייא דיר וועל איך נאר נעמן דרייא שטיק זילבער :

אונ דר אורח שרייט מיט איין ביטר קול אונ הט גבראכט דעם הידוד צום דיין ווס ער הייסט שרק אונ דר ציילט פר דעם דיין דיא זאך . אונ הידוד זאגט ניין אזו אונ אזו איז גוועזן די זאך הט דר דיין גזאגט צום אורח די רייד פון הידוד איז אמת ווארום מיר ווייסן אז הידוד קען פותר חלום זיין אונ דר אורח הט אן גהובן צו שרייען צום דיין נאר וואכענדיג האב איך אים גגעבן דיא דעק צוא בהאלטן ביי אים אין שטוב . אונ זיי ביידי האבן זיך גקריגט פר דעם דיין דר אורח הט אזו גזאגט אונ הידוד הט אזו גזאגט . הט דר דיין זיי גהייסן אז מען זאל זיי ארוס טרייבן . אונ אז מען האט זיי ארוס גטריבן פון דיין האבן זיי זיך ביידי גקריגט אוף דר גאס . דר ווייל האבן דר הערט די אנשי סדום די קריג האבן זייא דעם אורח ארוס גטריבן פון שטאט . ווילך איז דער אורח אוועק גגאנגן זיין וועג מיט אביטר הארץ אונ האט גוויינט אוף דעם ווס עס הט זיך אים גטראפן אין סדום :

ויהי אונ צו דר שטאט סדום איז גוועזן פיר דיינים . אונ אזו האבן גהייסן די פיר דיינים . דר דיין פון סדום הט גהייסן שרק אונ דער דיין פון עמורה האט גהייסן שרקר אונ דר דיין פון אדמה האט גהייסן זבנך אונ דר דיין פון צבוים הט גהייסן מנון . אונ אליעזר דר קנעכט פון אברהם הט די דיינים גרופן מיט

אנדערי

אנדרי נעמן . צו שרק הט ער גרופן שקרא . אונ צו שרקר שקרורא . אונ צו זבנך בזבים . אונ צו מנון כצלי דין . אונ די מענטשן פון סדום ועמורה האבן גמאכט דורך זייערי דיינים בעטליך אין אלי גאסן פון דר שטאט . אונ אז עס איז גקומן אפרעמדר מענטש צו זיי האבן זיי אים גנומן מיט גוואלד אונ האבן אים גלייגט אויף דעם בעטל . איז דר מענטש גוועזן אלאנגר האבן זיך דריי מענטשן גשטעלט צו קאפינס אונ דריי צו פוסן אונ האבן אים צו גקוועטשט אזו לאנג ביז דר מענטש איז שיעור גשטארבן . אונ אוב דר מענטש איז גוועזן אקורצר האבן אים די זעקס מענטשן אום גצויגן . אונ קיין שום מענטש האט ניט גוואלט פארן איבר דר שטאט . אונ אז עס פלעגט קומן איין ארומאן צו זיי האבן זיי אים גגעבן געלד אונ האבן אום גרופן אין שטאט אז קיינר זאל אים ניט געבן איין שטיקל ברוט . אונ אז דר ארומאן איז גוועזן אין שטאט איז ער גשטארבן פר הונגר . אונ נאך דעם אז דר ארומאן איז גשטארבן זענן גגאנגן די שטאט לייט אונ האבן זיך אפ גנומן זייער געלד אונ האבן אים אפ גצויגן די קליידר אונ האבן אים באגראבן נאקיט אין דר מדבר . אונ שרה דם ווייב פון אברהם הט גשיקט אליעזר קיין סדום צו לוט . אונ בשעת אליעזר איז גקומן קיין סדום הט ער גזעהן אז אמענטש פון סדום האלט מלחמה מיט איין ארומאן אונ ציהט אפ דעם ארומאן די קליידר אונ איז אוועק גגאנגן אונ דר ארומאן האט זייער גוויינט אונ גשריגן אויף דער זאך וואס דר מענטש פון סדום הט אים גטאן . אונ הט גבעטן אליעזר אז ער זאל אים העלפן אפ נעמן די קליידר . איז אליעזר גגאנגן צום מענטש פון סדום אונ הט אים גזאגט פר וואס האסטו אזו גטאן צום ארומאן . הט דר מענטש געענפרט צו אליעזר צו איז ער דיין ברודר צו ביסטו גווארן איבר אונז אריין . הט אליעזר זיך גקריגט מיט דעם מענטש פון סדום פר דעם וואס ער הט אזו גטאן צום ארומאן . הט דר מענטש פון סדום גווארפן אשטיין אין שטערין פון אליעזר איז פון שטערן אפ גגאנגן פיל בלוט . אונ אז דר מענטש פון סדום הט גזעהן אז עס גייט בלוט פון אליעזרס שטערן הט ער אן גטאפט אליעזר אונ זאגט צו אים בצאל מיר דר פר וואס איך האב דיר גלאזט בלוט דען אזו איז ביי אונז איין חק ; הט אליעזר צו אים גזאגט ניט גנוג דו האסט מיך גבייזט ווילסטו נאך ביי מיר דער פר שכר הט דר מענטש אן גנומן אליעזר אונ הט אים גפורט צום דיין וואס הייסט שקרא צו משפט . הט דר מענטש גזאגט פארן דיין אזו האב איך גטאן צו דעם מענטש אונ ער וויל מיר ניט בצאלן . הט דר דיין גזאגט צו אליעזר דר מענטש זאגט אמת פר וואס ווילסטו אים ניט בצאלן דען אזו איז ביי אונז דר חק . ווי אליעזר הט דר הערט די רייד פון דיין הט אליעזר אויף גהובן אשטיין אונ הט גשלאגן דעם דיין אין שטערן איז פון דיין אויך גגאנגן בלוט פון שטערן אונ אליעזר זאגט צום דיין אז עס איז בייא אייך אזו דר משפט בצאלט מיר פאר דעם בלוט וואס איך האב אייך גלאזט . אונ אליעזר הט גלאזט שטיין דעם מענטש ביי דעם דיין אונ גייט זיין וועג . אונ דער צייט האט לוטס ווייב גווינן איין טאכטר אונ מען הט איר אנאמן גגעבן פלטית . אונ דיא פלטית איז דער וואקסן גווארן הט איינר פון סדום זיא גנומן פר אווייב . דר ווייל איז גקומן איין ארומאן קיין סדום . כדי ער

זאל

זאל גפונן איין דר נערונג אונ דר ארומאן הט זיך פר זאמט אין שטאט עטליכע טעג . אונ די מענטשן פון סדום האבן אוס גרופן מען זאל ניט געבן אשטיקל ברוט צום ארומאן כדי ער זאל שטארבן . אונ פלטית די טאכטר פון לוט הט זיך דר בארומט איבר דעם ארומאן אונ הט אים געגעבן עסין אונ טרינקן אז קיינר זאל ניט וויסן אונ אזו הט זיא גטאן פיל טעג בשעת זיא איז גיגאנגן מיט דר קרוג נאך וואסר הט זיא אריין גלייגט דס ברוט אונ קרוג אונ בשעת זיא איז דארך גגאנגן לעבן ארומאן הט זיא אים געגעבן דס ברוט . אונ די מענטשן פון סדום האבן זיך פר וואונדערט אויף דעם ארומאן ווי אזו ער לעבט . אונ עס זענן גגאנגן דריי מענטשן אונ האבן זיך בהאלטן ווי דר ארומאן איז געזעסן כדי זיי זאלן וויסן ווער עס גיט אים צו עסין . דר וויל איז גגאנגן פלטית נאך וואסר אונ הט געגעבן אשטיקל ברוט צום ארומאן דא האבן זיא דריי מענטשן גנומן אונ זיא גפירט צום דיין אונ פאר צײלן פר דעם דיין אזו אונ אזו הט זיא גטאן צום ארומאן אונ אצונד זאגט אונז וואס מיר זאלן טאן צו פלטית . דא האבן זיך איין גזאמילט דיא מענטשן פון סדום אונ פון עמורה אונ האבן אן גצינדן אפייער אויף דר גאס אונ האבן זיא אריין גווארפן אין פייער איזא זיא פר ברענט גווארן אויף אש . אויך אונ דער שטאט אדמה איז גוועזן איונגע פרויא האבן איר די שטאט לייט אויך אזו גטאן . די מעשה איז אזו גוועזן אמענטש איז גקומן קיין אדמה דר וויל איז דארט נאכט גווארן . אונ ווי דר מענטש הט גזעהן איונגע פרוי זיצט אין דער טיר הט דר מענטש צו איר גזאגט גיב מיר אשטיקל ברוט אונ גיב מיר אויך אביסל וואסר . הט די יונגע פרוי אים געגעבן . זענן די שטאט לייט דר פון גוואר גווארן אונ האבן זיך איין גזאמלט אונ האבן די יונגע פרוי גבראכט צום דיין אונ האבן דעם דיין די זאך דר צײלט . הט דר דיין צו זייא גזאגט מען זאל זיא אום ברענגן האבן זיך איין גזאמלט אלי שטאט לייט אונ האבן זיא אום גישמירט מיט האניג . אונ האבן די יונגע פרוי דארט גשטעלט ווי די בינן זיצן . זענן צו איר אלי בינן גקומן אונ האבן זיא צו שטאכן אונ זיא הט זייער גשריגן אונ קיינר הט איר ניט געענפרט אונ אויך ניט דר בארומט איבר איר . אונ איר גשרייא איז אויף גגאנגן צום הימל ׃

ויא אונ גאט ב״ה הט געזעהן זייערי שלעכטי מחשבות . אונ אלדינג וואס זייא האבן גטאן איז נאר גוועזן איבר דעם וויל זיי האבן גהאט גינוג ברוט אונ גרוס שלוה . אונ זייערי זונד איז גווארן זייער גרוס פר גאט ב״ה׃

וישלח אונ גאט ב״ה הט גשיקט צוויי מלאכים די מלאכים וואס זענן גקומן צוא אברהם די דאזיגע מלאכים האבן איבר גקערט סדום ׃

ויקומו אונ די מלאכים זענן אויף גשטאנן פון אברהם אונ זענן גקומן קיין סדום קיינן אבינד אונ לוט איז געזעסן אין טויער פון סדום . וויא לוט הט זייא דר זעהן הט ער זיי גבעטן זיי זאלן גיין צו אים אין שטוב אריין זענן זיי גגאנגן צו אים אונ האבן ביי אים געגעסן אונ גנעכטיגט . אונ די מלאכים האבן גזאגט צו לוט שטיי אויף אונ גיי ארוס פון דר שטאט מיט אלץ וואס צו דיר גיהער דען גאט ב״ה וועט פר דארבן די שטאט . אונ די מלאכים האבן גנומן לוט מיט זיין ווייב אונ קינדר אונ ציהן אים ארוס פון דער שטאט אונ זאגן צו לוט דאס תם

אוף דיין לעבן אונ אנטלויף אונ לוט איז אוף גשטאנן אונ איז אנטלאפן מיט אלם
דם זיינגע . אונ גאט ב"ה הט גלאזט רעגינן אוף סדום אונ עמורה אונ אוף די
אלי פינעף שטעט שוועביל אונ פעך אונ הט איבר גיקערט די דאזיגי שטעט
אונ אלי איין וואנערם . אונ דם ווייב פון לוט האט אקוק גטאן אוף דעם איבר
קערונג פון דר שטאט . דען זיא הט זיך דער בארומט אוף אירע טעכטר וואס
זענן איבר גבליבן אין סדום ווס האבן ניט גוואלט ארוס גיין פון סדום . אונ
ווי זיא הט גטאן אקוק אונטר זיך איז פון איר גווארן אשטיק זאלץ . אונ לוט
איז אנטלאפן גווארן מיט זייני צוויי טעכטר וואס זענן איבר גבליבן אין דער
הייל פון עדילם אונ זענן דארט גזעסן עטליכע טעג . בעת אין דר צייט איז
אברהם גגאנגן פון פלון ממרא צום לאנד פלשתים אונ הט זיך בזעצט אין גרר .
אונ אברהם איז דעמאלט אלט געוועזן הונדרט יאר אונ עס איז גוועזן דם פינעף
אונ צוואנציגסטע יאר אז אברהם איז גזעסן אין לאנד כנען אונ בשעת אברהם
איז גקומן קיין גרר הט אברהם גזאגט צו שרה דו זאלסט אוף מיר זאגן אז איך
בין דיין ברודר כדי מיר זאלן ניצול ווערן פון די איין וואנערם פון לאנד . אונ
אברהם האט זיך בזעצט אין לאנד פלשתים . אונ וויא די קנעכט פון אבימלך
האבן גזעהן שרה אז זיא איז זייער שיין האבן זיי זיא גפרעגט ווס געהערסטו צו
אברהם הט זיא געענטפערט איך בין זיין שוועסטר זענין דיא קנעכט גקומן צוא
אבימלך אונ האבן גזאגט עס איז גקומן איין מענטש מיט זייער אשייני שוועסטר
פון לאנד כנען . דא האט אבימלך גשיקט מען זאל זיא ברענגן צו אים . אונ
וויא ער האט זיא דער זעהן איז זיא אים זייער גיפעלען האט אבימלך דיא
שייני שוועסטר גפרעגט ווס געהער דיר דר מענטש ווס איז מיט דיר גקומן . הט
שרה געענטפערט ער איז מיין ברודר . הט אבימלך צו איר גזאגט מיין לאנד איז
פר דיר ווי עס געפעלט דיר דארט זאלסטו בזעצן דיין ברודר אונ מיר ווען אים
דר הייבן איבר דעם גאנצן לאנד וויל ער איז דיין ברודר . אונ אבימלך לאזט
רופן צו אברהם אונ אברהם איז גקומן פר אים אונ אבימלך זאגט צו אברהם
איך האב גבאטן מען זאל טאן ווס דו ווילסט נאר אלץ פון דיין שוועסטערס
וועגן . אונ אז אברהם איז אוועק גגאנגן פון אבימלך הט מען אים נאך גטראגן
מתנות ווי עס איז נאכט גווארן איז אבימלך אנטשלאפן גווארן אוף דר שטול
אונ איז גשלאפן ביז אין דר פריא אונ בשעת ער איז גשלאפן האט זיך אים
גחלומט אז אמלאך פון הימל איז גקומן צו אים אונ האלט אבלויזי שווערד אין
דער האנד האט ער זיך זייער דער שראקן אונ זאגט צום מלאך ווס האב איך
גזינדיגט . הט דר מלאך געענפערט פר ווס האסטו גנומן שרה צו דיר אין שטוב
אריין דען זיא איז דם ווייב פון אברהם . אצונד זאג איך דיר אז דו זאלסט שרה
אום קערן צוא אברהם . אונ עס איז גווארן אין דיא זעלביגע נאכט אגרוס פאר
טומלונג דארט אין הויז . אונ אז עס איז גקומן אין דר פריא איז אבימלך אוף
גשטאנן מיט שרעק אונ הט גרופן שרה איז זיא גקומן פאר אים . אונ אברהם
איז אויך גקומן פר אבימלך אונ ער זאגט צו זיי ווס איז דם ווס איר הט גזאגט
אז זיא איז אשוועסטער אונ איך האב גמיינט אז דאס איז אמת אזו האב
איך די אשה גוואלט נעמן פר אווייב . הט אברהם אים געענפערט איך האב מורא

גהאט צו זאגן אז איך בין איר מאן איבר דעם האב איך גזאגט אז איך בין איר ברודר . אונ אבימלך הט גנומן שאף אונ רינדר אונ קנעכט אונ מוזגט שווק זילבר אונ הט גגעבן צו אברהם אונ הט אים אפ גגעבן שרה . אונ אבימלך הט גשיקט צו אברהם אזו צו זאגן . בעט צו גאט ב"ה אז ער זאל אפ טאן פון אונז די שטראף . אונ אברהם הט גטאן תפלה צו גאט ב"ה אוף אבימלך מיט זייני קנעכט אונ אלי דס זייניגי אונ גאט ב"ה הט צו גהערט די תפלה פון אברהם אונ האט זיי גשיקט איין רפואה . בעת אין דר צייט אז אברהם איז גוועסן אין גרר . האט גאט ב"ה גדענקט אין שרה אונ זיא הט גוויגן אזון צו אברהם אונ אברהם הט אים אנאמן גגעבן יצחק . אונ ווי יצחק איז אלט גווארן אכט טאג הט אברהם אים בשניטן אזו ווי גאט הט אים גבאטן . אונ אברהם הט גמאכט אגרוסע סעודה בשעת מען הט אנטוויינט יצחק אונ אוף דר סעודה איז גקומן שם ועבר אונ גרוסע שררות אוך אבימלך אונ פיכול אונ האבען גגעסן אונ גטרונקן אונ האבן זיך גפרייד אונ דעם טאג ווס מען הט אנטוויינט יצחק . אוך תרח דר פאטר פון אברהם אונ זיין ברודר נחור זענין גקומן פון חרן חוץ ווס זיי האבן זיך גפרייד בשעת זיי האבן גהערט אז עס איז גבורן גווארן אזון צוא אברהם פון זיין ווייב שרה . זענין זיי אצונד גקומן צו אברהם אונ האבן גגעסן אונ גטרונקן אוף דר סעודה ווס אברהם האט גמאכט . אין דר צייט אז יצחק איז אלט גוועזן איין יאר איז גשטארבן שרוג דר זון פון רעו . אונ ישמעאל איז אין דר צייט אלט גוועזן פערצן יאר . אונ ישמעאל הט זיך גלערינט ארום גיין מיט פייל אונ בוגן . אונ אז יצחק איז אלט גווארן פינעף יאר איז ער גוועסן אין דר טיר פון גצעלט איז גקומן ישמעאל אונ הט זיך גזעצט לעבן יצחק אונ הט גנומן דעם בוגן מיט דר פייל אונ הט גוואלט שיסן צו יצחק . אונ ווי שרה הט דס דר זעהן הט זיא גשיקט ריפן אברהם אונ הט גזאגט צו אים פר טרייב די דינסט מיט איר זון דען אזו האט ער גוואלט טאן צו אונזר זון . אונ אברהם הט צו גהערט די רייד פון שרה . אונ תיכף ווייא אברהם איז אוף גשטאנגן אין דר פריא הט ער גנומן צוועליף ברוטן אונ איין לאגיל וואסר אונ הט דס גגעבן צו הגר אונ האט זיא אוועק גשיקט מיט ישמעאל . אונ הגר איז מיט ישמעאל אוועק גגאנגן אין דר מדבר אריין אונ הט זיך בזעצט אין מדבר פארן . אונ דר נאך איז גגאנגן הגר מיט ישמעאל קיין מצרים אונ האבן זיך דארט בזעצט אונ הגר הט גנומן צו איר זון ישמעאל אווייב זיא האט גהייסן מריבה אונ מריבה הט גוויגן פיר זון אונ איין טאכטר . נאך דעם איז ישמעאל גגאנגן מיט זיין מוטר אונ ווייב אונ קינדר אין דער מדבר אריין אונ האבן זיך דארט גמאכט גצעלטן אונ . ענן דארט גוועסן אלאנגי צייט . אונ גאט ב"ה הט גהאלפן צו ישמעאל אונ ער האט גהאט פיל שאף אונ רינדר אונ זכות פון זיין פאטר אברהם . אין פיל טעג ארום הט אברהם גזאגט צו זיין ווייב שרה איך וועל גיין זיך זעהן מיט מיין זון ישמעאל דען איך האב אים שון פיל טעג ניט גזעהן . אונ אברהם האט אן גזאטילט איין קעמיל אונ איז גגאנגן אין דר מדבר אריין צו זוכן זיין זון ישמעאל אונ אברהם איז גקומן צום גצעלט פון ישמעאל אום האלבן טאג . אונ ישמעאל מיט זיין מוטר הגר זענן ניט גוועזן אין דר היים . נאר ישמעאלס ווייב מיט די

קינדר

קינדר זענן יוא גוועזן אין דר הייס . הט אברהם זיא גפרעגט ווי ישמעאל איז
גגאנגן . הט זיא געענפרט ער איז גאנגן אין פעלד אריין חיות שיסן . אונ אברהם
איז גזעסן אוף דעם קעמיל דען ער האט גשווארן צו זיין ווייב שרה אז ער זאל
ניט אראפ גיין פון קעמיל אונ אברהם האט גזאגט צו ישמעאלס ווייב גיב מיר
אביסל וואסר צו טרונקן . האט זיא געענפרט איך האב ניט קיין וואסר אונ קיין
ברוט אונ זיא האט נאר ניט גפרעגט אברהם ווער ער איז נאר זיא הט גשלאגן
אונ גפלוכט דיא קינדער אונ גיפליכט איר מאן ישמעאל אונ אברהם הט אום
גהערט די רייד פון ישמעאלס ווייב אונ עס הט אים זייער פר דראסן דרוף . אונ
אברהם הט זיא ארוס גרופן פון גצעלט איז זיא צו אים ארוס גגאנגן אונ אברהם
האט גזאגט צו איר אז דיין מאן ישמעאל וועט קומן זאלסטו אים זאגן עס איז
גקומן אהער איין אלטר מאן פון פלשתים אונ הט דיך גזוכט אזו אונ אזו איז זיין
גשטאלט אונ איך האב אים ניט גפרעגט ווער ער איז נאר ער הט מיר גזאגט
אז דיין מאן וועט קומן פון פעלד זאלסטו צו אים אזו זאגן דוא זאלסט אפ טאן
דעם אונטרלעגן פון גצעלט אונ מאך איין אנדרן אונטרלעגן צום גצעלט . אונ
אברהם איז אוועק גפארן צו זיין וועג :

אונ נאך דעם אז אברהם איז אוועק גפארן איז ישמעאל מיט זיין מוטר אהיים
גקומן האט דאס ווייב צוא אים גזאגט עס איז גקומן איין אלטר מאן פון
פלשתים אזו אונ אזו איז זיין גשטאלט אונ איך האב אים ניט גפרעגט ווער ער
איז נאר ער הט מיר גזאגט אז דיין מאן ישמעאל וועט קומן זאלסטו אים אזו
זאגין . טוא אפ דעם אונטרלעגן פון גצעלט אונ זאלסט מאכן איין אנדרין
אונטערלעגן צום גצעלט . אונ ווי ישמעאל הט אום גהערט דיא רייד פון זיין
ווייב הט ער פר שטאנן אז דר איז גוועזן זיין פאטר אברהם אונ זיא האט אים
קיין כבוד ניט אן גטאן . הט ישמעאל צו גהערט דיא רייד פון פאטר אונ האט
אוועק גטריבן דאס ווייב . אונ ישמעאל איז גגאנגן צום לאנד כנען אונ האט
גנומן איין אנדר ווייב אונ הט זיא גברענגט צום גצעלט ווי ער איז גוועזן פריער.
אונ אברהם איז גזעסן אין לאנד פלשתים זעקס אונ צוואנציג יאר . אונ דיא
קנעכט פון אברהם האבן דארט גגראבן פרושי ברונעם . אונ די קנעכט פון
אבימלך האבן זיך מיט זיי גקריגט אונ האבן גגזילת ביי זייא דיא גרוסי וואסר
ברונע ווס די קנעכט פון אברהם האבן גגראבין אונ ווי אבימלך הט דס גהערט
איז ער גקומן מיט פיכול אונ מיט צוואנציג מענטשן צו אברהם . אונ אברהם
הט גשטראפט אבימלך ווס זייני קנעכט האבן ביי אים גגזילת די ברונע . הט
אבימלך צו אים גזאגט איך שווער ביי גאט ב"ה ווס ער הט בשאפן די גאנצי
וועלט אז איך האב ניט גהערט פון דער זאך נייערט דעם הייגטיגן טאג .
ויצחק אונ אז יצחק דר זון פון אברהם איז אלט גווארן זיבן אונ דרייסיג יאר
איז ישמעאל גקומן צו יצחק אונ הט גזאגט צו אים איך בין אלט גוועזן דרייצען
יאר אז גאט ב"ה הט גזאגט אונזר פאטר אברהם אז ער זאל זיך בשניידן אונ
זאל מיך בשניידן אונ איך האב גטאן אזו ווי גאט ב"ה הט גזאגט אונזר פאטר .
הט יצחק געענטפרט צו ישמעאל ווס ברימסטו זיך מיט אזו אקליינע זאך . איך
שווער ביי גאט ב"ה ווס ער איז דר גאט פון מיין פאטר אברהם אז איב גאט

ב"ה זאל זאגין צוא מיין פאטר נעם דיין זון יצחק אונ ברענג אים אוף פאר
אקרבן צו מיר וואלט איך ניט גוואלט פר מיידין צו טאן דס. נאר איך וואלט
גטאן מיט גרוס שמחה. אונ גאט ב"ה הט גהערט די דאזיגי רייד וואס יצחק
הט גרעד צו ישמעאל. איז דיא זאך וואל געפעלין גאט ב"ה צו פרובן אברהם
מיט דר זאך. ויהי היום אונ אז עס איז גוועזן דר טאג ווס אלי מלאכים שטעלין
זיך לעבין כסא הכבוד פר גאט ב"ה. איז גקומן צווישן זיי דר שטן מקטרג צו
זיין אוף די מענטשן. הט גאט ב"ה גזאגט צו אים פון ואנן קומסטו. ענטפערט
דר שטן צו גאט ב"ה אונ זאגט איך האב גשוועבט אוף דר וועלט זאגט גאט
ב"ה צום שטן וואס זאגסטו מיר אוף דיא מענטשן ווס זענין אוף דר ערד.
ענטפערט דר שטן אונ זאגט צו גאט ב"ה איך האב גזעהן אלי מענטשן דינען
דיך אונ גדענקין דיך נאר אין דר צייט אז זיי בדארפן צו האבן פון דיר איין זאך
דען אברהם דר זון פון תרח איידר ער הט גהאט קינדר הט ער גבועט מזבחות
אונ האט מקריב גוועזן קרבנות אונ הט תמיד גמאכט רופן דיין נאמן צוא אלי
מענטשן ווס זענין אוף דר ערד. אבער אצונד אז עס איז שון גבורין גווארן צו
אים איין זון יצחק הט ער דיך גאר פר לאזט אונ הט גמאכט אגרוסי סעודה
פר די יזרים פון לאנד אונ אן דיר הט ער גאר פר געסין אונ פון אלי זאכן ווס
ער הט גמאכט בשעת ער הט אנטוויינט צו יצחק הט ער פר דיר ניט מקריב
גוועזן קיין שום קרבן. זאגט גאט ב"ה צום שטן אזו וויא מיין קנעכט אברהם
איז איז זיין גלייכין ניט דא. אונ וויים אוב איך זאל אים זאגן ער זאל מקריב
זיין זיין זון יצחק פר מיר וועט ער ניט פר מיידין צו טאן דס דאזיגי. בעת אין
דר צייט איז גוועזן די רייד פון גאט ב"ה צו אברהם אונ האט גזאגט צו אים
נעם דיין איינציגן זון דעם וואס דוא האסט ליב דס איז יצחק אונ גיי צום לאנד
מוריה אונ ברענג אים אוף פר אקרבן אוף איינם פון די בערג וואס איך וועל
דיר זאגין. אונ אברהם הט גטראכט ביי זיך אין הארצן ווי אזו ער זאל אוועק
נעמן יצחק פון זיין מוטר אונ אוף ברענגן פאר אקרבן עולה פאר גאט ב"ה.
ניבא אונ אברהם איז גקומן אין גצעלט פון זיין ווייב שרה אונ האט זיך אנידר
גזעצט פר איר אונ זאגט צוא איר אונזר זון יצחק איז שון גרוס אונ ווייסט נאר
ניט ווי אזו מען דינט גאט ב"ה דרום וויל איך אים נעמן אונ וויל אים פירן צוא
שם ועבר. אונ דארט וועט ער זיך לערנין דעם וועג פון גאט ב"ה. הט שרה
גזאגט צו אברהם איך בעט דיך דוא זאלסט אים אפ היטן אונ זאלסט ניט אפ
טאן דיין אוג פון אים. דען איך האב נאר אים אליין. אונ שרה האט גוויינט
אין דער זעלביגר נאכט. אונ אברהם איז גנאנגן מיט זיין זון יצחק ער זאל אים
אוף ברענגן פר אקרבן עולה אזו ווי גאט הט אים גבאטן. אונ אברהם האט
גנומן מיט זיך צווי יונגן איינר הט גהייסן ישמעאל דר זון פון הגר אונ דער
אנדרר הט גהייסן אליעזר. אונ וויא אברהם איז גגאנגן מיט זיין זון יצחק אוף
דעם וועג איז גקומן דער שטן אין גשטאלט פון איין מאן מיט אנידריג גמיהט
אונ זאגט צו אברהם צו ביסטו אנאר אודר איין אום גלעהרטר מענטש ווס דו
גייסט אום ברענגין דיין איינציגן זון וואס גאט ב"ה האט דיר גגעבין אוף דער
עלטר פר וואר דו ווייסט וואל אז גאט ב"ה וועט ניט זאגן דו זאלסט אום ברענגן

ריין זון · אונ אברהם הט פאר שטאנין וואל אז דאס איז דר שטן אונ וויל אים
אראפ פירן פון גאטס וועג הט ער גיט גוואלט צו הערין די רייד פון שטן . אונ
נאך דעם איז דר שטן גקומין צו יצחק אין גשטאלט פון איונגן מאן אונ האט
גזאגט צו יצחק פאר וואר ווייסטו דען ניט אודר האסטו ניט גהערט דאס ריין
פאטר איז אגרוסר נאר ווס ער פירט דיך אום ברענגין אצונד מיין זון זאלסטו
אים ניט צו הערין אונ יצחק הט גהערט די רייד אונ הט גאר ניט גזאגט . הט
אברהם גזאגט צו יצחק מיין קינד זייא גהיט פר אים אונ הער ניט צו זייני רייד
דען ער איז אשטן אונ וויל אונז מאכן איבער פארין אוף גאטס גבאט . אונ
אברהם הט אן גשריגן אין דעם שטן איז ער פון זיי אוועק גגאנגן אונ אז דער
שטן הט גזעהן ער קען זיי ניט ביי קומן הט ער גמאכט אוף דעם וועג אגרוסין
טייך וואסר אונ ווי אברהם מיט יצחק זענין גקומן צום וואסר הט אברהם גזאגט
צו יצחק האב גאר קיין מורא ניט פר דעם טייך דען דר שטן האט דס גמאכט
כדי מיר זאלן איבר פארין אוף גאטס גבאט אונ אברהם האט אן גשריגן דעם
שטן אונ דס אורט איז גווארן טרוקין אזו ווי פריער . אונ אברהם מיט זיין זון
יצחק זענין גגאנגן צום אורט וויא גאט ב״ה הט אים גזאגט . אוף דעם דריטן
טאג הט אברהם אוף גהובן זייני אוגין הט ער דר זעהן פון ווייטן דס אורט
ווס גאט הט אים גזאגט אוך הט ער גזעהן שטיין אוף דעם אורט אפייערדיגע
זייל פון דר ערד ביז צום הימל . הט אברהם גזאגט צו יצחק מיין קינד זעהסטו
עפיס פון ווייטין . הט יצחק געענטפערט איך זעה אפייערדיגי זייל אונ אוואלקין
הט אברהם שון גוויסט אז יצחק איז בווויליגט פר אקרבן עולה צו גאט ב״ה .
האט אברהם גזאגט צוא ישמעאל אונ צוא אליעזר זעהט איר עפיס האבן זייא
געענטפערט ניין מיר זעהן גאר ניט האט אברהם גוויסט אז ישמעאל אונ אליעזר
בדארפין ניט גיין מיט זיי הט אברהם צו זייא גזאגט זיצט איר דא מיטן אייזיל
אונ איך מיט יצחק וועלן גיין ביז צו דעם בארג אונ וועלן זיך דארט בוקן צו
גאט ב״ה אונ מיר וועלן זיך אום קערין צו אייך . אונ אברהם הט גנומן האלץ
אונ הט דס ארוף גלייגט אוף יצחק אונ הט גנומן פייער אונ דס שעכט מעסר
אונ זענין ביידי גגאנגן צו דעם אורט אונ בשעת אז זיי זענין ביידי גגאנגן האט
יצחק גזאגט נון דס האלץ אונ דס פייער זעה איך אונ ווי איז דס לעמלי . הט
אברהם געענטפערט צו יצחק אין דיר הט גאט ב״ה אום דר וויילט צו זיין צו אים
פר איין קרבן עולה · הט יצחק גזאגט צו זיין פאטר אלץ ווס גאט ב״ה הט צו
דיר גזאגט וועל איך טאן בשמחה . אונ אברהם האט גזאגט צו יצחק מיין קינד
זאג מיר אוב עס איז פר האנדן ביי דיר אין הארץ איין מחשבה זאלסט פר מיר
ניט פר מיידן . ענטפערט יצחק צו אים מיין פאטר דא שווער איך אזו וויא גאט
ב״ה לעבט אונ אזו וויא דוא לעבסט אוב עס איז פאר האנדין אין מיין הארץ
אשלעכטי מחשבה אונ איך זאג נאך גלובט איז גאט ב״ה ווס ער הט אום דר
וויילט אין מיר אז איך זאל זיין אקרבן עולה פר אים . אונ אברהם הט זיך זייער
גפרייד אוף די רייד פון יצחק אונ זענין גגאנגן אונ זענין גקומן צום אורט ווס
גאט ב״ה הט גזאגט . אונ אברהם האט אן גהובן צו בויען אמזבח אונ יצחק
הט אים גגעבן שטיינר אונ ליים אונ אברהם הט גנומן דס האלץ אונ האט עס

גלייגט אופין מזבח אונ הט גנומן זיין זון יצחק אונ האט אים גוואלט בינדן אונ
לייגן אופין האלץ זאגט יצחק צום פאטר בינד מיך גוט אונ קניפ מיך גוט צוא
ווארום טאמר וועל איך זיך דר שרעקין פר דעם מעסר וועל איך פר שוועכין
דם קרבן אונ אברהם הט אזו גטאן אונ יצחק הט ווייטר גזאגט צום פאטר אונ
דר צייט אז דו וועסט מיך מקריב זיין זאלסטו נעמן אביסל אש אונ זאלסט עס
ברענגן צו מיין מוטר שרה פר אגישמאק אונ זאלסט איר זאגן אז אונזר זון איז
אגישמאק צו גאט ב"ה נייערט דו זאלסט איר ניט זאגן בשעת זיא וועט זיין אוף
אהויך אורט טאמר וועט זיא אראפ פאלין אונ וועט שטארבין איבר מיר . אונ
אברהם הט גהערט די רייד פון יצחק אונ הט אוף גהובן זיין קול אונ הט גוויינט
מחמת שמחה . אונ יצחק הט זייער גוויינט אונ הט גזאגט מיין פאטר אייל אונ
טוא דעם רצון פון גאט ב"ה אזו ווי ער הט גזאגט אונ דם הארץ פון אברהם
אונ פון יצחק זענין גוועזן פרייליך אונ גאר די אוגין האבן גוויינט אונ אברהם
הט גבונדן זיין זון יצחק אונ הט אים ארוף גלייגט אוף דעם האלץ פון מזבח
אונ יצחק הט אום גשטרעקט זיין האלז פר דעם פאטר אונ אברהם האט אוס
גשטרעקט זיין האנד צו נעמן דם מעסר צו שעכטין זיין זון יצחק . אין דר צייט
זענין גקומן מלאכי רחמים פר גאט ב"ה אונ האבן גזאגט מיר בעטין דיך גאט
וואס דו ביסט איין רחמנותדיגר גאט וואס דו האסט בשאפן הימל אונ ערד . גיב
איין אום לייזונג פאר דיין קנעכט יצחק אונ דער בארום דיך אוף אברהם אונ
יצחק וואס האבן היינט גטאן דייני רייד . גאט ב"ה דו זעהסט דאך אז יצחק איז
גבונדן אונ גקנופט מזאל אים שעכטין אזו ווי אבהמה אצונד בעטין מיר דיך
לאז זיין דיין דר בארימקייט אוף זיי . בעת אין דר צייט הט גאט ב"ה זיך בוויזן
צו אברהם אונ גרופן צו אים פון הימל אונ הט גזאגט צו אים דו זאלסט ניט אויס
שטרעקין דיין האנד צום יונג אונ זאלסט אים גאר ניט טאן . אצונד ווייס איך
שון וואל אז דוא ביסט אגאטס פארכטיגר וויל דוא האסט ניט פאר מיטן דיין
איינציגן זון פון מיר . אונ אברהם הט אוף גהובן דיא אוגין הט ער גזעהן איין
איל שטייט ביי אבום דס איז דר איל וואס גאט הט אים בשאפן בשעת ער הט
בשאפן הימל אונ ערד כדי ער זאל זיין אקרבן פר יצחק . האט אברהם גנומן
דעם איל אונ הט אים מקריב גוועזן פר אקרבן עולה פר יצחק אונ אברהם הט
גשפרענגט דם בלוט אוף דעם מזבח אונ הט גזאגט דם בלוט פון איל זאל זיין
אזו חשוב ביי גאט ב"ה וויא איך וואלט גשפרענגט דם בלוט פון יצחק . אונ
אוף אלץ וואס אברהם הט גטאן ביי דעם מזבח הט ער אלץ אזו גזאגט . אונ עס
איז גוועזן חשוב ביי גאט ב"ה גליך ווי אברהם הט מקריב גוועזן זיין זון יצחק
אונ גאט ב"ה הט גבענטשט אברהם מיט זייני קינדר אונ דעם טאג . אונ דר
שטן איז גגאנגן צו שרה אונ הט זיך גמאכט אגישטאלט וויא איין אלטר מאן
זייער נידריג אונ הט גזאגט צו איר פר וואר דו ווייסט גאר ניט וואס אברהם
הט היינט גטאן צו דיין זון יצחק . אברהם הט גבועט אמזבח אונ האט אוף
דעם מזבח יצחק מקריב גוועזן . אונ שרה הט אום גהערט די רייד פון שטן אונ
הט גמיינט אז דם איז אמת אונ שרה האט גוויינט אונ גשריגן אגרום ביטער
גשריי אוף איר זון אונ איז גפאלן אוף דר ערד אונ הט גווארפין ערד אוף איר

קאפ אונ הט גזאגט מיין זון יצחק איך וואלט גוואלט בעסר שטארבן אידר דז איך האב דיך דר צוגין ביז דו ביסט גרוס גווארן אונ אצונד איז גווארן פר קערט מיין פרייד צו טרויערקייט דען עס איז גוועזן מיין לוסטקייט נאר פון דיר איך האב זייער פיל גרופן אונ גבעטין צוא גאט ב״ה ער זאל מיר געבן אזון אונ גאט ב״ה הט מיך צו גהערט אונ האט מיר גגעבן אזון צו ניינציג יאר. אונ אצונד ביסטו גווארן מיין זון צו אשעכט מעסר אונ צו פייער נאר איך טרייסט מיך מיט די פרייד פון גאט ב״ה דען גאט ב״ה הט דס גבאטן אונ דו האסט דס מקיים גוועזן. אונ שרה הט גזאגט צו גאט ב״ה רבונו של עולם דו ביסט גרעכט אונ דייני מעשים זענין גרעכט אונ איך פריי מיך מיט דייני פרייד ווס דו האסט גבאטן מייני אוגין וויינן אבר מיין הארץ איז פרייליך. אונ דער נאך איז זיא אוף גשטאנן אונ איז גגאנגן ביז חברון אונ אוף דעם וועג ווען זיא האט בגעגינט הט זיא גפרעגט וייסט איר ניט ווס מען הט גטאן צו מיין זון יצחק הט קיינר ניט גוויסט. אונ שרה איז גקומן מיט אירי דינסטן אונ קנעכט צו דר שטאט חברון אונ הט זיך נאך גפרעגט אוף איר זון אונ הט זיך דארט בזעצט אונ שרה הט גשוקט אירי קנעכט צו זוכן אברהם מיט יצחק אונ דיא קנעכט האבן זיי גזוכט ביי שם ועבר אונ אין גאנצן לאנד אונ האבן זייא ניט גפונן. דר טייוול איז גקומן דר שטן ווי איין מענטש אונ הט גזאגט דס וואס איך האב דיר גזאגט אז אברהם הט מקריב גוועזן יצחק איז ליגענט. אונ ווי שרה הט דס דער הערט האט זיא זיך זייער גפרייד אוף איר זון אונ איז מחמת גרוס פרייד גשטארבן. אונ וויא אברהם הט אפ גטון זיין דינסט הט ער זיך אום גקערט מיט זיין זון צו די צווייא יונגן אונ זענין אלי גגאנגין קיין באר שבע אונ ווי זייא זענין גקומן קיין באר שבע האבן זיי ניט גפונן שרה אין דער היים האבן זייא גפרעגט ווי איז שרה הט מען זייא גזאגט אז זיא איז אוועק גגאנגן קיין חברון איך זוכן ווארום מען הט איר אזו אונ אזו גזאגט זענין זיי אוף גשטאנן אונ זענין גגאנגן קיין חברון ווי זיי זענין גקומן קיין חברון האבן זיי דר זעהן אז שרה איז גשטארבן האבן זיי אלי גוויינט זייער אגרוס גוויין. אונ יצחק איז גפאלין אוף דר מוטרם פנים אונ הט גוויינט אונ הט גזאגט מיין מוטר וויא אזו האסטו מיך פר לאזט אונ דוא ביסט אוועק גגאנגן פון אונז אונ אברהם אונ יצחק האבן אוף איר גוויינט איין גרוס גוויין אונ אלי קנעכט האבן גוויינט מיט זיי אוף שרה איין גרוס גוויין:

פרשת חיי שרה

ויהיו אונ עס זענין גוועזן דיא לעב טאג פון שרה הונדרט יאר אונ צוואנציג יאר אונ זיבן יאר אונ דר נאך איז שרה גשטארבן. אונ אברהם איז אוף גשטאנן פון זיין מת צו זוכן איין קבר מען זאל דארט בהאלטן דאס מת. אונ אברהם איז גגאנגן צו די קינדר פון חת אונ הט צו זיי אזו גזאגט איך בין איין גר אונ איין אלט גזעסענר ביי אייך גיט מיר איין אורט וויא איך זאל מיין מת בהאלטן האבן גזאגט די קינדר פון חת צו אברהם דס גאנצי לאנד איז פר דיר ווי עס גפעלט דיר מעגסטו בהאלטן דס מת. הט אברהם גזאגט אוב איער

ווילן

זוילן איז אין דער זאך זאלט איר גיין צוא עפרון דר זון פון צוחר אונ זאלט אים בעטין ער זאל מיר פר קופן די גיטאפילטע היל ווס איז ביי אים אונ עק פעלד אונ איך וועל אים דר פר געבין וויפיל ער וויל . אונ עפרון איז גזעסין צווישן די קינדר פון חת . הט עפרון גזאגט צו אברהם אלץ ווס דו בגערסט וועט דיין קנעכט טאן . הט אברהם גזאגט צו עפרון בחנם וויל איך ניט נאר איך וועל ביי דיר אפ קופן דם פעלד מיט דר היל פאר געלד אוף אייביג . האט עפרון גזאגט צו אברהם נון דם פעלד מיט דר היל איז פר דיר אונ וויפיל געלד דוא וועסט מיר געבין וועל איך ביי דיר נעמן . הט אברהם גזאגט צו עפרון ניט אזו נאר מיט פול געלד וויל איך עס קופין פון דיר אונ פון דייני קינדר אונ פון די שטאט לייט אוף אייביג . אונ עפרון אונ אלי ברודר האבן צו גהערט צו דר זאך אונ אברהם הט אפ גוואגין פיר הונדרט גוויכט זילבר אונ הט גגעבן דם געלד צו עפרון אונ צו זייני ברודר . אונ אברהם הט דם אוף גשריבן אין אבוך אונ הט גחתמת פיר עדות דם די היל אונ דם פעלד האט אברהם גקופט פון עפרון החתי אונ פון זייני קינדם קינדר . אונ אברהם איז אוף גשטאנן מיט זייני קנעכט אונ זענין גגאנגן אהיים קיין באר שבע . אונ אברהם האט גרופן זיין קנעכט אליעזר אונ הט גזאגט צו אים איך בין שון אלט אונ וויים ניט דעם טאג ווען איך וועל שטארבן דרום וועל איך דיך בשווערין ביי גאט ב״ה וואס איז אין הימל אז דו זאלסט גיין נעמן אווייב צו מיין זון פון מיין פאטרס משפחה פון חרן אונ ניט פון די טעכטר פון כנען . אונ דר גאט וואס הט מיך גפירט פון מיין פאטרס הוז צו דעם אורט . דר דאזיגר גאט וועט שיקן זיין מלאך פר דיר אונ וועט בגליקן דיין וועג אז דו זאלסט נעמן אווייב צוא מיין זון פון מיין משפחה . הט אליעזר געטפרט צו אברהם איה וועל גיין צו דיין משפרה צו נעמן אווייב צו דיין זון יצחק טאמר וועט זיא אבר ניט וועלן גיין מיט מיר צוא דעם לאנד צו וועל איך זיין ריין פון דר שבועה . הט אברהם צו אים גזאגט יוא דו וועסט זיין ריין פון דר שבועה . הט אליעזר גטאן אזו ווי אברהם הט אים גזאגט . אונ הט צו גשווארין זיין האר אברהם אוף דר דאזיגר זאך . אונ איז אוף גשטאנן אונ האט גנומן צעהן קעמלין פון אברהמס קעמלין אונ צעהן קנעכט פון אברהמס קנעכט :

אונ איז גגאנגן קיין חרן צו נעמן אווייב צו יצחק . אונ ווי אליעזר איז אוועק גגאנגן הט אברהם גשוקט צו שם ועבר זיין זון יצחק זאל קומן אהיים . אונ יצחק איז גקומן צוא אברהם קיין באר שבע . אונ אליעזר איז גקומן צום הוז ווס דארט איז איין וואסר אונ עס איז פר דר שטאט חרן אונ ער הט גמאכט קניען די קעמלין ביי דעם וואסר אונ הט זיך גזעצט אפ רוען . אונ אליעזר הט תפלה גטאן אונ הט גזאגט גאט פון מיין הער אברהם טוא שיקן גוטס פר מיר אונ טוא חסד מיט מיין האר אז דוא זאלסט שיקן אווייב צום זון פון מיין הער פון זיין משפחה . אונ גאט ב״ה הט דר הערט דיא רייד פון אליעזר פון וועגין אברהם . אונ אליעזר איז אריין גגאנגן אין שטאט אריין אונ איז גגאנגן צום הוז פון בתואל דר זון פון מלכה דם ווייב פון נחור דר זון פון תרח . אונ אליעזר דר ציילט פר זיי ווס עס הט זיך אים גטראפן . אונ ער איז אקנעכט ביי אברהם .

אזו

אזו האבן זיי זיך זייער גפרייר מיט אים . אונ אלי האבן גלובט גאט ב"ה אוף דר דאזיגר זאך . אונ זיי האבן געגעבן רבקה ווס זיא איז די טאכטר פון בתואל פאר א ווייב צו יצחק אונ רבקה איז גוועזן זייער שיין אין גשטאלט אונ זיא איז גוועזן א בתולה . אונ לבן אונ נחור האבן גמאכט אין דער זעלביגר נאכט א סעודה . איז גקומן אליעזר אויך מיט זייני צעהן מענטשן אוף דר סעודה אונ האבן געגעסן אונ גטרונקן אונ האבן זיך גפרייד אגאנצי נאכט . אונ ווי עס איז גקומן אין דר פריא איז אליעזר אוף גשטאנן אונ הט גזאגט צום הוז גזונד פון בתואל שיק אונז אוועק צו אונזר הער . אונ זיי האבן גשיקט רבקה מיט אים אונ אויך דבורה איר זייגערין אונ האבן איר געגעבן גאלד אונ זילבר אונ קנעכט אונ דיא האבן בגלייט אליעזר . אונ אליעזר הט גנומן רבקה אונ איז גגאנגן מיט איר צום לאנד כנען צו זיין האר אברהם . אונ וויא רבקה איז גקומן קיין כנען הט יצחק זיא גנומן פר א ווייב אונ יצחק הט זיא זייער ליב גהאט אונ הט זיא גבראכט צום גצעלט פון זיין מוטר שרה אונ יצחק איז אלט גוועזן פערציג יאר בשעת ער האט גנומן רבקה פאר א ווייב :

פרשת תולדות

אונ אז יצחק איז אלט גוועזן ניין אונ פופציג יאר איז זיין ווייב רבקה נאך גוועזן איין אום טראכטרין אין די טעג . אונ רבקה הט גזאגט צו יצחק פר וואר איך האב גהערט אז דיין מוטער שרה איז אויך גוועזן איין אום טראכטרין האט דיין פאטר אברהם תפלה גטון צו גאט ב"ה זיא זאל קינדר האבן . אצונד שטיי אוף אונ טוא תפלה אוף מיר אונ גאט ב"ה וועט בוודאי צו הערן דיין תפלה . אונ יצחק הט צו גהערט דיא רייד פון רבקה אונ זענין ביידי גגאנגן צום בארג מוריה דארט תפלה טון אונ יצחק הט גבעטין צו גאט ב"ה פר זיין ווייב רבקה אונ גאט ב"ה הט צו גהערט דס געבעט פון יצחק דר זון פון אברהם אונ רבקה זיין ווייב איז מעוברת גווארן . אונ ווי עס איז גקומן דר זיבעטר חודש האבין די קינדר זיך גשטוסין אונ איר אונ עס הט איר זייער וויא גטון . האט רבקה גזאגט צו די ווייבר פון לאנד אונ הט זיי גפרעגט אוב עס הט זיך צו זייא אזו גטראפן האבן זיי איר גענפערט ניין . אונ רבקה הט צו זיי גזאגט פר ווס הט זיך מיר אזו גטראפן מיין פון אלי ווייבר . אונ זיא איז גגאנגן צום לאנד מוריה צו בעטין אונ צו פארשטין אוף דר זאך אונ זיא הט גבעטין איר שווער אברהם ער זאל אויך בעטין גאט ב"ה אוף דר זאך ווס הט זיך איר גטראפן אונ מען הט איר גענפערט צוויי קינדר איז דא ביא איר אונ צוויי מלכים וועט פון איר אוף שטיין אונ זיא הט גווינן אצווילונג אזו וויא גאט ב"ה הט דיר צו גזאגט דער ערשטער איז ארוס גגאנגן גאנץ רוט אך ווי איין הארינר קאץ האבן אים אלי גרופן עשו . אונ דר נאך איז ארוס גגאנגן דר אנדרר אונ האט אן גהאלטן אן דעם פים פון ערשטין . דרום הט מען אים אנאמן געגעבן יעקב . אונ בשעת די קינדר זענין געבורין גווארן איז יצחק אלט גוועזן זעכציג יאר . אונ ווי די קינדר זענין אלט גווארן פופצען יאר פלעגט עשו גיין אין פעלד צוא חאפין חיות אונ יעקב פלעגט לערנן אונ ניידן די שאף אונ פלעגט פאלגן דיא פאטר אונ מוטר

ווס זיי פלעגין אים זאגן . אונ יצחק מיט זיין ווייב אונ קינדר זענין גזעסין מיט
זיין פאטר אברהם אין לאנד כנען אזו ווי גאט ב״ה הט זיי גבאטן . אונ אברהם
הט גגעבן צו זיין זון יצחק גאר זיין גוטס אונ זאגט צו אים פאר וואר דו ווייסט
וואל אז גאט ב״ה וואס איז אין הימל איז ארעבטר גאט . אונ עס איז מיין ניט
פר האנדן קיין גאט חוץ אים . אונ אצונד מיין ליב קינד הער צו מייני רייד אונ
זאלסט זעהן אפ היטן די גבאט פון גאט ב״ה ווס איך זאג דיר אן כדי עס זאל
זיין גוט צו דיר אונ אוך צו דייני קינדר ווס וועלן זיין נאך דיר ביז אייביג אונ
גדענק די ווינדר פון גאט ב״ה אונ זיין גנאד וואס ער הט גטאן מיט אונז . אונ
הט אונז מציל גוועזן פון אונזרי פיינד . אונ אצונד מיין קינד דו זאלסט גוט אפ
היטן ווס איך האב דיר גזאגט . אונ אוך פון גאטס גבאט זאלסטו ניט אפ טאן .
אונ זאלסט לערנן דייני קינדר דעם רעכט פארטיגן וועג ווס זיי זאלן אין דעם
וועג גיין כדי עס זאל זייא גוט זיין ביז אייביג . אונ יצחק האט געענטפרט זיין
פאטר אברהם אונ הט צו אים גזאגט ווס דו האסט מיר גבאטן וועל איך טאן
אונ פון גאטס מצות וועל איך ניט אפ טאן . אונ אברהם הט גבענטשט זיין
זון יצחק אונ אוך יצחקס קינדר אונ אברהם האט גלערנט מיט יעקב דיא
שטראף פון גאט ב״ה אונ אוך זיין וועג . אונ דר צייט איז אברהם גשטארבן אונ
יעקב מיט עשו זענין דעמאלט אלט גוועזן פופצען יאר. אונ אלי לעבטאג פון
אברהם איז גוועזן הונדרט אונ פינף אונ זיבציג יאר אונ איז גשטארבן מיט אגוט
גרייזקייט . אונ עשו איז גגאנגן אין פעלד ארויין צו יאגין די חיות אהיים צוא
ברענגן אונ נמרוד דר שליט ווס הייסט אמרפל פלעגט אוך גיין אלי מאל אין
פעלד ארויין חיות האפן אונ עס איז גווארן אשנאה צווישן נמ־וד אונ עשו .
אמאל איז עשו גגאנגן צום גיעג אין פעלד ארויין הט ער גפונן דם נמרוד נאר
מיט צוויי מענטשן דען זייני גבורים זענין פריער אוועק גגאנגן אין דער מדבר
ארויין צו האפין חיות . אונ עשו הט גטייט דעם נמרוד אונ הט אים אפ גצוגין
זייני גלוסטיגע קליידר אונ איז אהיים אנטלאפין אונ האט זיך בהאלטן . אונ
בשעת עשו איז גקומן אהיים איז ער גוועזן זייער מיד אונ שלאף פר פחד אונ
הט מורא גהאט טאמר וועט ער שטארבן הט ער גנעהנט צו יעקב אונ הט זיך
פר אים גזעצט אונ זאגט צו אים נון איך וועל מוזן היינט שטארבן ווס טוג מיר
די בכורה אונ עשו הט פר קופט די בכורה צו יעקב אונ דס איז אלץ גוועזן פון
גאט ב״ה אונ עשו הט אוך פר קופט צו יעקב דם חלק ווס ער הט גהאט אין
דר מערת המכפלה פר פיל געלד אונ יעקב הט גשריבן דרוף אשטר מכירה
אונ האט גחתמת דרוף עדות אונ דער שטר מכירה איז גוועזן ביי יעקב . אונ
נמרוד דר זון פון כוש אז ער איז גהרגית גווארן אין דער מדבר האבן אים זייני
מענטשן גבראכט אין שטאט ארויין אונ האבן אים באגראבן אונ נמרוד האט
גלעבט צוויי הונדרט אונ פופצען יאר . אונ אז נמרוד איז גהרגית גווארן הט
זיך דיא ממשלה צוא טיילט אוף פיר חלקים . אונ נאך דעם אז אברהם איז
גשטארבן הט גאט גבראכט אין דער צייט אגרוסין הונגר אין לאנד כנען איז
יצחק אוף גשטאנן אונ הט גוואלט גיין קיין מצרים אזו וויא זיין פאטר אברהם
הט גאט ב״ה זיך בוויזן צו אים אין דר נאכט אונ הט גזאגט צו אים דו זאלסט

ניט גיין קיין מצרים נאר דו זאלסט גיין צום לאנד גרר צו אבימלך דר מלך פון פלשתים אונ זאלסט דארט זיצן ביז דר הונגר וועט זיך אום לאזין . אונ יצחק איז אויף געשטאנן אונ איז גגאנגן קיין גרר אזו ווי גאט הט אים גזאגט אונ יצחק איז דארט גזעסין אגאנץ יאר . אונ ווי דר הונגר הט זיך אום גלאזט האט גאט ב״ה זיך בוויזן צו יצחק אונ הט גזאגט צו אים שטיי אויף אונ גיי ארוס פון דעם לאנד אונ גיי צום לאנד כנען . אונ יצחק איז אויף געשטאנן אונ איז גגאנגן קיין חברון וואס איז אין לאנד כנען אזו וויא גאט ב״ה האט אים גבאטין :

בעת אין דר צייט הט יצחק אוועק גשיקט זיין זון יעקב צו שם ועבר . אונ הט דארט גלערינט גאטס שטראף אונ יעקב איז גזעסין ביי שם ועבר צווייא אונ דרייסיג יאר אבר זיין ברודר עשו איז גוועזן אין דער היים אונ פלעגט גיין אלי טאג אין פעלד ארויין צוא חאפין חיות אונ עופות אונ איז גוועזן איין גרוסר גבור אין פעלד . איין מאל איז עשו גיגאנגן צום לאנד שעיר חאפן חיות אונ עופות . איז ער גזעסין אין שעיר פיר חדשים אונ עשו הט דר זעהן אין לאנד שעיר אטאכטער פון איין כנעני אונ זיא הט גהייסין יהודית די טאכטער פון בארי דר זון פון עפר פון דר משפחה פון חת דר זון פון כנען הט עשו זיא גנומן פר אווייב אונ בשעת עשו הט גנומן דס ווייב איז ער אלט גוועזן פערציג יאר אונ עשו הט גבראכט דס ווייב קיין חברון וויא זיין פאטר איז גזעסין אונ האט זיך דארט בזעצט . אונ אז יצחק איז אלט גווארן הונדערט אונ צוואנציג יאר איז יעקב דעמאלט אלט גוועזן זעכציג יאר . אונ ווי שם איז געשטארבן הט זיך יעקב אום גקערט צום פאטר קיין חברון . אונ דעמאלט זענין גקומן מענטשן פון חרן אונ האבן אבשורה גזאגט צו רבקה אז איר ברודרס ווייב וואס הייסט עדינה הט גהאט צווייא טעכטר אונ לבן הט זיי נעמן געגעבן די ערשטי הט ער גרופן לאה אונ דיא צווייטי רחל . אונ וויא יצחק איז אלט גווארן זענין אים די אוגין שווער גווארן פון דעד עלטר אונ עס איז אים גווארן טונקל פאר דיא אוגין אונ האט מיין ניט געקענט זעהן :

בעת אין דר צייט הט יצחק גרופן זיין זון עשו אזו צוא זאגין נעם דיין שווערד אונ דיין בוגין אונ גיי אין פעלד ארויין אונ יאג איין גיעג אונ קאך מיר דר פון אגוט עסין אונ זאלסט מיר ברענגן אזו וועל איך דס עסין אונ נאך דעם עסין וועל איך דיך בענטשן . ווי רבקה הט דר הערט די רייד פון יצחק הט זיא גרופן איר זון יעקב אונ הט אים גזאגט אזו אונ אזו הט דיין פאטר יצחק גזאגט צו דיין ברודר עשו אונ אזו האב איך גהערט . אצונד אייל אונ טוא דס וואס איך וועל דיר זאגין גיי צו די שאף אונ זאלסט נעמן צווייא גוטי ציקעליך אונ איך וועל מאכן פון זיי גוטי געקעכטס ווי דיין פאטר יצחק הט ליב אונ דו זאלסט ברענגן דס געקעכטס צו דיין פאטר אונ ער וועט דס עסין איידר דיין ברודר וועט קומן פון זיין גיעג כדי דיין פאטר זאל דיך בענטשין . אונ יעקב הט גאיילט אונ הט גטון אזו ווי זיין מוטר הט אים גהייסין אונ הט גבראכט דס עסין פר דעם פאטר איידר עשו איז גקומן פון גיעג . אונ יצחק הט גפרעגט צו יעקב מיין קינד ווער ביסטו הט יעקב גזאגט צום פאטר איך בין דיין בכור עשו איך האב גטאן אזו ווי דו האסט מיר גזאגט אצונד מיין פאטר שטיי אויף אונ זעץ זיך אנידר וועסטו

עסין פון מיין געיעג כדי דוא זאלסט מיך בענטשן . אונ יצחק איז אויף גשטאנגן
אונ הט גגעסין אונ גטרונקן אונ דר קוויקט דם הארץ אונ הט אים גבענטשט .
אונ תיכף וויא יעקב איז ארוס גגאנגן פון זיין פאטר יצחק איז עשו אן גקומן
פון געיעג פון פעלד אונ הט אויך גמאכט גוטי שפייזן אונ האט גבראכט פאר
דעם פאטר . אונ יצחק הט גזאגט צו עשו ווער איז דר מענטש וואס הט מיר
גבראכט עסין אונ איך האב אים גבענטשט איידר דוא ביסט גקומן צו מיר .
אונ עשו הט שון גמערקט אז יעקב הט דם גטאן . אונ עשו הט גצערינט אונ
הט גגרוטט אויף זיין ברודר יעקב ווס יעקב הט אים גטאן דם דאזיגי אונ ער הט
גזאגט דרום הייסט ער יעקב וויל ער הט מיך צווי מאל בטריבט איין מאל
ווס ער הט ביי מיר אפ גקויפט די בכורה אונ דם אנדרי מאל הט ער די ברכה
ביי מיר צו גנומן . אונ עשו הט גוויינט אגרוס גוויין . אונ ווי יצחק הט דר הערט
אז עשו וויינט הט יצחק גזאגט צו עשו ווס זאל איך טאן אז דיין ברודר האט
מיט אליגן די ברכה צו גנומן . אונ נאך דר נאך הט יצחק אויך גגעבין א ברכה צו
עשו . אונ עשו הט פיינד גהאט יעקב דר פר ווס ער הט די ברכה צו גנומן .
דא האט זיך יעקב זייער גפארכטין פר עשו . אונ יעקב איז אויף גשטאנגן אונ
איז אנטלאפן גווארן צו עבר דר זון פון שם אונ האט זיך דארט בהאלטן . אונ
יעקב איז דעמאלט אלט גוועזן דריי אונ זעכציג יאר אונ יעקב איז גזעסין אין
הויז פון עבר פערצין יאר . אונ האט גלערינט נאך מיין גאטס וועג :

אין די טעג הט עדה דם ווייב פון עשו גוויגן א זון . אונ עשו הט אים גרופן אליפז
אונ עשו איז דעמאלט אלט גוועזן פינף אונ זעכציג יאר אונ ישמעאל דער
זון פון אברהם איז גשטארבן אין דר צייט . אונ ישמעאל הט גלעבט הונדרט
זיבן אונ דרייסיג יאר . אונ אז עס איז גוועזן דר סוף פון די פערצן יאר ווס יעקב
איז גזעסן אין הויז פון עבר איז יעקב גקומן קיין חברון צו די פאטר אונ מוטר .
אונ וויא עשו הט דר זעהן זיין ברודר יעקב הט דר צארן אונ אים זייער גגרוטט
אויף יעקב אונ הט אים גוואלט הרגינן . איז דיא זאך גזאגט גווארן צו רבקה
הט רבקה גאיילט אונ הט גירופן איר זון יעקב אונ הט צו אים גזאגט שטייא
אויף אונ אנטלויף צו מיין ברודר לבן קיין חרן אונ זאלסט דארט זיצן ביז דער
צארן פון דיין ברודר עשו וועט גישטילט ווערן . אונ יצחק הט גלאזט רופן
יעקב אונ הט גזאגט צו אים דו זאלסט ניט נעמן קיין ווייב פון די טעכטר פון
כנען נאר שטייא אויף אונ גייא קיין חרן צום הויז פון בתואל דר פאטר פון דיין
מוטר אונ נעם דיר דארט א ווייב פון די טעכטר פון לבן אויך זאג איך דיר אז
דו זאלסט ניט פאר געסן אן גאט ב"ה אונ גאט ב"ה וועט דיך אום קערן צום
לאנד ווי דייני עלטרן זענין גוועזן מיט פול קינדר אונ מיט פול גוטס אונ מיט
פול עשירות אונ פרייד אונ יצחק האט פר לענד פון צו גבאטן צו זיין זון יעקב
אונ צו בענטשן אונ הט אים גגעבן פול מתנות אונ הט אים אוועק גשיקט .
אונ יעקב הט צו גהערט די רייד פון זיין פאטר יצחק אונ פון זיין מוטר רבקה
אונ איז אויף גשטאנגן אונ איז גגאנגן קיין פדן ארם אונ יעקב איז דעמאלט אלט
גוועזן זיבן אונ זיבציג יאר . אונ ווי יעקב איז ארוס גגאנגן פון באר שבע נאך
חרן הט עשו גרופן זיין זון אליפז אונ הט צו אים גזאגט אז קיינר זאל ניט הערן .

אצונד איל אונ נעם די שווערד אונ יאג נאך מיין ברודר יעקב אונ זאלסט איס הרגנן. אונ אליפז איז אוף גשטאנן אונ הט גנומן צעהן מענטשן פון זיין מוטרס ברודר אונ איז נאך גלאפן נאך יעקב. אונ ווי יעקב האט דר זעהן אז אליפז יאגט אים נאך מיט צעהן מענטשן. איז יעקב גבליבן שטיין אוף דעם ארט ווי ער איז גשטאנן כדי ער זאל וויסן ווס דאס בטייט דען ער הט גאר ניט גוויסט פון קיין שום זאך. אונ אליפז הט אום גצוגן דיא שווערד אונ איז גגאנגן מיט זיינע מענטשן צו יעקב. הט יעקב צו זיי גזאגט ווס בטייט ווס איר זענט גקומן צו מיר מיט אייערי שווערדן הט אליפז צו אים גגעהנט אונ זאגט צו אים אזו אונ אזו הט מיר מיין פאטר אן גזאגט אצונד וועל איך מקיים זיין מיין פאטרס גיבאט ווס ער הט מיר גבאטן. אונ ווי יעקב הט דר זעהן אז די רייד פון עשו איז שטארק ביי זיין זון אליפז. הט יעקב צו אים גגעהנט אונ הט אים אונ זייני מענטשן גבעטן אזו צו זאגן נון אלדונג וואס איך האב אונ אוך ווס מיין פאטר אונ מוטר האבן מיר גגעבן נעמט דס אייך צו אביא איר זאלט מיך ניט הרגינן אונ איר ווערט טאן דארך דעם מיט מיר איין צדקה. אונ גאט ב״ה האט גגעבן חן צו יעקב אין די אוגן פון אליפז אונ הט אים ניט גהרגית אונ אליפז הט צו גנומן נאר דס גוטס וואס יעקב הט גהאט אונ האט זיך מיט זייני מענטשן אום גקערט קיין באר שבע צו זיין פאטר עשו:

פרשת ויצא

ויצא אונ יעקב איז ארוס גגאנגן פון באר שבע אונ איז גגאנגן קיין חרן אונ איז גקומן ביז אין בארג מוריה אונ הט גנעכטיגט לעבן דר שטאט לוז אונ גאט הט זיך בוויזן צו אים אין דער נאכט אונ האט צו אים גזאגט איך בין דיין גאט אונ אוך דר גאט פון אברהם אונ דער גאט פון דיין פאטר יצחק דאס לאנד ווס דוא ליגסט דרויף וועל איך עס געבן דיר אונ דייני קינדר. אונ איך בין מיט דיר אונ זאלסט גאר קיין מורא ניט האבן. אונ איך וועל דיך היטען ווי אהין דו ווערסט גיין אונ וועל מערן דייני קינדר וויא די שטערן פון הימל אונ וועל מאכן פאלן דייני פיינד פר דיר אונ וועל דיך ווידר קערן צום דאזיגן לאנד מיט פרייד אונ מיט פול קינדר אונ פול עשירות. אונ יעקב הט זיך אוף גחאפט אונ הט זיך זייער גיפרייד אוף דעם חלום. אונ הט גרופן דס דאזיגע ארט בית אל. אונ איז פון דארט אוועק גגאנגן צום לאנד קדם אונ איז גקומן קיין חרן. אונ הט זיך גזעצט ביי דר ברונן ווי די פאסטיכר טרונקן אן די שאף. אונ יעקב הט דארט דר זעהן אז מענטשן גייען פון חרן צו פאשן די שאף. הט יעקב זיי גפרעגט פון וואנן זענט איר האבן זיי גיענפרט מיר זענן פון חרן הט יעקב זיי גפרעגט אפשר קענט איר לבן דר זון פון נחור האבן זיי געענטפערט מיר קענין אים אונ באלדווערט קומן זיין טאכטר רחל מיט דיא שאף אונ ווי ער הט מיט זייא גרעד איז רחל אן גקומן מיט די שאף אונ ווי יעקב הט דר זעהן רחל דיא טאכטר פון לבן איז יעקב גלאפן צו איר אונ הט זיא גקושט אונ הט אוף גהויבן זיין קול אונ הט גוויינט. אונ יעקב הט גזאגט צו רחל דס ער איז דר זון פון רבקה אונ רבקה איז איר פאטרס שוועסטר. איז רחל גלאפן צום פאטר אונ

האט

הט אים גזאגט אז יעקב דר זון פון רבקה איז גקומן . אונ ווי לבן הט דאס דער הערט איז ער גלאפן צוא אים אונ האט אים גהאלזט אונ גקושט אונ הט אים גברענגט צו זיך אין שטוב ארײן אונ הט אים גגעבן צו עסן . אונ יעקב האט דר צײלט צו לבן וואס עס הט זיך אים גטראפן אונ וואס זײן ברודר עשו הט אים גטאן אונ אויך וואס אליפז דר זון פון עשו הט אים גטאן אופן וועג אונ יעקב איז גזעסן ביי לבן אײן חודש אונ הט ביי אים גפאשיט די שאף . נאך דעם הט לבן גזאגט צו יעקב זאג מיר וואס זאל זײן דײן שכר דער פר וואס דו דינסט מיר . אונ לבן הט גהאט צווײ טעכטר אײנע הט גהייסן לאה אונ די אנדרי האט גהייסן רחל אונ דיא אויגן פון לאה זענין גוועזן טונקעל אונ רחל איז גוועזן זײער שײן : אונ יעקב הט ליב גהאט רחל . הט יעקב גזאגט צו לבן איך וועל דינן ביי דיר פר דײן טאכטר וואס הייסט רחל . אונ לבן איז דרויף בשטאנן . אונ יעקב האט אים אן גהויבן צו דינן . אונ וויא עס איז גקומן דס אנדרי יאר וואס יעקב איז גזעסן ביי לבן איז גשטארבן עבר דער זון פון שלח . אונ עבר איז אלט גוועזן פיר הונדערט אונ פיר אונ זעכציג יאר . אונ ווי יעקב הט דאס דר הערט האט יעקב דרויף זײער גטרויערט אונ הט גמאכט אויף אים איין הספד אונ הט אויף אים גקלאגט פול טעג . אונ ווי עס איז שון גקומן דס זיבעטי יאר פון זײן דינסט ביי לבן הט יעקב גזאגט צו אים גיב מיר מײן ווייב וואס איך האב דיך גדינט פר איר . אונ לבן הט אזו גיטאן אונ הט אײן גזאמלט די שטאט לייט אונ הט גמאכט אמאל צייט וויא עס איז נאכט גוואורן איז יעקב מיט דיא חתונה לייט גגאנגן צו לבן אונ שטוב ארײן איז לבן גגאנגן אונ הט פר לאשן אלי ליכט וואס זענן גוועזן אין שטוב הט יעקב גזאגט צו לבן נאך וואס פר לעשטו דיא ליכט הט לבן גזאגט אזו איז ביי אונז דער מנהג אונ לבן הט גנומן זײן טאכטר לאה אונ הט זיא גבראכט צו יעקב . אונ יעקב הט גאר ניט גוויסט אוב עס איז לאה. אונ לבן הט גגעבן זײן דינסט מוד זלפה צו זײן טאכטר לאה פר אדינסט מוד. אונ אלי חתונה לייט זענן גקומן אין דר דאזיגר נאכט אין הויז ווי יעקב איז גוועזן אונ האבן גגעסן אונ גטרונקן אונ האבן זיך גפרייד אונ גטאנצט אונ גזונגן אונ האבן גשרוגן הילא הילא אז יעקב זאל הערין . אונ יעקב האט אבר ניט פאר שטאנן וואס זיי שרייען ער הט גמיינט עס איז אזו אמנהג . אונ די חתונה לייט האבן אזו גשרוגן אגאנצי נאכט פר יעקב . אונ ווי עס איז טאג גוואורן הט ער זיך אום גקוקט הט ער דר זעהן אז דס איז לאה . הט יעקב גזאגט אצונד פר שטייא איך וואס זיי האבן גשריגן הילא דען הילא איז טייטש לאה האט יעקב צו גר פן לבן אונ הט צו אים גזאגט וואס האסטו מיר גטאן איך האב דיך גדינט פר רחל . אונ נאך וואס האסטו מיך אפ גנארט אונ דו האסט מיר גגעבן לאה הט לבן גענטפערט צו יעקב מען טוט ניט אזו ביי אונז מען זאל חתונה מאכן פריער די יונגסטו פר די עלצטי אונ אצונד אוב דו ווילסט נעמן איר שוועסטר רחל זאלסטו ביי מיר דינן נאך זיבן יאר . אונ יעקב הט אזו גטאן אונ האט גנומן רחל אויך פר אווייב אונ יעקב הט ליבר גהאט רחל מער פון לאה . אונ לבן הט גגעבן צו זײן טאכטר רחל אדינסט מוד אונ זיא הט גהייסן בלהה . אונ ווי גאט ב"ה הט גזעהן אז יעקב הט פײנד לאה . הט גאט ב"ה זיא בווילגט

אונ זיא הט גוויגן פיר זון צו איר מאן יעקב . אונ אזו האבן זיי געהייסן ראובן
שמעון לוי יהודה אונ לאה הט אוף געהערט צו גוויגן . אונ רחל איז גוועזן איין
אום טראכטערן הט רחל זיך מקנא גוועזן אן לאה אונ ווי רחל הט גזעהן אז זיא
גווינט ניט קיין קינד הט רחל גנומן איר דינסט מיד בלהה אונ האט זיא געגעבן
צו יעקב פאר א ווייב אונ זיא האט גוויגן צווייא זון אונ זיי האבן געהייסן דן אונ
נפתלי אונ ווי לאה הט גזעהן אז זיא הט אויף געהערט צו גוויגן הט זיא אויך איר
דינסט מיד זלפה געגעבן צו יעקב פר א ווייב אונ זיא הט אויך גוויגן צווייא זון זיי
האבן געהייסן גד אונ אשר אונ לאה הט נאך גוויגן צווייא זון אונ איין טאכטער
אונ אזו האבן זיי געהייסן יששכר אונ זבולון אונ דינה זייער שוועסטר אונ רחל
איז נאך גוועזן איין אום טראכטערן אונ רחל הט תפלה גטאן צו גאט ב"ה אונ ער
הט צו געהערט איר תפלה אונ רחל הט גוויגן איין זון אונ הט גזאגט גאט ב"ה
הט אפ גטאן פון מיר מיין שאנד אונ רחל האט גרופן איר זון יוסף צו זאגן אז
גאט ב"ה זאל מערן צו מיר נאך אזון . אונ יעקב איז דער מאלט אלט גוועזן איין
אונ ניינציג יאר : בעת אין דר צייט הט רבקה דיא כוטר פון יעקב גשיקט צו
יעקב פון לאנד כנען איר זייגערן דבורה ווס זיא איז דיא טאכטער פון עוץ אונ
אויך צווייא מענטשן פון יצחקס קנעכט אונ זייא זענין גקומן קיין חרן אונ האבן
גזאגט צו יעקב דיין מוטר האט אונז גשיקט דיר צו זאגן אז דו זאלסט דיך אום
קערן צו דיין פאטערס הויז צום לאנד כנען אונ יעקב הט צו געהערט די רייד .
אונ אויך אין דר צייט הט זיך אום גלאזט דיא אנדרי זיבן יאר ווס ער הט גדינט
פר זיין ווייב רחל אונ ווי עס איז גקומן דר סוף פון די פערצן יאר האט יעקב
גזאגט צו לבן גיב מיר מייני ווייבר אונ שיק מיך אוועק מיין מוטר הט גשיקט
צו מיר פון כנען אז איך זאל זיך אום קערן אהיים . הט לבן גזאגט צו יעקב איך
בעט דיך זיץ ביי מיר אונ דו זאלסט מיך ניט פר לאזן אונ זאג מיר ווי פיל דו
ווילסט פר דיין מירחא וועל איך דיר בצאלן . הט יעקב גזאגט צו לבן איך וויל
דו זאלסט מיר פר מיין טירחא דס געבן איך וועל היינט איבר ציילן אלי דייני
שאף אונ וועל פון זייא אפ טאן איטליכע שאף וואס זיא איז גשטיפעלט אודער
גפלעקילט אודער גרייטילט אודר גהיצט אונ דייני קינדר זאלן די דאזיגע שאף
פיידן אונ איך וועל פיידין די פראסטי שאף אונ אז די פראסטי שאף וועלן אויך
האבן גשטיפילטע אודר גפלעקילטע אודר גרייטילטע זאל דס זיין מיין טירחה
אונ אז דוא וועסט מסכים זיין דרוף וועל איך נייטר פיידן די שאף ווייא איך
האב גטאן פריער ביי דיר . אונ לבן הט אזו גטאן אונ הט אפ גטאן די גשטיפלטי
אונ גפלעקילטי אונ גרייטילטי שאף אונ הט דאס געגעבן צו זייני זון צו פיידן
אונ די פראסטי שאף הט ער געגעבן צו יעקב אזו ווי יעקב הט גזאגט אונ יעקב
הט נאך גדינט ביי לבן זעקס יאר חוץ ווס ער הט אים גדינט פערצן יאר פר די
ווייבר . אונ ווי עס איז גקומן די צייט אז די שאף זאלן גוויגן הט יעקב אפ גטאן
פון זיי די גשטיפלטי אונ די גרייטולטע אזו ווי ער הט גרעד מיט לבן . אונ מיטן
די זעקס יאר זענן גקומן די קנעכט פון יצחק ווס זענן גשיקט גווארן צו יעקב
אונ האבן אים גזאגט אז ער זאל זיך אום קערין צו זיין פאטער צום לאנד כנען
האבן זיי גזעהן אז ער וויל זיך ניט אום קערן זענן זיי אוועק גגאנגן פון אים צום

לאנד כנען אונ יעקב הט זיך זייער גשטארקט אונ עס איז גוועזן צו אים צווייא דונדערט טויזנד גרושע אונ שייני שאף . אונ דיא זון פון לבן האבן זיך מתקנא גוועזן אונ יעקב פון וועגן דעם עשירות וואס ער הט גהאט . אונ אצייט ארום הט יעקב גהערט ווי די זון פון לבן האבן גזאגט אז יעקב הט צו גינומן אלדונג וואס עס גהער צו אונז דורך דעם הט ער אזו אכבוד אונ יעקב הט גזעהן דס לבן מיט זייני זוהן זענן ניט גאנץ מיט אים אזו ווי פריער . אין דר זעלביגר צייט איז שון גוועזן דר סוף פון די זעקס יאר הט גאט ב"ה זיך בוויזן צו יעקב אונ הט צו אים גזאגט שטיי אוף אונ גייא ארום פון דעם דאזיגן לאנד אונ קער זיך אום צו דיין פאטרס הויז אונ איך וועל זיין מיט דיר . אונ יעקב איז אוף גישטאנן אין דער צייט אונ הט גנומן זייני ווייבר אונ קינדר אונ אלדונג וואס ער הט גהאט אונ הט עס ארויף גלייגט אוף דיא קעמלן אונ איז אוועק גגאנגן צו זיין פאטר יצחק צום לאנד כנען . אונ לבן הט גאר דער פון ניט גוויסט אז יעקב איז פון אים אוועק גגאנגן דען לבן איז גגאנגן אין דר צייט צו שערן זייני שאף . אונ רחל הט אוועק גנומן די בילדר וואס לבן הט גהאט אונ האט זיי בהאלטן אונטר דעם זאטל פון קעמל אונ הט זיך דרויף ארויף גזעצט אונ איז אוועק גריטן . אונ ווי לבן איז אהיים גקומן הט ער גפרעגט ווי איז יעקב אונ ווי זענן די קינדר פון יעקב הט קיינר ניט גוויסט ווי זיי זענן . איז לבן גגאנגן צו זייני בילדר פרעגן ווי אהין יעקב איז אוועק הט ער זיי ניט גפונן . דר נאך הט ער זיך דר וויסט אז יעקב איז אנטלאפן צום פאטר . איז לבן אוף גשטאנין אונ הט גנומן זייני ברודר אונ זייני קנעכט אונ זענן נאך גלאפן נאך יעקב אונ האבן בגעגנט יעקב מיט זייני קינדר אוף דעם בארג גלעד . האט לבן גזאגט צו יעקב וואס האסטו מיר גטאן נאך וואס ביסטו אנטלאפן גווארן פון מיר אונ האסט אוועק גגנבית מייני בילדר אונ פירסט מייני טעכטר אונ זייערי קינדר אזו ווי מען פירט גפאנגני מענטשן . אונ האסט מייני קינדר ניט גלאזט איך זאל זיי קושן אונ איך וואלט זיי גוועזן בלייט מיט שמחה . הט יעקב גענטפערט צו לבן דען איך האב מורא גהאט טאמר וועסטו ביי מיר צו נעמן מייני ווייבר אונ אוך ביי וועמן דוא וועסט גפונן דייני בילדר דר זאל ווערן גטייט אונ לבן האט גזאגט צו יעקב לאזן מיר כורת ברית זיין אונ דס זאל זיין איין עדות צווישן מיר אונ דיר אז דו זאלסט ניט פייניגן מיינע טעכטר אונ אוך זאלסטו מער קיין ווייבר ניט נעמן אונ גאט ב"ה זאל זיין איין עדות אוף די דאזיגע זאך . אונ זיי האבן גנומן שטיינר אונ האבן גמאכט עדות צווישן זיך אונ דרום הט מען דס ארט גרופין גלעד אונ יעקב מיט לבן האבן גשאכטן אשעכטונג אוף דעם בארג אונ האבן דארט גנעכטיגט אונ לבן איז אוף גשטאנן גאנץ פרי אונ האט גקושט זייני טעכטר אונ איז אוועק גגאנגן צו זיין ארט . אונ יעקב איז אוך אוועק גגאנגן זיין וועג . אונ ווייא לבן איז אהיים גקומן הט ער גשיקט זיין זון בעור אונ אבי תורן דר זון פון עוץ דר זון פון נחור מיט נאך צעהן מענטשן צו עשו . אונ לבן האט זייא אן גזאגט אז זיי זאלן אזו זאגן צו עשו . דיין ברודר יעקב איז גקומן צו דיין פעטר לבן גאר נאקיט אונ ליידיג אונ דיין פעטר לבן איז אים אקיגן גגאנגן אונ האט אים גבראכט צו זיך אין שטוב אריין מיט גרוס כבוד אונ הט אים געבן זייני צוויי טעכטר פר ווייבר

אונ

אונ צווייא דינסטן אונ גאט האט זיין הויז געבענטשט אונ יעקב האט זיך זייער געשטארקט אונ הם גהאט זון אונ טעכטער אונ דינסטן אונ שאף אונ רינדר אונ קעמלן אונ אייזלן אזו פול ווס הט גאר ניט קיין צאל אונ פול גאלד אונ זילבר אונ דס איז אליץ גוועזן דורך לבן . אונ ווי יעקב הט דר זעהן אז ער הט שון פול גוטס הט ער זיך אוועק גגנבית פון לבן אונ לבן איז דענטמאלט ניט גוועזן אין דר היים הט יעקב גנומן דיא ווייבר אונ דיא קינדר אונ גאר זיין גוטס אונ איז אוועק גגאנגן צום פאטר צום לאנד כנען אונ הט אוך אוועק גגנבית ביי אים די בילדר אצונד איז ער מיט גאר זיין גוטס ביי דעם טייך יבוק . אונ אוב דוא ווילסט גיין צו אים זאלסטו תיכף גיין צו אים ווערסטו אים דארט גפונן אונ וועסט אים קענן טאן ווס דו ווילסט . ווי עשו הט דר הערט די רייד הט דר צארן אונ אים זייער גגרומט אונ הט זיך דר מאנט דס פיינד שאפט ווס ער הט גהאט אוף יעקב אונ הט גאיילט אונ גנומן זייני זון אונ זיינע קנעכט אונ אלי קינדר פון שעיר החורי פיר הונדערט מענטשן אונ אלי האבן גהאט בלויז שווערדן אונ זענן גגאנגן דר שלאגן יעקב . אונ די שלוחים ווס זענן גגאנגן פון לבן צו עשו זענן פון עשו אוועק גגאנגן צום לאנד כנען אונ זענן גקומן צו רבקה דיא מוטר פון יעקב אונ עשו . אונ האבן איר דער צײלט אז איר זון עשו גייט מיט פיר הונדערט מאן אקיגן יעקב מלחמה צו האלטן מיט אים אונ אים צו הרגנן אונ צו צו נעמן ביי אים ווס ער הט . הט רבקה גאיילט אונ גשיקט צו יעקב צווייא אונ זיבעציג מענטשן פון יצחקס גטרייע קנעכט . אונ זייא האבן יעקב בגעגנט ביי דעם טייך יבוק . הט יעקב גזאגט גלובט איז גאט ב"ה ווס הט מיר גשיקט אמחנה מענטשן זייא זאלן מיר העלפן אונ יעקב האט גרופן דאס ארט מחנים . אונ די מענטשן האבן גזאגט צו יעקב דיין מוטר רבקה הט אונז גשיקט צו דיר אזו צוא זאגן מיין קינד איך האב גהערט אז דיין ברודר עשו גייט דיר אקיגן מיט פיר הונדרט מענטשן דרום זאלסטו אזו טאן אז דיין ברודר וועט קומן צו דיר זאלסטו אים בעטן מיט ווייכע רייד אונ זאלסט אים געבן אמתנה פון אלעם ווס גאט ב"ה הט דיך גלייט זעליגט . אונ וואס ער וועט דיך פרעגן זאלסטו אים זאגן דעם אמת טאמר וועט זיך אפ טאן פון אים דר צארן אונ דו וועסט ווערן בשערומט פון אים אונ אוך דיין הויז גזונד . דען דו בדארפסט אים אפ צוא געבן כבוד . דען ער איז עלטר פון דיר . אונ ווייא יעקב האט אוס גהערט די רייד פון זיין מוטר הט יעקב אוף גהובן זיין קול אונ הט גוויינט אונ הט גטאן ווי די מוטר הט אים גבאטן :

פרשת וישלח

וישלח אונ יעקב הט גשיקט שלוחים צו זיין ברודר עשו צום לאנד שעיר מיט ווייכע רייד . ויצו אונ הט גבאטן די שלוחים אזו צו זאגן איר זאלט צו מיין הער עשו זאגן אזו הט גיזאגט דיין קנעכט יעקב . מיין הער עשו זאל ניט טראכטן אז מיין פאטערס ברכה איז אין מיר מקוים גווארן . איך בין גוועזן ביי לבן אונ האב אים גדונט צוואנציג יאר אונ לבן האט מיך אלי מאל אפ גנארט אונ האט פאר ביטן מיין שכר צעהן מאל אונ איך האב ביי אים גארבט זייער

שווער

שווער . אונ גאט ב״ה הט גזעהן מיין פיין אונ מיין ארבט ווס איך האב געהאט ביי לבן הט ער מיר געהאלפן . אונ היינט האב איך רינדר אונ שאף אונ קנעכט אונ דם איז גוועזן דורך דעם חסד פון אייבערשטן אונ איך שיק דם דר צייגן כדי איך זאל געפינען חן אונ זיינע אויגן אונ דר הער זאל ניט מיינן אז דיא ברכה פון מיין פאטר איז אין מיר מקוים גווארן . אונ די שלוחים זענן גגאנגן צו עשו אונ האבן אים גטראפן אין סוף פעלד פון אדום אונ זיי האבן אים גזאגט די רייד פון יעקב . האט עשו געענטפערט צו די שלוחים פון יעקב מיט כעס אונ האט גזאגט צו זיי איך האב געהערט וואס מיין ברודר יעקב הט גטאן צו אונזר פאטר לבן אונ ניט צו לבן אליין הט ער אזעלכעס גטאן נאר ער האט מיר אויך דאס גטאן אונ הט מיך בטרובט צוויי מאל אונ איך האב דרוף גאר גשוויגן :

ועתה אונ אצונד גיי איך אים אקיגן אונ וועל אים טאן אזו ווי מיין הארץ וויל .

אונ די שלוחים זענין צוריק גקומן צו יעקב אונ האבן אים דער ציילט אז מיר זענן גקומן צו דיין ברודר עשו אונ מיר האבן אים גזאגט אלי רייד ווס דו האסט אונז אן גזאגט אונ ער האט אונז אזו אונ אזו געענטפערט אונ ער גייט מיט די פיר הונדרט מענטשן אקיגן דיר : ועתה אונ אצונד זאלסטו וויסן דער פון אונ זעה ווס דוא זאלסט טאן . אונ טוא תפלה צו גאט ב״ה ער זאל דיך מציל זיין פון אים . ויתפלל אונ יעקב האט תפלה גטאן צו גאט ב״ה אונ הט גזאגט איך בעט דיך גאט ב״ה הער פון דר וועלט דר גאט פון מיין פאטר אברהם אונ פון יצחק דוא אליין האסט מיר גזאגט בשעת איך בין ארום גגאנגן פון מיין פאטערס הוז אזו צו זאגן איך וועל דיר געבען דאס דאזיגע לאנד אונ צו דייני קינדר אונ וועל זיי מערן ווי די שטערן אין הימל אונ אין דיר וועלן זיך בענטשן אלי משפחות פון דר ערד אונ דו גאט ב״ה האסט מקיים גוועזן דייני רייד אונ האסט מיר געגעבן קינדר אונ אויך פול עשירות אונ עס איז מיר ניט גמינערט גווארן קיין שום זאך . אונ נאך דעם האסטו מיר גזאגט אז איך זאל זיך אום קערן צו מיין פאטער אונ וועסט מיר טאן נאך פול גוטס . בעט איך דיך גאט ב״ה דו זאלסט מיך מציל זיין פון מיין ברודר עשו אונ איך בין ניט ווערט אין מיין זכות אז איך זאל ניצול ווערן זייא מיך מציל אין זכות פון מיין עלטר פאטר אברהם אונ פון מיין פאטער יצחק . ווארום איך וויים וואל אז מיט דיין דר בארומהערציקייט האב איך דם גוטס בקומן . אונ אצונד זיי מיך היינט מציל פון וועגן דיין חסד אונ דר ברומקייט :

ויבל אונ ווי יעקב הט אוס גלאזט דיא תפלה הט יעקב צו טיילט וואס ער הט געהאט אוף צוויי מחנות איין מחנה הט ער אפ גטיילט צו דמשק דער זון פון אליעזר ווס ער איז גוועזן דר קנעכט פון אברהם אונ דיא אנדערי האט ער גגעבן צו אליפום אליעזרס ברודר . ויצו אונ ער האט זיי גבאטן אזו צו זאגן איר זאלט אייך הער ווייטערן אייגר פון דעם אנדרן גאנץ ווייט אונ אוב עשו וועט איין מחנה דר שלאגן וועט די אנדערי מחנה ניצול ווערן . וילן אונ יעקב הט איבר גנעכטיגט די זעלביגע נאכט אוף דעם ארט . וישמע אונ גאט ב״ה האט צו געהערט די תפלה פון יעקב אונ גאט ב״ה הט גשיקט פיר מלאכים פון הימל צו עשו אונ די מלאכים זענן גקומן צו אים אונ האבן זיך אום גווין פר עשו

גלייך

גלייך ווי עס גייען פול טויזנטר מענטשן אקיגין אים אונ רייטן אוף פערד אונ האבן כלי זיין אונ טיילן זיך אוף פיר טייל אונ אזו הט זיך אוך אום גוויזן ביי אלי מענטשן וואס זענן גוועזן מיט עשו . אונ ווי עשו הט גזעהן ווס עס הט זיך אים גטראפן האט עשו זייער מורא גהאט פר יעקב אונ איז אים שון אקיגען גגאנגן מיט פריד . אונ עשו הט פר דעקט דיא שנאה ווס ער הט גהאט פאר יעקב . אונ יעקב איז פריא אוף גשטאנן אונ הט אום גקליבן אמתנה צו עשו . אונ דס איז די צאל פון דר מתנה ווס יעקב האט גשיקט צו זיין ברודר עשו פון די שאף פיר הונדרט פערציג אונ קעמלן דרייסיג אונ איזלן דרייסג אונ אלרליי רינדר פופציג . אונ הט דס גגעבן צו זייני קנעכט אונ האט דאס צו טיילט אוף צעהן חלקים . ויצום אונ יעקב הט זיי גבאטן זיי זאלן זיך דר ווייטרן איינר פון אנדרן . אונ הט זיי אזו גזאגט אז עשו מיט זייני מענטשן וועלן אייך בגעגינן אונ וועלן פרעגן וועמס איז דס אונ וויא אהין גייט איר זאלט איר אים ענטפרן מיר זענן יעקבס קנעכט אונ מיר גייען אקיגן זיין ברודר עשו צו געבן אים דס פר אמתנה אונ יעקב קומט אוך אן אונ איז אונטר אונז אונ אז עשו וועט אייך פרעגן נאך ווס גייט יעקב פון הונטן זאלט איר אים זאגן אז ער גייט אונטר אונז מיט פרייד אונ שמחה אקעגין זיין ברודר . עשו כדי דר עשו זאל אפ וואשן מיט דר מתנה ווס גייט פריער פאר אים אונ דר נאך וועט יעקב אליין קומן צו זעהן זיך מיט דעם הער עשו . אונ דיא מתנה איז איבר גגאנגין צוא עשו אגאנצין טאג . אונ יעקב הט גנעכטיגט די נאכט מיט זייני מחנות בייא דעם טייך יבוק . אונ איז אוף גשטאנן אין האלבר נאכט אונ האט גנומן דיא ווייבר אונ די דינסטן אונ הט זיי איבר גפירט דעם טייך . אונ ווי יעקב הט שון איבר גפירט אלדונג איבערין טייך איז יעקב אליין איבער גבליבן האט אים בגעגונט אמענטש אונ הט זיך מיט אים גראנגילט ביז דר מארגין שטערן איז אוף גגאנגן אונ בשעת זיי האבן זיך גראנגילט הט דר מענטש פר רוקט יעקב די זייט פון דיך . אונ ווי עס איז אוף גגאנגן דר מארגן שטערן הט דר מענטש פאר לאזט יעקב אונ האט אים גבענטשט אונ איז אוועק גגאנגן . אונ יעקב איז איבער גפארן דעם טייך . אונ הט אוף גהובן זייני אוגן הט ער דר זעהן אז עשו גייט פון ווייטן מיט פיל מענטשן הט ער זייער מורא גהאט פר אים . אונ יעקב הט גאיילט אונ הט צו טיילט זייני קינדר אונ זייני ווייבר אונ זייני דינסטן אונ זיין טאכטר דינה הט ער בהאלטן אין איין קאסטן אונ הט דס אלס אפ גגעבן צוא זייני קנעכט אין די הענד . אונ יעקב איז גגאנגן פריער פר זייני קינדר אונ פר די ווייבר . אונ ווי יעקב איז גקומן אקעגין זיין ברודר עשו הט יעקב זיך גבוקט פר עשו זיבן מאל ביז ער הט גנעהנט צו עשו . אונ גאט ב"ה הט חן גגעבן אונ דיא אוגן פון עשו אונ אוך בייא זייני מענטשן אוף יעקב . אונ עשו איז גלאפן אקיגן יעקב . אונ הט אים גהאלזט אונ גקושט אונ האבן ביידי אן גהובן צוא וויינן . אונ אליפז דר זון פון עשו אונ זייני ברודער האבן גוויינט מיט יעקב אונ האבן אים גקושט אונ גהאלזט דען די פארכט פון גאט איז גפאלן אוף זיי אונ עשו הט אוף גהובן זייני אוגן אונ האט דער זעהן יעקבס ווייבר אונ קינדר זאגט ער צו יעקב מיין ברודר ווער זענין די מענטשן ווס גייען נאך דיר . הט יעקב

גענפֿרט צו אים דס זענין מייני קינדר וואס גאט ב"ה הט גלייט זעליגט מיך דיין קנעכט יעקב . הט עשו גזאגט צו יעקב ווי אהין גייט דס ווס איך האב גטעבען בגעגנט . האט יעקב געענפֿרט צוא עשו כדי דער קנעכט יעקב זאל גפֿונן לייט זעליקייט אין די אויגן פֿון דעם הער . עשו הט ער געגעבן אמתנה צום הער . אונ יעקב הט געבעטן עשו אז ער זאל נעמן ביי אים די מתנה . הט עשו ניט גוואלט נעמן ביי אים די מתנה . אונ יעקב הט נאך אמאל צו אים גזאגט איך בעט דיך מיין הער אוב איך האב גפֿונן חן אין דייני אויגן זאלסטו נעמן ביי מיר די מתנה וואָרום ביי מיר איז זייער חשוב וואס איך האב געזעהן דיין פּנים גליך וויא איך וואלט געזעהן אמלאך פֿון גאט ב"ה דרום זאלסטו מיר צו ליב טאן אונ עשו הט גנומן ביי אים די זעלביגע מתנה פֿון דיא פּיך . אוך הט אים יעקב געגעבן גאלד אונ זילבר אונ איידל געשטיין . אונ עשו האט צו טיילט די מתנה האלב הט ער געגעבן צו די מענטשן ווס זענין גוועזן מיט אים דען ער הט גדונגען די מענטשן פֿר שכר . אונ די אנדרי האלבע הט ער געגעבן צו זייני קינדר . אונ דאס גאלד אונ זילבר אונ איידל געשטיין הט ער גיגעבן צו זיין זון אליפֿז ווס ער איז גוועזן בייא אים דער בכור :

ויאמר אונ עשו האט גזאגט צו זיין ברודר יעקב איך וועל זיין אביסל מיט דיר אונ נאך דעם וועלן מיר גיין צו מיין אורט אונ מיר וועלן זיצן אין איינם .

ויען הט יעקב געענפֿרט צו זיין ברודר עשו מיין האר דו ווייסט וואל אז מיינע קינדר זענין יונג . אונ די שאף אונ דיא רינדר זענין מיד . אונ אז איך וועל גיין אונ דר געך וועלן זיי אלי אום שטארבן . דרום זאל דר האר אוועק פֿארן פֿריער . אונ איך וועל פּמעליך גיין מיט די קינדר אונ מיט דיא שאף ביז איך וועל קומן צום האר קיין שעיר . וישמע אונ עשו הט געהערט די רייד פֿון זיין ברודר יעקב הט ער זיך מיט זייני מענטשן אום גקערט צום לאנד שעיר אונ יעקב איז גגאנגן צום לאנד שכם ווס עס איז אין לאנד כנען אונ האט גקופֿט אשטיק פֿעלד ביי די קינדר פֿון חמור פֿר פֿינף שטיק זילבר אונ יעקב הט זיך גבויעט אהויז אונ הט זיך געמאכט געצעלטן אונ צו זייני בהמות האט ער געמאכט ביידלך איבר דעם הט מען גרופֿן דס אורט סוכות . דען סוכות איז טייטש ברעקט :

בעת אין דר זעלביגר צייט איז ארום גגאנגן די ווייבר פֿון די איין וואנר פֿון די שטאט צו טאנצן אונ צוא פֿרייען זיך איז רחל אונ לאה אונ זייערי דינסטן אונ אוך דינה די טאכטר פֿון יעקב ארום גגאנגן צו זעהן די פֿרייד ווס די ווייבר פֿרייען זיך . וכל אונ אלע מאנזבלין אונ אלע ווייבר אונ אלי שררות אונ אלע גרוסע לייט זענין דארט גוועזן אונ האבן צו געזעהן די שמחה . אונ שכם דר זון פֿון חמור איז אוך דארט גוועזן אונ הט דר זעהן דינה די טאכטר פֿון יעקב זיצן לעבן איר מוטר לאה איז זיא אים זייער געפֿעלן :

וישאל אונ שכם הט געפֿרעגט זייני פֿריינד אונ די מענטשן ווס זענען געשטאנען לעבן אים ווער איז די יונגע פֿרויא ווס זיצט דא לעבן די ווייבר ווס איך קען גאר ניט . ויאמרו האבן זיי צו אים גזאגט זיא איז די טאכטר פֿון יעקב דער זון פֿון יצחק העברי ווס זיצט אין דער שטאט שון עטליכע טעג אונ ווי זיי האבן דר הערט אז די ווייבר פֿון דר שטאט זענין ארום גיגאנגן צו פֿרייען זיך איז דיא

יונגע פרוי אוף ארוס גגאנגן . וירא אונ ווי שכם דר זון פון חמור הט דר זעהן דינה האט ער זייער גגלוסט צו איר אונ האט גשיקט מענטשין אז מען זאל זיא ברענגן צו אים מיט גוואלד . ותבא אונ מען האט דינה גברענגט צו שכם אין הויז אריין אונ שכם הט זיא ביי זיך ווייא איין ווייב גהאלטן :

ויבאו אונ מען איז גקומן צו יעקב אונ מען הט אים דר ציילט די זאך פון זיין טאכטר דינה . וישמע אונ ווי יעקב הט דר הערט ווס שכם הט גטאן הט יעקב גשוקט צוויי קנעכט אז זיי זאלן ברענגן זיין טאכטר דינה פון שכמס הויז . איז שכם ארוס גגאנגן אונ הט זיי פאר טריבן פון הויז אונ הט ניט גוואלט אפ געבן דינה . וישלח הט יעקב גשוקט צוויי יונג פרויען ווס זיי זאלן גוועזין דיא טעכטר פון זייני קנעכט צום הויז פון שכם זיי זאלן זוצן ביי דינה כדי זיי זאלן זיא אפ היטן . וישלח אונ שכם הט גשוקט דריי מענטשן צו זיין פאטר חמור אזו צו זאגן . דו זאלסט מיר נעמן די דאזוגע פרויא פר אווייב :

וילך אונ חמור איז גגאנגן צו יעקב ער זאל מיט אים ריידן פון דער זאך . אונ ווי חמור איז ארוס גגאנגן פון שכםס הויז צו גיין צו יעקב . איז דער ווייל אן גקומן די קינדר פון יעקב פון פעלד . אונ ווי זיי האבן דר הערט די מעשה פון זייער שוועסטר דינה האבן זיי דרוף זייער גטרויערט אונ עס הט זיי דרוף זייער פר דראסין : ויבאו זענין זיי גקומן פר זייער פאטר אונ האבן גזאגט מיט גרוס צארן דר משפט איז אז מיזאל דם בעשטראפן . דען גאט ב״ה הט גבאטן צו נח אונ צו זייני זון אז מיזאל ניט גזלענין . אונ נון שכם האט גגזילת אונזר שוועסטר אונ קיין שום מענטש פון דר דאזיגר שטאט הט אים ניט גרעד דרוף קיין שום ווארט דריבר האבן דיא שטאט לייט אוך פאר דינט בשטראפט צו ווערין דען זיי האבן גוויסט פון דר זאך אונ האבן דרוף גשוויגן . ויהי אונ עס איז גוועזן בשעת זיי האבן גרעד פר זייער פאטר יעקב פון דער דאזיגר זאך . איז חמור מיט זיין זון שכם גקומן צו יעקב צו ריידן מיט אים כמח דעם וואס שכם וויל זיין טאכטר דינה . אונ האבן גזאגט צו יעקב לאזין מיר גפונן חן אין אייערי אויגין אונ מיר בעטין אייך אז איר זאלט מיר געבין אייער טאכטר פאר אווייב . ויענו האבן שמעון מיט לוי געענטפערט צו שכם אונ חמור מיט קלוגהייט אזו צו זאגן . אלדונג וואס איר האט גרעד צו אונז וועלן מיר טאן אונ אונזר שוועסטר וועלן מיר געבן צו אייך . נייערט מיט דעם דאזיגן וועלן מיר זיך בווילגן צו אייך אז מיר זאלן געבין אונזרי טעכטר צו אייך אונ אייערי טעכטר וועלן מיר נעמן צו אונז אונ מען זאל גאר זיין איין פאלק אזו ווי איר הט גרעד אוף דעם תנאי אז איר וועט אן נעמן מצות מילה . אונ אוב איר ווילט ניט דס טאן וועלן מיר אפ נעמן אונזר טאכטר פון אייך אונ מיר וועלין אוועק גיין פון אייער שטאט . וימהרו אונ שכם מיט זיין פאטר חמור האבן גאיילט אונ האבן איין גזאמילט אלי שטאט לייט אונ האבן צו זייא גזאגט דיא רייד פון יעקבס קינדר אונ ווי די שטאט לייט האבן דס דר הערט איז זיי די זאך זייער גפעלן אונ זיי זענין מוסכם גווארן אוף דעם תנאי . אונ ווי עס איז גקומן דר אנדרר טאג איז שכם מיט זיין פאטר חמור אוף גשטאנן גאנץ פריא אונ האבן איין גזאמילט אלי שטאט לייט . עס איז גוועזן פיל מאנזבלין אונ פיל קינדר

ווס

וואס האבן די מצוה גטאן נאר חדקם דר זון פון פרד דר פאטר פון חמור מיט
זייני וועקס ברודר האבן עס ניט גטאן דען די רייד פון יעקבס קינדר איז ביי זיי
גמאס גוועזן אונ דר צארן הט גברענט אין זיי אויף די שטאט לייט וואס זיי האבן
עס גטאן . אונ האבן גזאגט צו שכם מיט זיין פאטר חמור . איז דען ניט פאר
האנדן אזו איונג פרויי ביי אונזרי ברודר נאך וואס האט איר בדארפן נעמן דיא
טאכטר פון יעקב וואס איר קענט ניט :

ויענו האבן שכם מיט חמור געענטפערט צו חדקם מיט זייני ברודר דם וואס איר
זאגט איז ריכטיג . נייערט מיר האבן עס נאר גטאן ווייל מיר האבן
גוואלט יעקבס טאכטר אבר ניט ווייל מיר ליבן אים . אונ אצונד אז מיר האבן
שון באקומן אונזר ווילן וועלין מיר טאן צו יעקב מיט זייני קינדר דם וואס מיר
אין הארץ האבן ווען מיר וועלין גזונד ווערין . אונ דינה הט געהערט דיא רייד
וואס חדקם מיט זייני ברודר האבן גרעד צו שכם מיט חמור אונ וואס זיא האבן
זיי געענפערט . הט זיא גנומן איינע פון די צוויי יונג פרויען אונ הט זיא גשוקט צו
יעקב אונ צו אירי ברודר אז זיי זאל דר ציילן וואס מיהאט גרעד ביי שכם אין
שטוב . אונ די יונג פרויי איז גגאנגן אונ הט דר ציילט די דאזיגי רייד צו יעקב
מיט זייני קינדר . אונ ווי יעקב הט דר הערט די רייד איז ער גווארין פול מיט
צארן . אונ שמעון מיט לוי האבין גשווארן אזו וויא גאט ב"ה איז דר האר פון
דר גאנצר וועלט אונ לעבט אייביג אזו וועט מארגן פון דער שטאט שכם גאר
ניט איבר בלייבן אונ שמעון מיט לוי האבן גצערונט אונ האבן אום גברענגט
אלי מאנזבלין פון דר שטאט . אונ עס איז דארט גוועזן אגרוסי מהומה אונ דם
גשריי פון דר שטאט שכם איז אויף גגאנגן ביז צום הימל אונ ווי יעקב הט דר
זעהן וואס זייני קינדר האבן גטאן צו דער שטאט שכם האט ער אויף זייא זייער
גצערונט אונ הט גזאגט צו זייא וואס הט איר מיר גטון . נון איך האב מיר גפונן
איין אורט אין לאנד כנען צו זיצן רוהיג אונ קיין שום מענטש האט מיר אפילו
איין שלעכט ווארט ניט גרעט אונ אצונד הט איר מיר גטון אשאנד פר די וואס
זיצן אין לאנד כנען אונ ווען זיי וועלן דר הערין די דאזיגי זאך וועלין זייא אונז
דער שלאגן דען מיר זענין ווייניג מענטשן :

ויענו הט שמעון מיט לוי געענפרט ווי אזו האבן מיר גקענט צו זעהן די שאנד
פון אונזר שוועסטר וואס שכם הט איר גטאן . אונ עס איז גוועזן צווישן
דיא יונג פרויען וואס שמעון מיט לוי האבן גפאנגן פון דר שטאט שכם זייער
אשייני יונג פרויי וואס הט גהייסן בונה . אונ שמעון הט זיא גנומן פר אווייב .
אונ די צאל פון די מאנזבלין וואס זיי האבן גפאנגן איז גוועזן זיבן אונ פערציג .
אונ די מאנזבלין אונ יונג פרויען וואס שמעון מיט לוי האבן גפאנגין זענין גוועזן
ביי זיי קנעכט ביז זיי זענין ארוס גגאנגן פון מצרים . אונ צווייא בחורים
זענין ארוס גגאנגן פון דר שטאט שכם אונ זענין גקומן צו דר שטאט תפוח .
אונ האבן צו די איין וואנר פון דארט דר ציילט וואס עס הט זיך גטראפן צו
דר שטאט שכם . הט מען גשיקט שלוחים צו דר שטאט שכם זייא זאלן זעהן
אוב דם איז אמת ווארום דר שר פון תפוח הט ניט גוואלט גלייבן אז צווייא
מענטשן זאלן מחריב זיין אזו אגרויסי שטאט ווי שכם . אונ די שלוחים זענין

צוריק

צוריק גקומן אונ האבן דר צוילט אז אין דער שטאט שכם איז ניט דא קיין שום מאנזביל גאר עטליכי ווייבר וואס זיי ווינן . אונ דר שר פון תפוח הט זיך זייער פר וואונדרט אונ הט גזאגט צו זיין פאלק לאמר גיין מלחמה האלטן מיט דיא קינדר פון יעקב העברי אונ מיר וועלן טאן צו זיי אזו ווי זיי האבן גטאן צו דר שטאט שכם . אונ מיר וועלן זיך נוקם זיין די נקמה פון דיא שטאט לייט . אונ דר שר הט גשיקט צו אלי שרים פון אמורי אזו צו זאגן קומט מיט מיר אונ איר וועט מיר העלפן דר שלאגן די קינדר פון יעקב דען זייא האבן פערוויסט דיא שטאט שכם . אונ דיא שרים פון אמורי האבן זיך דרוף זייער פאר וואונדרט : ויתקבצו אונ אלי זיבן שרים פון אמורי האבן זיך איין גזאמילט מיט זייערי חיילות עטליכי טויזנט מענטשן אונ אלי האבן גהאט בלויז שווערדין

אונ זענין גקומן מלחמה האלטן מיט יעקב אונ מיט זייני קינדר · וישמע אונ ווי יעקב הט דס דר הערט הט ער זיך זייער גפארכטין . אונ הט גשרוגן צו שמעון אונ צו לוי אונ הט גזאגט זעהט וואס איר הט מיר גטאן איר האט גבראכט אלי כנענים צו פאר טיליגן מיך מיט מיין הויז גזונד דען איך בין גזעסין רוהיג אונ אצונד הט איר דר צערינט אלי זיצר פון לאנד · ויען הט יהודה געענפרט צום פאטר . האבן דען מייני ברודר אום זונסט גהרגית די שטאט שכם זיי האבן דאך גשענדעט אונזר שוועסטר דינה אונ האבן איבער גפארין אוף גאטס גבאט . ועתה אונ אצונד מיין פאטר וואס האסטו מורא אונ נאך וואס זאלסטו צערנין אוף מייני ברודר דען דר גאט וואס הט גגעבן כח צו מייני ברודר ביי צו קומן די שטאט שכם דר וועט אונז אוך העלפין גובר צו זיין די כנענים אונ מיר וועלן טאן מיט זיי אזו ווי מייני ברודר האבן גטאן מיט דר שטאט שכם . ועתה אונ אצונד מיין פאטר בעט איך דיך דו זאלסט שווייגין אונ האפן צו גאט אונ טוא תפלה צו אים אז ער זאל אונז העלפין אונ מציל זיין פון אונזרי פיינד . ויקרא אונ יהודה הט גרופן אקנעכט פון פאטרס קנעכט אונ הט אים גזאגט גיי אונ זעה ווי די לייט שטייען וואס זענין גקומן מלחמה האלטן . אונ דער קנעכט איז ארויף גגאנגן אופן בארג סיחון אונ הט גזעהן אלי שטייען אופן פעלד . אונ דר קנעכט איז צוריק גקומן אונ הט גזאגט צו יהודה אז זיי שטייען אין פעלד אונ זיי זענין זייער פול · ויאמר הט יהודה גזאגט צו אלי זייני ברודר שטארקט אייך אונ הט קיין מורא ניט דען גאט איז מיט אונז אונ שטייט אוף אונ נעמט דס כלי זיין אונ מיר וועלן גיין מלחמה האלטן מיט זייא אונ גאט ב"ה וועט אונז העלפין . ויקומו אונ זייא זענין אוף גשטאנן אונ האבן זיך אן גגארט מיט כלי זיין אונ אוך אלי קנעכט וואס זענין גוועזן ביי יעקב אונ אלי קנעכט וואס זענין גוועזן ביי יצחק אין חברון זענין גקומן צו יעקב מיט כלי זיין . וילכו אונ דיא קינדר פון יעקב אונ אלי קנעכט זענין גגאנגן אקעגין די שרים אונ זייא זענין גוועזן הונדרט אונ צוועליף מענטשן אונ יעקב איז אוך גגאנגן מיט זייא . אונ יעקבס קינדר האבן גשיקט צו זייער עלטר פאטר יצחק קיין חברון אז ער זאל בעטין גאט ב"ה ער זאל זיי מציל זיין פון די כנענים וואס זענין גקומן אוף זיי אונ גאט ב"ה זאל זייא געבין אין זייערי הענד אריין :

ויתפלל אונ יצחק הט תפלה גטאן צו גאט ב"ה אונ האט אזו גזאגט גאט מיין גאט דו האסט מבטיח גוועןן צו מיין פאטר אברהם אז דו וועסט מערין זייני קינדר אזו ווי די שטערין פון הימל פר שטער די עצה פון די כנענים אז זיי זאלן ניט מלחמה האלטן מיט מייני קינדר . אונ דיא קינדר פון יעקב מיט זייערי קנעכט זענין גגאנגן אקעגין די כנענים אונ האבן זיך פר לאזט אוף גאט אונ בשעת אז זיי זענין אוועק גגאנגן צו דר מלחמה הט יעקב אויך תפלה גטאן צו גאט אונ האט גזאגט גאט מיין גאט דוא ביסט איין גאט איבר אלי געטר אונ איין שטארקר גאט . אונ דו טוסט דר וועקין אונ פר שטערין די מלחמה אונ אין דיין האנד איז די קראפט צו דר הייבין אונ נידריג צו מאכן . אונ אצונד בעט איך דיך גאט לאז קומן מיין געבעט פר דיר אונ קער דיך צו מיר מיט דר בארומקייט אונ דו זאלסט מציל זיין דעם וואס פר זיכרט זיך אוף דיין גרוס דער בארומקייט . וישמע אונ גאט ב"ה הט צו גהערט די תפלה פון יצחק מיט זיין זון יעקב אונ הט געגעבן אגרוסן פחד אין די הערצר פון דיא פיינד . אונ זייערי יועצים האבן צו זיי גזאגט זייער גאט הט מציל גוועןן זייער עלטר פאטר אברהם פון די הענד פון נמרוד אונ אויך פון דעם קאליך אובן . אונ ווער קען דס נאך אזו טאן . אונ זייער עלטר פאטר אברהם העברי הט גובר גוועןן פינף מלכים וואס זיי האבן געפיניגט זיין ברודרס זון וואס איז גזעסין אין סדום . אונ איר ווייסט וואל אז זייער גאט וויל אין זיי אונ זיי ווילן אין אים זיי ווייסן וואל אז זייער גאט וועט זיי מציל זיין פון אלי פיינד . אונ זייער עלטר פאטר אברהם האט זייער ליב גהאט זיין גאט הט ער גוואלט מקריב זיין זיין איינציגן זון פר אקרבן צוא זיין גאט . אונ ווען זיין גאט זאל זיך ניט גוועןן בווייזן צו אים וואלט ער גוועןן אום גברענגט דעם זון . דורך דעם הט גאט אים מבטיח גוועןן ווען עס וועט קומן אצרה אוף אים אודר אוף זייני קינדר וועט ער זיי מציל זיין . אונ איר הט גהערט וואס זייער גאט הט גטאן צו פרעה דר מלך פון מצרים . ועתה אונ אצונד ווילט איר גיין מיט זיי מלחמה האלטן אפילו איר וועט זיך איין זאמלין טויזנט מאל אזו פול וויא איר זענט היינט וועט איר זייא ניט קענין בייא קומן . ועתה אונ אצונד גיבן מיר אייך איין עצה אז איר זאלט פר מיידן דס שלעכטס וואס איר ווילט טאן אונ עס וועט זיין בעסר צו אייך אז איר זאלט ניט מלחמה האלטן מיט זיי דען זייער גאט איז מיט זיי . אונ ווי די שרים פון אמורי האבן דס דר הערט איז אוף זיי אגרוסר פחד גפאלין אונ האבן שון ניט גוואלט מלחמות האלטן מיט זיי . אונ די רייד פון זייערי יועצים איז זיי זייער געפעלין אונ זייא האבן זיך אום גקערט אהיים . אונ דס איז אלץ גוועןן פון גאט דען גאט הט צו גהערט די תפלה פון יצחק אונ פון יעקב ווייל זיי האבן זיך פר זיכרט אין אים :

ג'ובו אונ דיא פיינד האבן זיך אום גקערט איטליכר צו זיין שטאט אין דעם זעלביגן טאג . אונ די קינדר פון יעקב זענין גשטאנן אוף זייער שטאנד דעם זעלביגן טאג ביז נאכט . ו"או אונ אז די קינדר פון יעקב האבן גזעהן אז די פיינד פון אמורי זענין אוועק גגאנגן האבן זיי זיך אום גקערט צו זייער אורט. בעת אין דר זעלביגר צייט הט גאט זיך בוויזן צו יעקב אונ הט צו אים גזאגט שטיי אוף אונ גיי קיין בית אל אונ בזעץ זיך דארטן אונ זאלסט בויען אמזבח

צו דעם גאט וואס ער האט זיך בוויזן צו דיר אונ האט דיך אונ דייני קינדר מציל גוועזן פון דר צרה . ויקם אונ יעקב מיט זייני קינדר זענין אויף גשטאנן אונ זענין גגאנגן קיין בית אל אזו ווי גאט האט גזאגט . אונ יעקב מיט זייני קינדר האבן זיך דארטן בזעצט אונ יעקב האט גבויעט אמזבח צו גאט וואס ער האט זיך בוויזן צוא אים . אונ יעקב מיט זייני קינדר זענין גזעסין אין בית אל זעקס חדשים מיט עטליכי טעג :

ותמת אונ אין דר זעלביגר צייט איז גשטארבן דבורה די טאכטר פון עוץ וואס זיא איז גוועזן די זייגערין פון רבקה . אונ דבורה איז גוועזן אין דר זעלביגר צייט ביי יעקב אונ יעקב האט זיא בגראבן אונטערין ליגדן בום . אונ רבקה די מוטר פון יעקב איז אויך גשטארבן אין דר זעלביגר צייט אין חברון אונ מהאט זיא בגראבן אין דר מערת המכפלה אונ רבקה האט גלעבט הונדרט דרייא אונ דרייסיג יאר . וישמע אונ וויא יעקב האט דער הערט אז זיין מוטר רבקה איז גשטארבן האט ער זייער גוויינט אונ האט גמאכט אגרוסי קלאג אונטערין ליגדן בום אויף דר מוטר אונ אויף דבורה איר זייגערין אונ ער האט דם אורט גרופן אלון בכות . דס איז טייטש צווייערליי גוויינן האט יעקב גוויינט אונטערין בום . אונ לבן הארמי איז אין דר זעלביגר צייט גשטארבין דווייל ער האט עובר גוועזן אויף דעם זיכרהייט וואס עס איז גוועזן צווישן אים אונ צווישן יעקב . אונ יעקב איז אלט גוועזן הונדרט יאר האט זיך גאט בוויזן צו אים אונ האט אים גבענטשט אונ האט אים גרופן מיט דעם נאמן ישראל אונ רחל דאס ווייב פון יעקב איז גוועזן מעוברת אין דער זעלביגר צייט :

ויסעו אונ יעקב מיט אלס דס זייניגי האבן אוועק גצוגין פון בית אל צו גיין קיין חברון צום פאטר . וילכו אונ זיי אלי זענין גגאנגן אופין וועג אונ עס איז שון ניט גוועזן ווייט פון דר שטאט אפרת האט רחל אן גהובן צו קינד גיין אונ זיא איז גגאנגן זייער שווער צו קינד אונ וויא רחל האט גוויגן דס קינד איז זיא גשטארבן . אונ יעקב האט זיא בגראבן אופין וועג . אונ האט גשטעלט אמצבה אויף איר קבר : אונ די מצבה שטייט נאך ביז דעם היינטיגן טאג . אונ די לעב טאג פון רחל איז גוועזן פינף אונ פערציג יאר . ויקרא אונ יעקב האט גרופן דס קינד בנימין דען ער איז גבורין גווארן אין דער רעכטר זייט פון דעם לאנד . אונ נאך דעם אז רחל איז גשטארבן האט יעקב גנומן זיין בעט אונ האט דס גגעבן אין גצעלט פון בלהה די דינסט פון רחל אונ וויא ראובן האט דר זעהן וואס זיין פאטר יעקב האט גטאן איז ער גווארן דר פולט מיט צארין פר וואס ער האט ניט גגעבין דס בעט אין גצעלט פון זיין מוטר לאה . אונ ראובן איז אויף גשטאנן אונ איז גגאנגן אין גצעלט פון בלהה אונ האט דעם פאטרס בעט פר רוקט פון גצעלט . אין דער זעלביגר צייט איז גווארן אפ גטאן פון ראובנס קינדר דיא בכורה אונ דס מלכות אונ די כהונה · דען ער האט פר שוועכט דס גלעגיר פון זיין פאטר · אונ דרום האט יעקב אפ גגעבן די בכורה צו זיין זון יוסף אונ דאס מלכות האט ער גגעבן צו זיין זון יהודה . אונ דיא כהונה האט ער אפ גגעבן צו זיין זון לוי . ואלה אונ דס זענין די קינדר פון יעקב וואס זענין גבורין גווארן צו אים אין פדן ארם די קינדר פון יעקב זענין גוועזן צוועליף . די קינדר פון לאה

האבן געהייסן ראובן אונ שמעון אונ לוי אונ יהודה אונ יששכר אונ זבולון אונ דינה זייער שוועסטר . אונ די קינדר פון רחל האבן געהייסן יוסף אונ בנימין אונ די קינדר פון זלפה וואס זיא איז געוועזן דיא דינסט פון לאה האבן געהייסן גד אונ אשר אונ די קינדר פון בלהה וואס זיא איז געוועזן די דינסט פון רחל האבן געהייסן דן אונ נפתלי . ויסע אונ יעקב מיט זייני קינדר אונ אלי דם זייניגי האבן געצוגין קיין חברון וואס דארטן איז געוועסין אברהם אונ יצחק . אונ האבן זיך דארט באזעצט אין חברון . אונ עשו מיט זייני קינדר זענין גיגאנגן צום לאנד שעיר אונ האבן זיך דארטן בזעצט . אונ עשו האט זיך דארטן גמערט . וילך אונ יעקב מיט זייני קינדר זענין גגאנגן אין די זעלביגי טעג צו דער שטאט שכם . אונ האבן זיך דארטן בזעצט . דען דארטן איז געוועזן זייער אגוט אורט צו ווייד די בהמות . אונ דיא שטאט שכם הט זיך ווידר אום גבויעט הייזר . אונ עס איז געוועזן אין דר שטאט שכם דריי הונדערט מענטשן אונ יעקב מיט זייני קינדר האבן זיך בזעצט אוף דעם אורט וואס ער הט געקויפט פון חמור איידר שמעון מיט לוי האבן גהרגית דיא שטאט שכם :

פרשת וישב

ויהי אונ ווי עס איז געוועזן אין איאר ארום זענין די קינדר פון יעקב געגאנגן קיין חברון צו זייער עלטר פאטר יצחק אונ זענין דארט געוועסן נייערט זייערי שאף אונ זייערי רינדר איז געוועזן אין שכם דען די פאשי פון שכם איז געוועזן זייער גוט אונ פעט . אונ יעקב מיט זייני קינדר אונ זיין הויז געזונד האבן זיך געזעצט אין טאל פון חברון . אין דיא זעלביגע טעג איז יעקב אלט געוועזן הונדרט אונ אכט יאר אונ לאה דם וייב פון יעקב איז געשטארבן אונ דר צייט . אונ לאה הט געלעבט איין אונ פופציג יאר אונ יעקב מיט זייני קינדר האבן זיא בגראבן אין דר מערת המכפלה אונ אלי איין וואנר פון לאנד האבן געקענט זייער גבורה אונ יוסף דר זון פון יעקב אונ זיין ברודר בנימין וואס זייא זענין געוועזן רחלס קינדר זענין נאך קליין געוועזן אין דר צייט זענין זיי ניט מיט געוועזן אין דר מלחמה מיט זייערי ברודר אונ די שטעט פון אמורי . אונ ווי יוסף הט געזעהן די גבורה פון זייני ברודר הט ער זיי זייער גלויבט נייערט ער האט זיך גרוס געהאלטן קעגין זיי . אונ יעקב הט אים מער ליב געהאט פון אלי קינדר אונ הט אים געמאכט אזיידין העמדיל . ווי יוסף הט געזעהן אז דר פאטר הט אים ליבר פון אלי זייני ברודר הט ער זיך געהאלטן נאך גרעסר קעגין זיי אונ הט געבראכט צום פאטר שלעכטי רייד פון זייני ברודר . אונ ווי די ברודר האבן דם דר הערט האבן זיי אים פיינד גקריגן אונ האבן ניט געוואלט מיט אים רעדין . אונ וויא יוסף איז אלט געווארן זיבצן יאר האט ער זיך אליץ געהאלטן גרוס קעגין זייני ברודר . בעת אין דר זעלבר צייט האט זיך יוסף געחלומט אחלום אונ איז געקומן צו זייני ברודר אונ הט זיי דר ציילט אז עס הט זיך אים געחלומט אחלום אונ דער חלום איז אזו געוועזן מיר זענין געוועזן אלי אין פעלד אונ מיר האבן געמאכט גארבן דר וייל איז מיין גארב אוף געשטאנען אונ אייערי גארבן האבן מיין גארב ארום גרינגלט אונ האבן זיך געבוקט צוא מיין גארב . ויענו האבן דיא ברודר אים

גענפערט אונ האבן גזאגט ווס איז דר חלום ווס עס הט זיך דיר גחלמת ווילסטו
דען זיין אמלך אודר אמושל איבר אונז . ויבא אונ יוסף איז גקומן צום פאטר
אונ הט אים דר ציילט דעם חלום אונ ווי יעקב הט דם דר הערט הט ער אים
גקושט אונ גבענטשט . אונ ווי די קינדר פון יעקב האבן דער זעהן אז זייער
פאטר יעקב הט גבענטשט זייער ברודר יוסף אונ הט אים גקושט האבן זיי אים
מקנא גוועזן אונ האבן אים נאך מער פיינד גהאט . אחר כך נאך דעם הט זיך
צו יוסף ווייטר גחלמת אחלום אונ הט דר ציילט דעם חלום צום פאטר פאר
זייני ברודרם אויגין אונ הט גזאגט אז די זון אונ די לבנה אונ עליף שטערן זענין
גקומן צו מיר אונ האבן זיך גבוקט . אונ יעקב הט צו גהערט די רייד פון יוסף
אונ האט גזעהן אז דיא ברודר האבן אים פיינד איבר דר זאך . האט יעקב אן
גשריגן אין יוסף פר זייני ברודר אונ הט גזאגט צו אים ווס האלסטו דיך גרוס
אקעגין דייני ברודר . טראכסטו דען ביי דיר אין הארצן אז איך מיט דיין מוטר
אונ דייני עליף ברודר וועלן קומן זיך בוקן צו דיר אז דו רעדסט אזעלכי רייד .
אונ די ברודר זענין דיך דורך דיין חלום מקנא אונ האבן דיך פיינד דאדורך .
אונ יעקב הט גוווארט אוף די חלומות . ויהי עס איז גוועזן אמאל זענין גגאנגן
די קינדר פון יעקב ווידין די שאף אין שכם אונ האבן זיך דארט פאר זאמט .
אונ ווי יעקב הט גזעהן אז זיי זאמין זיך זייער אין שכם הט יעקב זיך גטראכט
טאמער זענין אוף גשטאנן דיא לייט פון שכם אונ האלטן מלחמה מיט מייני
קינדר . ויקרא הט יעקב גרופן זיין זון יוסף אונ הט גזאגט צו אים דייני ברודר
ווידין די שאף אין דר שטאט שכם. אונ זיי זאמין זיך זייער לאנג גיי אונ זעה ווס
זיי טון אונ דו וועסט קומן צו ריק מיר דער ציילן ווס זייא מאכן . וישלח אונ
יעקב האט אוועק גשוקט זיין זון יוסף פון טאל חברון . אונ יוסף איז גגאנגן
אופין פעלד פון שכם אונ הט ניט גפונן זייני ברודר . דר וויל הט ער גבלאנזיט
אין וועג אונ הט גאר ניט גוויסט ווי אהין ער גייט . הט אים גפונן אמלאך פון
גאט אונ הט גזאגט צו אים ווי גייסטו אונ וועמין זוכסטו . האט יוסף גזאגט
צום מלאך איך זוך מייני ברודר טאמר ווייסטו ווי זיי ווידין . האט דער מלאך
גזאגט צו אים איך האב גזעהן דייני ברודר . אונ איך האב גהערט אז זיי האבן
גזאגט אז זיי גייען קיין דותן . אונ יוסף הט צו גהערט דיא רייד פון מלאך אונ
איז גגאנגן קיין דותן אונ הט זיי דארט גפונן . אונ איידר יוסף איז גקומן צוא
זייני ברודר קיין דותן האבן אים די ברודר דר זעהן פון ווייטינם אונ האבן זיך
איין עצה גהאלטן אז מען זאל אים טייטין . אונ שמעון הט גזאגט צו זייא נון
גייט דר מענטש פון די חלומות אונ אצונד לאמיר גיין אונ מיר וועלן אים הרגנין
אונ אריין ווארפין אין גריב אריין ווס דא איז פר האנדן . אונ אוב אונזר פאטר
וועט אונז פרעגין וועלן מיר אים זאגן אחיה רעה הט אים אוף געסין אונ וויא
ראובן הט דר הערט די דאזיגי רייד ווס די ברודר האבן גרעד אוף יוסף . הט
ראובן גזאגט צו זיי איר זאלט אזו ניט טאן דען ווי אזו וועלן מיר אוף הייבן
אונזערי אויגן פר אונזר פאטר יעקב נייערט ווארפט אים אריין אין דעם גריב
אריין אונ אונזר האנד זאלן מיר ניט אום שטרעקין צו פאר גיסן זיין בלוט אונ
ראובן הט דרום אזו גזאגט כדי ער זאל אים מציל זיין פון זייערי הענד אונ זאל

איס אום קערין צום פאטר . אונ ווי יוסף איז גקומן צו די ברודר האט ער זיך
גזעצט פר זיי . זענין די ברודר אוף גשטאנן אונ האבן אים גשלאגן צו דר ערד
אונ האבן אים אפ גצוגין דס זיידעני העמדיל וואס עס איז גוועזן אוף אים אונ
האבן אים אריין גוואורפין אין אגריב אריין . אין דעם דאזיגן גריב איז ניט גוועזן
קיין וואסר אבר שלאנגין אונ עגדיסין איז דוא גוועזן · אונ יוסף הט זייער מורא
גהאט אונ הט גשריגן מיט אבוטר גשריי הט גאט פר בארגין דיא שלאנגין אונ
די עגדיסין אין די לעכיר פון גריב אונ זיי האבן יוסף גאר קיין שלעכטס ניט
גטאן . אונ יוסף הט גשריגן פון דעם גריב צו זייני ברודר אונ הט גזאגט צו זיי
זוס האב איך אייך גטאן אונ פר ווס הט איר ניט קיין מורא פאר גאט איך בין
דאך אייער ברודר אונ אייער פאטר יעקב איז אוך מיין פאטר אונ ווי אזו וועט
איר אוף הייבין אייער פנים פר אונזר פאטר יעקב . אונ יוסף הט גזאגט צוא
יהודה ראובן שמעון לוי מייני ברודר נעמט מיך ארוס פון דעם פינצטרין גריב .
אונ זייני ברודר זענין גאר אוועק גגאנגן פון דארט כדי זייא זאלן ניט הערין
זייני רייד אונ האבן זיך גזעצט עסין . אונ בשעת זיי האבן גגעסין האבן זייא
צווישן זיך איין עצה גהאלטן ווס מיזאל טאן מיט יוסף צו זאלן . זיי אים הרגנין
צ זאלן זיי אים אום קערין צום פאטר . אונ בשעת זיי האבן זיך גהאלטן איין
עצה האבן זיי אוף גהובן זייערי אויגין אונ האבן דר זעהן ישמעאלים גייען פון
לאנד גלעד אונ גייען קיין מצרים הט יהודה גזאגט צו די ברודר ווס וועט אונז
ארוס קומן אז מיר וועלן טייטן אונזר ברודר טאמר וועט גאט פארשטין פון
אונז זיין בלוט . מיין עצה איז אז מיר זאלין אים פר קופין צו די דאזיגי ישמעאלים
ווס גייען קיין מצרים וועט ער שון מילא פר לורין ווערין . איז די זאך געפעלין
די ברודר אונ האבן גטאן אזו ווי יהודה האט זיי איין עצה געגעבן . אונ איידר
די ישמעאלים זענין אן גקומן איז דר ווייל אן גקומן מדינים האבן דיא מדינים
גוואלט אטרונק האבן זיי דר זעהן דעם גריב זענין זיי צו גגאנגן צו דעם גריב
דען זיי האבן גמיינט אז דארטן איז פר האנדן וואסר האבן זיי דר הערט דס קול
פון יוסף . האבן זיי אריין גקוקט אין גריב האבן זייא דער זעהן אז עס שטייט
זייער א שיין יונגל האבן זיי אים גפרעגט ווער הט דיך אהער גבראכט . אונ זיי
האבן אום גשטרעקט זייערי הענד אונ האבן יוסף ארוס גצוגין פון דעם גריב
אונ זענין אוועק גגאנגן זייער וועג אונ זענין דורך גגאנגן פר די ברודר פון יוסף
האבן די ברודר פון יוסף גזאגט צו די מדינים נאך ווס הט איר צו גנומן אונזר
קנעכט אונ איר גייט אוועק מיט אים אצונד גיט אונז אפ דעם קנעכט . האבן
זייא גענטפערט עס קען ניט זיין אז ער זאל זיין אייער קנעכט ווארום ער איז
שענער פון אייך ער מוז זיין אייער האר אונ נאך וואס בדארפט איר זאגין אזו
אגרוסי ליגנט . אונ אצונד זאגן מיר צו אייך אז מיר הערין ניט צו אייערי רייד
דען מיר האבן דס יונגל אין אגריב אין דר מדבר · אונ האבן ארוס גנומן
זייערי שווערדין אונ האבן גוואלט מיט זייא מלחמה האלטן . איז שמעון אוף
גשטאנן אונ הט אוך ארוס גנומן זיין שווערד אונ הט גנעהנט צו דיא מדינים
אונ הט א גרויסן גשריי גטאן אז די ערד הט גציטערט אונ דיא מדינים האבן זיך
זייער דר שראקין אונ זענין גפאלן צו דר ערד · אונ די מדינים האבן גנעהנט

צוא

צוא דיא ברודר פון יוסף מיט פארכט אונ האבן גזאגט מיט וויבי רייד . יזאס בדארפט איר האבן אזו אקנעכט אז ער זאל אין אייך ווידר שפעניגן פר קופט אים בעסר צו אונז אונ מיר וועלן אייך געבן ווי פיל איר ווילט . אונ גאט הט דס אזו גטאן אז די מדינים זאלן חשק האבן אים צוא קופן כדי דיא קינדר פון יעקב זאלן ניט טייטין זייער ברודר . אונ יעקבס קינדר האבן צו גהערט דיא רייד פון די מדינים אונ האבן יוסף פר קופט פר צוואנציג שטיק זילבר . אונ זייער ברודר ראובן איז ניט גוועזן מיט זיי אין דר זעלבר צייט . אונ דיא מדינים האבן גנומן יוסף אונ זענין אוועק גגאנגן מיט אים . אונ בשעת זיי זענין אוועק גגאנגן אופן וועג האבן זיך די מדינים איבר גקלערט ווס זייא האבן גטאן זייא האבן גקופט איין יונגל פון די עברים טאמר איז ער גגנבית . אונ אז מיוועט גפונן דס יונגל בייא זיי וועלן זייא גטייט ווערין איבר אים . אונ דער ווייל זענין דיא ישמעאלים גקומן אקעגין די מדינים האבן די מדינים גזאגט איינר צום אנדרין לאמר פר קופן דס יונגל צו די ישמעאלים אונ מיר וועלן אפ נעמן דס געלד ווס מיר האבן גגעבן צו די עברים . האבן דיא מדינים פאר קופט יוסף צוא דיא ישמעאלים פר צוואנציג שטיק זילבר אונ דיא ישמעאלים האבן גנומן יוסף אונ האבן אים ארוף גזעצט אוף אקעמיל אונ זענין גגאנגן קיין מצרים . אונ ווי יוסף הט דר הערט אז די ישמעאלים גייען קיין מצרים . האט יוסף אן גהובן צוא וויינן אונ צו שרייען אונ הט גזאגט פאטר פאטר . דער ווייל איז אוף גשטאנען איינר פון די ישמעאלים אונ הט יוסף גשלאגין אוף דר באק הט יוסף נאך מער אן גהובן צו וויינין אונ יוסף איז נעביך מיד גוואורן אופן וועג אונ הט גאר ניט גקענט גיין מחמת דס ביטערונג ווס הט זיך עם גטראפן . אלי ישמעאלים האבן אים גשלאגין אונ גפייניגט אונ האבן אים איבער גשראקין כדי ער זאל אוף הערין צו וויינן . אונ גאט הט גזעהן די פיין פון יוסף הט גאט גשיקט אוף דיא ישמעאלים אפינצטערניש אונ אדער שרעקעניש אונ וועלכי האנד פון דיא ישמעאלים ווס הט גשלאגין יוסף איז פר דארט גוואורן . אונ די ישמעאלים האבן גזאגט איינר צום אנדרין ווס איז די זאך ווס גאט הט צו אונז גטאן אוף דעם דאזיגן וועג . אונ זיי האבן גאר ניט פר שטאנען אז דס איז אלץ איבר יוסף אונ זיי זענין ווייטר אוועק גגאנגן אונ זענין גקומן אופן וועג פון אפרת ווס דארטן איז רחל די מוטר פון יוסף בגראבין אונ ווייא יוסף איז גקומן צום קבר פון זיין מוטר רחל איז ער גפאלין אופן קבר אונ הט זייער גוויינט אונ הט גשריגן אונ הט גזאגט מיין מוטר מיין מוטר ווס דו האסט מיך גוויגן אצונד שטיי אוף אונ זעה אז דיין זון יוסף איז פר קופט גוואורן פר אקנעכט . מיין מוטר מיין מוטר גיי אונ זעה אז ביי מיין פאטר איז דאס הארץ פול מיט שמערצין אונ טרייסט אים . אונ ער הט גרעד אונ גשריגן אונ גוויינט . אונ נאך דעם הט יוסף שטיל גשוויגן הט ער גהערט אקול פון דעם קבר מיט גוויין אונ הט גזאגט מיין זון יוסף מיין זון יוסף איך האב גהערט דיין קול אונ דיין גשרייא אונ האב גזעהן דייני טרערין אונ איך ווייס פון דייני צרות אונ איך האב שטארק צער פון דיר . אונ אצונד מיין זון האף צו גאט אונ בעט צו אים אונ האב פר קיינם ניט קיין מורא ווען גאט איז מיט דיר ׳ ויאמרו ׳ אונ די ישמעאלים האבן גזאגט איינר צום

אנדרין:

אנדערין פר ווס הט גאט גטאן אזעליכם צו אונז ווס האבן מיר דען גזינדיגט
אונ ווס האבן מיר דען פערשולדיגט אז עס זאל צוא אונז זיין אזו איין צרה •
אונ איינר פון זיי הט געענפרט טאטר איז די זונד פון וועגן דעם ארוטן קנעכט
דרום טרעפט זיך אונז אזעלכם דעם דאזיגן טאג . אונ אצונד וועלן מיר איבר
בעטין דעם קנעכט ער זאל אונז מוחל זיין ווס מיר האבן אים גטאן וועלן מיר
וויסן צו איז דס איבר אים אונ אוב ניט אונ דיא ישמעאלים האבן אזו גטאן
אונ האבן גזאגט צו יוסף זיי אונז מוחל דס ווס מיר האבן גזונדיגט צו דיין גאט
אונ קעגין דיר אונ אצונד יוסף טוא בעטין גאט פר אונז אז ער זאל אפ טאן
פון אונז די דאזיגי צרה . אונ יוסף הט גטאן אזו ווי די ישמעאלים האבן צו אים
גזאגט.הט גאט צו גהערט צו יוסף אונ הט אפ גטאן די צרה פון די ישמעאלים.
זענין דיא ישמעאלים מיט יוסף אוועק גגאנגן קיין מצרים . האבן שון דיא
ישמעאלים פר שטאנן אז די צרה איז גוועזן פון וועגן יוסף • ויאמרו אונ דיא
ישמעאלים האבן גזאגט איינר צום אנדערין אצונד ווייסן מיר אז די צרה איז
גוועזן איבר יוסף דרובר בדארפן מיר זיך איין עצה האלטן ווס מיר זאלן טאן
מיט יוסף האט איינר גזאגט יוסף האט דאך צו אונז גזאגט מיר זאלן אים אום
קערין צו זיין פאטר . איז מיין עצה אז מיר זאלן גיין מיט אים צו זיין פאטר אונ
זיין פאטר וועט אונז אום קערין אונזר געלד הט איינר גזאגט דיין עצה איז גוט
נאר מיר קענין דאס ניט טון דען עס איז זייער ווייט אום צו קערין זיך צו זיין
פאטר. הט ווייטר איינר גענפרט אונ הט גזאגט די עצה איז אגוטי עצה נייערט
לאמר פרוער גיין קיין מצרים וועלן מיר אים קענין פאר קופן איז גוט אונ אוב
ניט וועלין מיר אים אפ פירן צום פאטר איז די זאך זייא זעהר געפעלין אונ זענין
גגאנגן קיין מצרים . אונ די קינדר פון יעקב נאך דעם אז זיי האבן פאר קופט
יוסף צו די מדינים הט זייא דאס הארץ זייער וויי גטאן אונ האבן גהאט דרוף
גרוס חרטה אונ זיי זענין גגאנגן זוכן די מדינים אונ האבן זיי ניט געקענט גפונן.
אונ ראובן הט גזאגט צו זייני ברודר איך בין גיקומן צום גרוב אונ האב גזוכט
אונזר ברודר יוסף איז ער דארטן ניט גוועזן . אונ ווס פר אתירוץ וועלן מיר זאגן
צוא אונזר פאטר דען ער וועט אים פון קיינם ניט עכן נאר פון מיר האבן אים
די ברודר גזאגט אזו אונ אזו האבן מיר גטאן צו אים אונ היינט האבן מיר דרוף
חרטה אונ מיר זוכן אים אונ מיר קענין אים ניט גפונן . אונ היינט האלטן מיר
איין עצה ווס פר אתירוץ מיר זאלן זאגן צו אונזר פאטר . האט ראובן גזאגט
אקעגין ווס הט איר גטאן איר וועט מאכן נידערין אונזר אלטין פאטר אין גרוב
אריין איר הט ניט רעכט גטאן • אונ ראובן הט זיך גזעצט לעבן זיי . אונ דער
נאך זענין זיי אלי אוף גשטאנן אונ האבן גשווארין אז עס זאל ניט גזאגט ווערין
דיא זאך צום פאטר אונ אלי האבן גזאגט וועלכר עס וועט זאגן דיא זאך צוא
אונזר פאטר אודר צו אנדרין מענטש אזו וועלן מיר אים אום ברענגין אונ נאך
דעם האבן זיי איין עצה גהאלטן וואס זייא זאלן ענטפערין צום פאטר האט
ישׂשכר גזאגט צו זיי איך וועל אייך איין עצה געבין דרוף • איר זאלט נעמין
דס העמדיל אונ מיזאל דס צו רייסין אונ מזאל שעכטין אציקעלי אונ מזאל איין
טונקן דס העמדיל אין בלוט אונ מזאל דאס שיקן צו אונזר פאטר א"ו אז ער

וועט

ועט זעהן דם העמדיל ועט ער זאגן אפשר חיה הט אים אוף גגעסין • איז די
עצה פון יששכר וואל געפעלין ביי זיי אין די אויגן אונ האבן גאיילט אונ האבן
גנומן דאס העמדיל אונ האבן עס צו ריסן אונ האבן גשאכטין אציקעלי אונ
האבן איין גטונקט דם העמדיל אין דעם בלוט אונ האבן עס בשוט מיט ערד ;
נישלחו אונ זיי האבן דם העמדיל אוועק גישוקט צום פאטר דורך נפתלי אונ
האבן אים אן גזאגט ווי אזו ער זאל זאגן צו פאטר • אונ ווי יעקב הט
דר זעהן דם העמדיל האט ער גזאגט דם איז בוודאי דם העמדיל פון מיין זון
יוסף • אונ יעקב איז גפאלן אופן פנים צו דר ערד אונ הט גערונגן אונ גוויינט
אונ הט גאיילט אונ הט גשוקט אקנעכט צו זייני קינדר אז זיי זאלן אהיים קומן
אונ די קינדר פון יעקב זענן אהיים גקומן האט יעקב צו זיי גזאגט זאגט מיר
פר וס האט מען מיר גבראכט פלוצלונג אזו אשלעכטי בשורה דעם דאזיגן
טאג • האבן די קינדר אים געטפערט מיר האבן היינט איין גזאמילט די שאף
האבן מיר גפונן אופן וועג דם העמדיל פול מיט בלוט האבן מיר גשוקט צוא
דיר אז דו זאלסט דם דר קענין אוב עס איז פון דיין זון • אונ ווי יעקב הט אום
גהערט די רייד הט ער אן גהובן צו שרייען מיט אגרוס קול אונ הט גזאגט אזוי
דם העמדיל איז פון מיין זון יוסף אשלעכטי חיה הט אים אוף גגעסן אונ מיין
זון יוסף איז פר צוקט גווארן איך האב אים גשוקט צו אייך אז ער זאל זעהן
דם פריד פון אייך אונ פון די שאף אונ ער זאל מיר ברענגן איין ענטפר דרויף •
מיין זון יוסף קום אונ צייל איבר די טרערן וס רונן פון מייני אויגן אונ ברענג
זיי אוף פר גאט ער זאל אפ קערן דעם צארן פון מיר מיין זון יוסף דער וועק
דיך אונ זעה דעם צער וואס איך האב דורך דיר • אונ עס זענין אוף גשטאנן
אלי קינדר אונ אלי קנעכט אונ האבן עס ארום גרונגילט אונ גטרייסט אונ ער
הט ניט גוואלט אן געמן קיין שום טרייסט • אונ ווי דם הויז גזונד פון יעקב האבן
דער זעהן אז יעקב וויל ניט אן נעמן קיין שום טרייסט זענין זייא אוף גשטאנן
אונ האבן גקלאגט אגרוסי קלאג • אונ די זאך איז גוואר גווארן צו יצחק האט
יצחק גוויינט אגרוס גוויין אוף דר דאזיגר זאך אונ יצחק איז גגאנגן מיט אלי
מענטשן פון חברון צו טרייסטן זיין זון יעקב אבר יעקב האט זיך ניט גלאזט
טרייסטן • אונ דר נאך איז יעקב אוף גשטאנן פון דר ערד אונ די טרערן האבן
גרונן איפן פנים אונ האט גזאגט צו זיינע קינדר שטייט אוף אונ נעמט אייערי
שווערדען אונ פאלען בוגנס אונ גייט אין פעלד אריין טאמער וועט איר גפונען
חאטשי דעם גוף פון מיין זון וועט איר ברענגן צו מיר וועל איך אים בגראבן •
אונ יעקב הט אלץ גשרונגן אונ גוויינט טאג אוף טאג אוף זיין זון יוסף אונ הט
גטרוערט אוף זיין זון פיל טעג • אונ דיא ישמעאלים וס האבן גקופט יוסף פון
די מדינים זענין גקומן קיין מצרים אונ זענן גגאנגן צו פוטיפר אונ האבן צו אים
גזאגט אצונד האבן מיר אשייגעם קנעכט אז דו ווסט אונז געבן אסאך געלד
פר אים וועלן מיר דיר אים פר קופן הט פוטיפר צו זיי גזאגט ברענגט אים צו
מיר אונ פוטיפר הט גגעבן פיר הונדערט שטיק זילבר פר יוסף אונ הט גנומן יוסף
אונ הט אים גבראכט צו זיך אונ שטוב אריין אונ יוסף הט אים בדינט אונ הט
גפונען חן אין די אויגן פון פוטיפר אונ פוטיפר האט אפ גיגעבן אלדונג אונטער

יוספס האנד אונ גאט ב״ה הט גבענטשט דאס הוז פון פוטיפר אונ דעם זכות פון יוסף אונ הט זיך פר לאזט מיט אלדונג אוף יוסף אונ יוסף איז גוועזן בייא אים דר אומ געבר אונ דר איין נעמר אונ אלדונג איז גוועזן דארך יוסף בפעל.
אונ יוסף איז אלט גוועזן אין דער זעלבער צייט אכצעהן יאר אונ איז גוועזן זייער אשיינר פרשון אז אזו אשיינר איז ניט גוועזן אין גאנץ מצרים. אונ דר זעלבר צייט וואס יוסף איז גוועזן ביי פוטיפר הט זליכה דס ווייב פון פוטיפר אוף גהובן אירע אויגן צו יוסף אונ הט גזעהן אז ער איז זייער אשיינר הט זיא זייער גגלוסט צו אים אונ הט אים גוואלט פר פירן אבר יוסף הט ניט גוואלט זיא צו הערן:
ווען אונ יוסף הט גענפרט צו איר אונ הט גזאגט פר מייד דס צו ריידן צו מיר ווי אזו קען איך דס טאן צו מיין הארן דען אלדונג וואס עס איז פאר האנדן הט ער געגעבן צו מיר. אונ קיין שום מענטש ביי אים אין שטוב איז ניט גרעסר פון מיר נאר דו ווייל דו ביסט זיין ווייב. אונ אצונד ווי קען איך טאן אזו איין זאך אונ איך זאל זינדיגן אקעגן גאט אונ אוך אקעגן דיין מאן. אונ פון דעסט וועגן הט זליכה ניט צו גהערט די רייד פון יוסף אונ הט גפלעגט מיט אים צו ריידן. אונ דר מנהג איז גוועזן אין מצרים אז דער ים שיחור איז גווארן פיל מיט וואסר האבן זיך די איין וואנר פון מצרים. מאכט איום טוב אונ פלעגין גיין צום טייך אונ פלעגן דארטען שפיין אגאנצען טאג אונ פלעגן טאנצען אונ שפילן מיט אלי כלי זמר איז דאס הוז גזונד פון פוטיפר אוך גגאנגן צום טייך נאר זליכה איז איבר גבליבן אין שטוב ווארום זיא הט גזאגט אז זיא איז שלאף.
אונ בשעת אז אלי מענטשן פון דר שטוב זענין אוועק גגאנגן איז זליכה אוף גשטאנן פון איר גלעגר אונ הט זיך אן גטאן זייער שיני קליידר אונ הט ארוף גטאן אופן קאפ טייערי שטיינר אונ גאלד אונ זילבער אונ הט גמאכט איר פנים זייער שיין מיט אלערליי לוסטרקייט אונ הט אום גרייכרט איר שטוב מיט וואך אונ מיט אלרליי בשמים אונ דר נאך הט זיא זיך גזעצט אוף דר טיר דארטן ווי יוסף הט בדארפט אין שטוב אריין גיין אונ ווי יוסף איז גקומן אונ הט זיך גזעצט טאן וואס ער הט בדארפט. איז דער ווייל זליכה צוא אים גקומן אונ הט אים אן גהאפט ביי זיין קלייד אונ האט גזאגט צו אים ווילסטו צו הערן מייני רייד איז רעכט אונ אוב ניט וועסטו ווערן גטייט. איז יוסף אוף גשטאנן אונ הט גוואלט אנטלופן פר איר האט זיא אים צו גהאלטן ביי דעם קלייד אונ מחמת דער שרעקניש הט יוסף צו ריסן דס קלייד וואס זליכה האט גהאלטן אונ האט איבר גלאזט דס קלייד ביי איר אין דר האנד אונ איז אנטלאפן ארוס אוף דר גאס.
אונ ווי זליכה הט דר זעהן אז יוסף האט צו ריסן דס קלייד הט זליכה גטאן מיט קלוגשאפט אונ הט אפ גטאן פון זיך די טייערי קליידר. אונ הט גנומן יוספס קלייד אונ הט גלייגט לעבן זיך. אונ האט זיך גזעצט אוף איר גלעגר וויא זיא איז פריער גזעסן. אונ איר שטוב איז גוועזן אקליין קנעכטיל הט זיא אים גשוקט אז ער זאל אהיים רופן איר הוז גזונד. אונ ווי זליכה הט דר זעהן איר הוז גזונד זאגט זיא צו זיי מיט אהויך קול זעהט וואס אייער הער האט גבראכט צו מיר איין עברי וואס ער הט גוואלט היינט עובר זיין דען ער הט גזעהן אז קיינר איז ניט פר האנדן אין שטוב נאר איך איז ער גקומן צו מיר האב איך גהאלטן ביי זיין

קלייד אונ האב אן גהובן צו שרייען מיט אגרוס קול אונ ווי ער הט דער זעהן
אז איך האב אן גהובן צו שרייען האט ער איבר גלאזט זיין קלייד ביי מיר אונ
איז אנטלאפן גווארן אוף דר גאס . זענן זיי גגאנגן צום האר אונ האבן אים דס
דר ציילט . איז פוטיפר אהיים גקומן מיט גרוס כעס אונ דס וייב הט אן גהובן
צו שרייען אוף אים נאך ווס האסטו צו מיר גבראכט אזו אקנעכט ווס ער האט
מיך גוואלט שענדן . אונ ווי פוטיפר הט אוך גהערט די רייד הט ער גהייסן אז
מען זאל יוספן שלאגן אונ בשעת מען הט אים גשלאגן הט ער אוף גהובן זייני
אויגן צו גאט אונ הט גזאגט גאט מיין האר דוא ווייסט דאך דעם אמת אז איך
בין גאר ריין פון דר זאך אונ פר ווס זאל איך שטארבן אין די הענד פון די דאזיגי
רשעים . דער ווייל איז גוועזן אין שטוב אקליין קינד וואס איז אלט גוועזן עליף
חדשים הט גאט אוף געפינט דס מויל פון דעם קינד אונ דס קינד הט גזאגט צו
פוטיפר אונ צו די מענטשן ווס האבן גשלאגן יוסף נאך ווס שלאגט איר אים אונ
ווס הט איר צו אים מיין מוטר זליכה זאגט פאלש אונ ליגנט גיין אזו אונ אזו
איז די זאך גוועזן אונ ווי די מענטשן האבן דר הערט דיא דאזיגע רייד פון דעם
קינד האבן זיי זיך זייער פר וואונדרט אונ דס קינד הט אוף גהערט צו ריידן אונ
פוטיפר הט זיך פר שעמט פר די דאזיגע רייד ווס זיין קינד הט גרעדט אונ האט
גזאגט צו די מענטשן אז מען זאל אוף הערן צו שלאגן יוסף . אונ פוטיפר הט
גנומן אונ הט אים גבראכט פר די שופטים אונ פוטיפר הט צוא זיי גזאגט וואס
קומט צו מיין קנעכט ווס הט אזו אונ אזו גטאן צו מיין וויב האבן די שופטים
גזאגט צוא יוסף נאך וואס האסטו אזו גטאן צו דיין האר פוטיפר . האט יוסף
גענפרט ניין אזו אונ אזו איז גוועזן די זאך . הט פוטיפר גזאגט צו אים פר וואר
אלדונג וואס איך האב גהאט האב איך געגעבן אין דיין האנד אונ איך האב ניט
גיטאן פר מיידן קיין שום זאך פר דיר נאר דם וויב אונ אצונד האסטו גוואלט
טאן צו מיר שלעכץ האט יוסף אים גענפרט ניין מיין האר איך שווער ביי גאט
אונ אוך אזו ווי מיין האר לעבט אז די זאך איז ניט אמת ווס דיין וויב זאגט נאר
אזו אונ אזו איז גוועזן אונ דיא שופטים האבן גזאגט צו פוטיפר אז קיין מיתה
קומט דעם קנעכט ניט . נייערט ווייל דיין וויב זאגט פארט אוף אים איז אונזר
משפט אז מען זאל אים געבן אין דר תפיסה אריין אונ וויא פוטיפר האט אום
גהערט די רייד פון די שופטים הט פוטיפר גנומן יוסף אונ הט אים געגעבן אין
דר תפיסה . אונ יוסף איז דארט גוועסן צוועליף יאר אונ פון דעסט וועגן פלעגט
זליכה גיין צו יוסף אונ ער הט אלץ זיא ניט צו גהערט . אונ ווי עס איז גקומן
אונ דריי חדשים ארום הט זליכה צו אים גזאגט וויא לאנג נאך וועסטו זיצן אין
דער תפיסה אמער הער צוא מייני רייד וועל איך דיך ארוס נעמן . האט יוסף
גענפרט עס איז מיר בעסר אז איך זאל זיצן דא אין דער תפיסה איידר איך זאל
צו הערן דייני רייד אונ זאל זינדיגן צו גאט . אונ אין דער זעלביגר צייט זענין
גשטאנן די צוויי הארן פר פרעה איינר פלעגט דר לאנגן וויין צום טיש אונ דר
אנדרר פלעגט דר לאנגן ברוט . דר ווייל הט פרעה גפונן אונ דעם וויין פליגן
אונ אין דעם ברוט שטיינדליך אונ ווי פרעה הט דס דר זעהן הט ער גהייסן
אז מען זאל זיי אריין זעצן דר ווייל אין דר תפיסה . אונ מען הט גבראכט דיא

צוויי הארן אין דר תפיסה . אונ מען הט גהייסן אז יוסף זאל זיי באדינן . אונ
די דאזיגע צוויי הארן זענין גוועזן אין דר תפיסה אגאנץ יאר . אונ סוף יאר הט
זיך גחלמט אחלום צו די צוויי הארן אין איין נאכט . אונ ווי עס איז טאג גווארן
איז גקומן יוסף ער זאל זיי בדינן . הט יוסף דר זעהן אז דיא ביידי הארן זענין
טרויעריג הט יוסף זיי גיפרעגט פר וואס זענט איר אזו טרויעריג . האבן די צוויי
הארן צו אים גזאגט עס הט זיך אונז גחלמט אחלום אונ קיינר קען אונז ניט דעם
חלום פותר זיין . הט יוסף צו זיי גזאגט דר צײלט פאר מיר אייער חלום . אונ
גאט וועט אייך ענטפערן אזו ווי איר וועט וועלין . האט דער האר פון וויין דער
צײלט זיין חלום פר יוסף אונ הט גזאגט איך האב גזעהן שטיין פר מיר אגרוסן
וויין שטאק אונ אין דעם זעלביגן וויין שטאק האב איך גזעהן דרייא צווייגין
אונ די דריי צווייגן האבן גאיילט אונ גבליט אונ גישפראצט אונ עס איז תיכף
פארטיג גווארן זייערי וויין טרובן האב איך גנומן די וויין טרובן אונ האב זייא
אוס גקוועצט אין איין בעכער אריין אונ האב גגעבן דעם בעכער וויין אין דער
האנד פון פרעה אונ ער הט גטרונקן . הט יוסף אים גענפערט די דריי צווייגן
בטייטן דריי טעג אונ דריי טעג ארום וועט דיך דר מלכות זעצן אויף דיין אורט
אונ דו וועסט אים אן טרונקן מיט וויין אזו ווי צום ערשטן . נאר איך בעט דיך
איך זאל גפונן חן אין דייני אויגן אז דו זאלסט מיך דר מאנן פר דעם מלך אז
ער זאל מיך ארוס ציען פון דעם גפענקניש . דען איך בין גיגנבית גווארן פון
דעם לאנד כנען אונ מען הט מיך פר קופט אהער פר אקנעכט . דר ווייל הט
מיין הארס וויב גזאגט אויף מיר אליגונט האט מען מיך גגעבן אין דער תפיסה
אריין . הט דר האר פון דעם וויין גענפערט צו יוסף אוב דר מלך וועט טאן מיט
מיר גוטס אזו ווי דו האסט מיר פותר חלום גוועזן וועל איך דיר טאן וואס דוא
וועסט וועלן אונ איך וועל דיך ארוס נעמען פון דר תפיסה . אונ דער האר פון
ברוט הט דר זעהן אז יוסף הט גוט פותר גוועזן צו דעם האר פון וויין . האט
ער אויך ערציילט זיין חלום צו יוסף אונ הט גזאגט איך האב גזעהן אין חלום
דריי גלעכערטי קארבן זענען גשטאנען איבר מיין קאפ אונ איך האב גזעהן אז אין
דעם אייברשטן קארב איז פר האנדן אלרליי עסין שפייז פון פרעה אזו ווי ער
פלעגט אלי צייט באקן אונ אפויגל האט דאס גגעסן איבר מיין קאפ . הט אים
יוסף גענפערט די דריי קארבן בטייט אויף דרייא טאג . אונ דריי טאג ארום וועט
פרעה הייסן דיין קאפ אראפ נעמן פון דיר אונ מען וועט דיך הענגין אויף אבוים
אונ די פייגל וועלן עסין דיין פלייש אזו וויא דו האסט גזעהן אין דיין חלום .
אין דר זעלביגר צייט הט דעם מלכות ווייב גווינן אזון צום מלך האבן זיך אלי
איין וואנר פון מצרים אונ אלי שררות זייער גפרייד . אונ ווי עס איז גקומן דר
דריטר טאג פון דעם גווינן הט פרעה גמאכט אסעודה צו אלי שררות אונ צו
אלי קנעכט . אונ אלי קנעכט פון דעם מלך האבן זיך גפרייד אכט טאג אונ
בשעת פרייען האט פרעה זיך דער מאנט אונ דעם האר פון וויין האט פרעה
גהייסן מען זאל אים ארוס נעמן פון דר תפיסה אונ מען זאל אים מאכן אממונה
אזו ווי פריער אונ דעם האר פון ברוט הט ער גהייסן הענגן אזו ווי יוסף הט
זיי פותר חלום גוועזן . אונ דר האר פון וויין הט פר געסן אן יוסף אונ הט אים

גאר

נאר גיט דר מאנט פארן כלה . אזו ווי ער הט צו גזאגט צו יוסף . דען דס איז גוועזן פון גאט כדי יוסף זאל ניט זיצן אין דער תפיסה ווייל יוסף הט זיך פאר זיכערט אונ אמענטשן . אונ ער איז נאך גזעסן צוויי יאר ביז עס זאל דר פולט ווערן דיא צוועליף יאר . אונ יצחק איז אלט גוועזן אין דער צייט הונדרט אונ אכציג יאר . אונ עשו איז גוועזן אין דר זעלבר צייט אונ אדום אונ ווי עשו הט דר הערט אז עס האט גנעהנט די טעג פון דעם פאטר צו שטארבן . איז עשו גקומן מיט זייני קינדר צום לאנד כנען צום פאטר אונ יעקב מיט זיינע קינדער זענן אויך ארום גגאנגן פון זייער ארט אונ זענן גקומן צו יצחק . אונ יעקב הט אליין גקלאגט אויף זיין זון יוסף . הט יצחק גזאגט צו זיין זון יעקב גנעהן צו מיר דייני קינדר אונ איך וועל זיי בענטשן . אונ יצחק הט זיי גבענשט דעם זעלבינן טאג אונ הט זיי גזאגט דער גאט פון אייערי עלטרן זאל אייך בענטשן אונ ער זאל מערן אייערי קינדר ווי די שטערן פון הימל . אונ צו די קינדר פון עשו הט ער גבענשט אונ הט גזאגט גאט זאל געבן די מורא פון אייך אויף אלי פיינד . אונ יצחק הט גרופן זיין זון יעקב מיט זייני קינדר זענין זיי אלי גקומן פר אים הט יצחק גזאגט צו יעקב גאט ווס איז דר גאט פון דר גאנצר וועלט הט גזאגט צו מיר צו דייני קינדר וועל איך געבן דס לאנד נייערט אז דייני קינדר וועלין היטן מייני גזעץ אונ מיין וועג וועל איך צו זיי מקיים זיין מיין שבועה ווס איך האב גשווארן צו דיין פאטר אברהם . אונ אצונדר מיין קינד זאלסטו לערנין צו דייני קינדר אונ קינדס קינדר אז זיי זאלן האבן מורא פאר גאט אונ זאלין גיין אין גאטס וועג . אונ ווי יצחק הט אויף גהערט צוא גבאטין צו זיין זון יעקב מיט זייני קינדר איז ער גשטארבן איז יעקב מיט עשו גפאלן אויף דעם פאטערס פנים אונ האבן גוויינט . אונ יצחק איז אלט גוועזן הונדערט אונ אכציג יאר אז ער איז גשטארבן אין דר שטאט חברון . אונ די קינדר האבן אים גטראגן צוא דר מערת המכפלה ווס זיין פאטר אברהם הט גקופט פון דיא קינדר פון חת . אונ אלי שרים פון כנען זענן גגאנגן מיט יעקב אונ עשו צו בגראבן יצחק אונ אלי האבן אן גטאן אגרוס כבוד צו יצחק נאכן טוט . אונ יעקב מיט עשו האבן בגראבן זייער פאטער מיט גרוס כבוד אונ האבן גיקלאגט פיל טעג . אונ עשו הט גזאגט צו יעקב לאזן מיר זיך טיילן מיט דר ירושה איך וועל מיר אבר אוס קלויבן וועלכס חלק איך וועל וועלן . הט יעקב גזאגט איך וועל אזו טאן . אונ יעקב הט גנומן גאר דס גוטס אונ הט צו טיילט אויף צווייען אונ הט גזאגט צו עשו נעם דיר וועלכס חלק דו ווילסט אונ יעקב הט גזאגט ווייטר צו עשו דר גאט ווס הט בשאפן דיא וועלט הט גזאגט צו אונזר עלטר פאטר אברהם אונ אויך צו אונזר פאטר יצחק אזו צו זאגן צו דייני קינדר וועל איך געבן דס לאנד צו איין ארב אויף אייביג . אצונד זאג איך דיר ווילסטו נעם דיר אודר דס גוטס פון מיין פאטר אודר דס לאנד . אונ דארטן איז גוועזן נביות דר זון פון ישמעאל איז עשו גגאנגן אין דעם זעלבן טאג איין עצה האלטן זיך מיט אים . הט עשו צו אים גזאגט אזו הט יעקב מיר גזאגט אונ אצונד גיב מיר איין עצה ווס איך זאל טאן אונ איך וועל דיך צו הערן . הט נביות גענפרט צו עשו מיין עצה איז אז דו זאלסט בעסר נעמן דס גוטס פון דיין פאטר ווארום אצונד זיצן די קינדר

פון

פון כנען זייער זיכרליך אין דעם לאנד . אונ עשו הט גטאן אז די נביות הט אים איין עצה געגעבן . אונ הט גנומן גאר דס גוטס פון דעם פאטר . אונ יעקב הט גנומן דס לאנד כנען אונ אוך די מערת המכפלה אונ יעקב הט גשריבן אשטר חלוקה אונ הט גחתמית עדות אונ הט גנומן דעם שטר חלוקה אונ הט אים ארין גלייגט אין איין ערדעני כלי אונ הט דס אפ געגעבן צו זייני קינדר . אונ עשו הט זיך צו גנומן גאר דס גוטס פון דעם פאטר אונ איז אוועק צום לאנד שעיר מיט זייני קינדר אונ איז שון ניט צוריק גקומן צום לאנד כנען . אונ עשו מיט זייני קינדר האבן גארבית דס לאנד שעיר :

פרשת מקץ

אין דיא זעלביגע טעג נאך דעם אז יצחק איז גשטארבן הט גאט ב"ה גוואלט אז עס זאל זיין איין הונגר אוף דער גאנצר וועלט . אונ אין דר זעלבר צייט איז פרעה דר מלך פון מצרים גזעסן אוף דר שטול הט זיך אים גחלימת פול חלומות . איין חלום הט זיך אים אום גוויזען אז ער שטייט ביי דעם בארטן פון דעם טייך שיחור אונ זעהט אז עס גייט ארוס פון דעם טייך זיבען שייני אונ פעטע קיא אונ דער נאך זעיין אוף גגאנגן זיבן מאגרי קיא אונ זייא האבן איין גשלונגן די פעטי קיא . אונ דיא מאגרי קיא האבן גהאט דס אייגינע גשטאלט ווי פריער . אונ דר נאך הט פרעה זיך אוף גהאפט פון שלאף . אונ איז ווידער אנטשלאפן גווארן אונ עס הט זיך אים ווייטר גחלמת אחלום אונ הט גזעהן אז זיבן זאנגן מיט קארן וואקסן פון איין זאנג זייער שייני אונ פולי אונ גוטי . אונ דער נאך האבן ארוס גשפראצט אנדערי זיבן זאנגן זייער דינע אונ ליידיגע אונ האבן איין גשלונגן די זיבן גוטע פולי זאנגן . אונ ווי עס איז גווארן טאג הט אונ פרעה גקלאפט דר אטום מחמת די חלומות . אונ ער הט גאיילט אונ הט גלאזט רופן אלי חרטומים אונ אלי חכמים אונ זייא זענין אלי גקומן אונ האבן זיך גשטעלט פר פרעה אונ פרעה הט דר ציילט די חלומות . האבן זיי גענפרט צו פרעה דר מלך זאל אייביג לעבן אזו איז דאס בשיידעניש פון די חלומות . וס דו האסט גזעהן די גוטי קיא בטייט אז דוא וועסט האבן אונ סוף יארן זיבן טעכטר אונ דס וס דו האסט גזעהן די זיבן מאגערי קיא האבן איין גשלונגן די גוטי קיא בטייט אז זייא וועלן שטארבן פר דיין לעבן . אונ דס וס דו האסט גזעהן דיא גוטי זיבן זאנגן בטייט אז דוא וועסט בויען זיבן שטעט אונ סוף פון דייני יארן אונ דס וס דו האסט גזעהן די זיבן ליידיגע זאנגן האבן איין גשלונגן די זיבן גוטי זאנגן בטייט אז די זיבן שטעט וואס דו וועסט בויען וועלן חרוב ווערן אונ סוף פון דייני טעג . אונ ווי די חרטומים אונ דיא חכמים האבן אום גרעד זייערי רייד האט פרעה פאר שטאנען מיט זיין חכמה אז זיי האבן ניט גוט פותר גיוועזן די חלומות . אונ פרעה הט צו זיי גזאגט נאך וס רעד איר צוא מיר פאלשקייט וועט איר מיר גוט בשיידן די חלומות איז רעכט אונ אוב ניט וועט איר גטייט ווערין . אונ פרעה הט גבאטן אז מען זאל אוס רופן ווער עס קען פותר זיין חלומות אונ וועט ניט קומן פותר חלום זיין דעם מלך אוף זייני חלומות וועט גטייט ווערין אונ ווילכר עס וועט יוא פותר חלום זיין דעם מלך

אז עס זאל דעם מלך וואל געפעלן וועט דעם דאזיגען מענטש גיגעבן ווערן פון דעם מלך וואס ער וועט בגערן . אונ עס זענן גקומן אלי חכמים אונ אלי חרטומים פון מצרים . אונ פרעה הט פר זיי דר ציילט זייני חלומות אונ אלי האבין זיך פר וואונדרט אויף די חלומות אונ איטליכר בזונדר פון זיי האט גזאגט אבזונדר בשיידיניש אויף דיא חלומות . אונ פרעה האט אום גהערט דיא רייד פון אלע חכמים אונ חרטומים אבר די דאזיגע רייד איז אים ניט געפעלן אונ פרעה האט גוויסט מיט זיין חכמה אז זיי האבן ניט גוט בשייד די חלומות ווארום דם איז גוועז פון גאט אז אלי זאלין ניט טרעפין דם בשיידעניש פון די חלומות כדי מען זאל יוסף ארויס נעמין פון דר תפיסה אונ מען זאל אים גרויס מאכין אונ נאך דעם איז גקומן מרור פר פרעה אונ הט זיך גבוקט פר אים אונ הט גזאגט צו פרעה דר מלך זאל אייביג לעבן אונ זיין מלוכה זאל גרויס ווערן איבר די גאנצי וועלט אצונד איז שון צוויי יאר אז דר מלך הט גצערינט אויף מיר אונ אויף דעם בעקיר אונ האט אונז ביידי געגעבן אין דער תפיסה אונ אין דר תפיסה איז אויך גוועזן איין יודישר קנעכט ביי פוטיפר אונ פוטיפר הט אויף אים גצערינט הט ער אים איין גזעצט אין דער תפיסה אונ דער יודישר קנעכט הייסט מיט זיין נאמן יוסף אונ ער האט אונז בדינט אין דר תפיסה אונ בשעת מיר זענין גזעסין אין דר תפיסה האט זיך אונז גחלומת אחלום אונ איין נאכט אונ אין דער פריא איז יוסף צו אונז גקומן הט ער אונז גפרעגט וואס זענט איר אזו טרויעריג האבן מיר אים געענפרט אז עס הט זיך אונז גחלומת אחלום אונ קיינר איז ניט דא אז מען זאל אונז פותר זיין . הט ער אונז פותר חלום גיוועזן . אונ וויא אזו ער הט אונז פותר גוועזן אזו איז גוועזן . אונ פרעה הט צו גהערט די דאזיגע רייד אונ האט גבאטן אז מען זאל ברענגין יוסף פר אים אונ האט אויך אן גזאגט אז מען זאל אים ניט איבר שרעקין . ווארום אז מען וועט אים איבר שרעקין וועט ער ניט קענין רעכט בשיידן . אונ דיא קנעכט פון פרעה האבין יוסף אפ גגאלט אונ האבן אים אן גטאן אנדרי קליידר אונ האבן אים גבראכט פר פרעה אונ פרעה איז גזעסין אויף דר קיניג שטול אונ די שטול וואס דר מלך איז דרויף גזעסין איז גוועזן בדעקט מיט גאלד אונ זילבר אונ אלירליי איידל גשטיין . אונ די שטול איז גוועזן מיט זיבעציג טרעפ . אונ דער מנהג איז אזו גוועזן אין מצרים וועלכר מענטש עס הט גקענט אלי זיבעציג לשונות איז ער ארויף גגאנגן גאנץ הויך אונ הט גרעד מיטן מלכות אונ וועלכר מענטש וואס עס הט ניט גקענט אלי זיבציג לשונות איז ער ניט ארויף הויך . אונ וויא יוסף איז גקומן פארן מלך הט ער זיך גבוקט ביז צו דר ערד אונ דר נאך איז ער ארויף גגאנגן אויף דר דריטר טרעפ אונ דר מלך הט גרעד מיט יוסף אונ הט גזאגט עס הט זיך מיר גחלומת אחלום אונ קיינר הט מיר ניט צו בשיידן דעם חלום אזו וויא רעכט איז אונ איך האב פריער גרופן אלי מכשפים אונ אלי חכמים האבן זייא מיר ניט בשייד וויא מען בדארף אונ דר נאך האב איך גהערט אז דו ביסט אגרויסר חכם אונ דו קענסט זייער וואל פותר חלום זיין דרום האב איך גשיקט נאך דיר . הט יוסף געענפרט צו פרעה אזו צו זאגן אדוני מלך איך בעט זייער צו דר ציילן דעם חלום אונ פון גאט קען זיין דם בשיידיניש אונ פרעה הט דער ציילט ביידי חלומות צו יוסף :

אונ ווי פרעה הט דר ציילט די חלומות צו יוסף איז גקומן צו אים די נבואה
פון גאט אונ יוסף הט גוויסט וס ווערט קומן צו פרעה פון דעם זעלבן טאג
אן אונ ווייטר אונ הט שון גוויסט דס בשיידיניש פון די חלומות אונ הט גזאגט
צו פרעה דו זאלסט ניט מיינן אדוני מלך אז דייני חלומות זענין צוויא נייערט
עס איז נאר איין חלום דען אלץ וס גאט בגערט צו טאן אונ דעם גאנצן לאנד
הט ער גוויזן צום מלך אין חלום . אונ דס בשיידיניש פון דיין חלום איז אזו .
די זיבן גוטי אונ פעטי קיא אונ די זיבן גוטע זאנגן בטייט זיבן יאר אונ די זיבן
מאגרי קיא אונ די זיבן לידיגע זאנגן בטייט אויך זיבן יאר נון עס ווערט זיין זיבן
יאר דורך אנאנדר אגרויסי זעט אין אלי שטעט אונ דר נאך ווערט זיין זיבן יאר
דורך אנאנדר אגרוס הונגר אונ מען ווערט גאר פר געסן אז עס איז גוועזן פריער
אזעט אונ דער הונגר ווערט פר לענדן דיא זיצערס פון דעם לאנד . אונ גאט ב"ה
הט פון דעסט וועגן גוויזן צום מלך צוויי ערליי חלומות דורך אנאנדר דען עס
איז שון אן גבריט פר גאט אונ ער איילט אז עס זאל שון זיין . אונ אצונד איז
מיין עצה כדי עס זאל בשרומט זיין אלי זיצערס פון לאנד פר דעם גרוסן הונגר
אז דר מלך זאל אום זוכן אקלוגן מענטש פון זיין קיניגרייך אונ זאל אים מאכן
אז ער זאל האבן צו שאפן אויף גאנץ מצרים אונ ער זאל איין זאמלן נאך מענטשן
אונ זיי זאלן איין זאמלן פיל קארן אונ די גוטע זיבן יאר כדי דס זאל זיין אויף די
זיבן יאר וס עס ווערט זיין דר הונגר אונ אויך זאל דר מלך גביטן צו זיין פאלק אז
זיי זאלן איין זאמלין קארן איטליכר פון זיין פעלד . אונ דס איז דס בשיידיניש
פון דייני חלומות אזו ווי רעכט איז אונ דס איז מיין עצה אז דו זאלסט בשירמן
אלי דייני קנעכט . הט דר מלך געענפרט צו יוסף ווער ווייסט אז דו זאגסט אמת
הט יוסף געענפרט צום מלך איך וועל דיר זאגן אסימן אז מייני רייד זענן אמת
אונ מיין עצה איז גוט . נון דיין ווייב גייט צו קינד אונ זיא ווערט האבן אזון אונ
דו וועסט זיך מיט אים פרייען אונ בשעת זיא ווערט האבן דס קינד ווערט שטארבן
דיין בכור אונ דו וועסט זיך טרייסטן מיט דעם נייא גבורינם קינד אונ ווי יוסף
הט אום גרעד די דאזיגי רייד הט ער זיך גבוקט צום מלך אונ איז אוועק גגאנגן
אונ תיכף ווי יוסף איז ארוס גגאנגן פון דעם מלך הט די מלכה גווינן אזון הט
מען דעם מלך אבשורה גזאגט אז די מלכה הט גווינן אזון הט ער זיך זייער
גפרייד אונ תיכף ווי מען הט אים די בשורה גזאגט איז תיכף גשטארבן דער
בכור פון דעם מלך . נאך דעם אז דר מלך הט גזעהן אז דיא רייד פון יוסף איז
אמת הט ער גשוקט אז מען זאל איין זאמלן אלי שרים אונ אלי קנעכט וס
עס איז פר האנדן ביי דעם מלך זענן זיי אלי גקומן פר דעם מלך הט דר מלך
גזאגט צו זיי נון איר הט גהערט אונ גזעהן אז די רייד פון דעם עברי זענן אמת
מיט דעם בוויז אז דר סימן איז מיר מקוים גווארן איז דר פון גדרינגן אז דס
וס ער הט בשייד איז אויך אמת אונ אצונד לאזן מיר זיך איין עצה האלטן
וס מיר זאלן טאן כדי מיר זאלן ניצול ווערין פר דעם גרוסן הונגער . אונ מיין
עצה איז אז מען זאל אים מאכן פר אמושל ווארום וויא איז דען פר האנדן נאך
אזו אחכם ווי דר עברי דען איר הט גהערט וועלכע עצה דר עברי הט גגעבן
כדי דס לאנד זאל אנטרונן ווערן פר הונגר אונ איך ווייס וואל אז דאס לאנד

וועט

וועט אנדרש ניט אנטרונן ווערן פארן הונגער נייערט מיט דער עצה פון דעם עברי. אונ אלי שרים האבן געענטפרט צום מלך די עצה וואס דר עברי הט געגעבן איז גוט אונ אצונד איז דס גאנצי לאנד ביי דיר אין דר האנד אונ וואס דו ווילסט טאן מעגסטו טאן. אונ דר מלך הט צו זיי געזאגט וייל מיר האבין געזעהן די חכמה פון דעם עברי איז מיין עצה אז מען זאל אים מאכין פאר אמושל אין לאנד מצרים האבין דיא שרים געענטפרט צום מלך פאר וואר עס שטייט געשריבן אין די אקטן פון מצרים אז מען זאל אנדערשט ניט מאכן קיין מלך אודר אשני למלך ביז ער מוז פריער קענין ריידן די זיבציג לשונות אונ אצונד וויא אזו קען זיין דר עברי אשני למלך אז ער קען בוודאי מער ניט רייען נאר זיין לשון אבר ניט אונזר לשון. נייערט דו שיק אים רופן אז ער זאל קומן פר דיר וועסטו אים פרובן אוב ער קען ריידן אונזערי לשונות. הט דר מלך צו זייא געזאגט אופן אנדרן טאג וועל איך אזו טאן. אונ וויא עס איז געווארן טאג הט דר מלך געשיקט נאך זייני שרים אונ נאך זייני קנעכט זענן זיי געקומן אונ האבן זיך געזעצט פארן מלך אונ דר מלך הט געבאטן אז מען זאל ברענגן יוסף זענין די קנעכט געגאנגן אונ האבן געבראכט יוסף פארן מלך אונ יוסף הט אן געהובן צו ריידן פיל לשונות האבן זיי זיך דרוף געפרייד אונ עס איז וואל געפעלן אונ די אויגן פון דעם מלך אונ ביי די שרים אז מען זאל מאכן יוסף פר שני למלך אונ דר מלך הט געזאגט צו יוסף דו האסט מיר איין עצה געגעבן אז איך זאל נעמן אחכם אונ זאל אים מאכן פר אמושל איבערן לאנד מצרים כדי ער זאל מאכן אנטרונן דעם הונגר אונ וייל גאט הט דיך געלאזט וויסן די דאזיגי רייד וואס דו האסט גרעד איז ניט פר האנדן אין מיין גאנץ קיניגרייך אזו אחכם וויא דו ביסט אין דיין נאמן זאל מער ניט גרופן ווערן יוסף נייערט צפנת פענח אונ דו זאלסט זיין ביי מיר אשני למלך אונ דורך דיין מויל זאל זיין דיא בפעלן פון מיין קיניגרייך אונ דורך דייני רייד זאל מיין פאלק ארום גיין אונ אריין גיין אונ דורך דיין האנד זאלן מייני שררות אונ מייני קנעכט נעמן זייער שכירות אלי חודש. אונ פאר דיר זאלן זיך ביקן אלי מענטשן פון דעם לאנד נייערט איך זאל זיצן אוף דר מלוכה שטול. אונ פרעה הט אפ גטאן דאס פונגריל פון זיין האנד אונ הט דס גטאן אוף יוספס האנד אונ ער האט גלאזט אן קליידן יוסף מיט אמלכות קלייד אונ האט אים אן גטאן אגילדעני קרון אופען קאפ אונ אגילדענם באנד אוף דעם האלז אונ דר מלך הט געבאטן אלי זייני קנעכט אז מען זאל מאכן רייטן יוסף אוף אנדערן וואגן אונ צוואנציג מענטשן זאלן שרייען פר אים מיט אהויך קול אונ זאלן זאגן הט איר דען געזעהן אזו אקלוגן מענטשן וואס דר מלך הט אים אום דער ווילט פאר אשני למלך אונ אלי זאכן פון דער מלוכה זאל זיין דורך זיין מויל אונ וועלכר מענטש עס וועט ווידר שפעניגן זיין מויל אונ וועט זיך צו אים ניט בוקן צו דר ערד וועט ער גטייט ווערן ווי אמורד במלכות אונ ווי די צוואנציג מענטשן האבן אוס גרעד די דאזיגי רייד האבן זיך אלי מענטשן גבוקט צו אים ביז צו דר ערד אונ האבן גזאגט דר מלך אונ דר שני למלך זאלן אייביג לעבן אונ אלי איין וואנערס פון מצרים האבן זיך גבוקט צוא יוסף אונ האבען זיך גיפרייד אונ גישפילט מיט אלע כלי זמר אונ

יוסף הט אוף גיהובן זייני אוגן צום הימעל אונ האט גיזאגט דעם פסוק מקים
מעפר דל מאשפות ירים אביון איז טייטש דוא טוסט אוף שטעלין דעם ארום
מאן פון דער ערד אונ אוך פון דעם מוסט טוסטו אים דער הייבן גאט דוא
ביסט דר האר פון דר וועלט וואל איז דעם מענטשן וואס ער פר זיכערט זיך אין
דיר . אונ יוסף מיט אלי שררות אונ מיט אלי קנעכט זענין אום גפארן גאנץ
מצרים . אונ אוך האבן זיי אים גוויזען אלי אוצרות פון מלך אונ יוסף הט זיך
אום גקערט אונ איז גקומן דעם זעלביגן טאג פר פרעה . אונ דר מלך האט
אם גגעבין צוא יוסף פעלדר אונ ויין גערטנר אונ אוך פיל גאלד אונ פיל
איידיל גשטיין אונ נאך פיל מתנות . אונ ווי עס איז גקומן אופן אנדרין טאג
הט דר מלך גבאטן צו אלי איין וואנר אז זייא זאלן ברענגן מתנות צו יוסף
אונ ווער עס וועט ווידר שפעניגן דם מול פון מלך זאל ווערן גשטראפט אונ
הט גמאכט אגרום חדר אין מיטן מארק אז מען זאל אהין ברענגן דיא מתנות
אונ איטליכר מענטש פון מצרים הט גבראכט אמתנה אונ מיהאט גבראכט
גילדעני רינגן אונ פינגערליך אונ אלערלייא גיפעם פון גאלד אונ זילבער אונ
אלערליי איידיל גשטיין אונ יוסף האט דם צו גנומן אונ הט בהאלטן אין זייני
אוצרות אונ אלי שררות וואס זענין גוועזן ביי דעם מלך האבן אלי גגעבן גרוסי
מתנות צו יוסף אונ דר מלך הט גשוקט צו פוטיפרע דר זון פון אחירם דער
האר פון און אז מזאל נעמין ביי אים די טאכטר וואס הייסט אסנת פר אווייב צו
יוסף די יונג פרויא איז גוועזן זייער שיין . הט זיא יוסף גנומן פאר אווייב אונ
דר מלך האט גזאגט צו יוסף איך בין פרעה אונ חוץ דיר זאל קיינר ניט אוף
הייבין קיין האנד אודר אפים צוא טאן עפים אזאך אין מצרים . אונ יוסף איז
אלט גוועזן אין דר זעלבר צייט דרייסיג יאר אונ גאט הט גמערט צו יוסף נאך
מער חכמה אונ אלי איין וואנר פון מצרים אונ אלי קנעכט אונ אלי שררות פון
פרעה האבן זייער ליב גהאט יוסף דען דם איז גוועזן פון גאט אונ גאט איז גוועזן
מיט יוסף אונ זיין שם איז גוועזן אופין גאנצן לאנד אונ עס איז גוועזן צו יוסף
פערציג טויזנט אונ זעקס הונדרט חיילות לייט וואס זיי האבן גהאלפין צום מלך
אונ אוך צו יוסף אונ יוסף הט גגעבן צו זייני חיילות לייט פאנצערם אונ שפיזין
אונ אנדערי כלי זיין . אונ עס איז גקומן דם אנדרי יאר וואס יוסף איז גווארין
אשני למלך הט גאט גגעבין אגרוסי זעט אוף דר גאנצר וועלט זיבן יאר אזו
ווי יוסף הט גרעד . אונ יוסף האט בפולין אז מזאל איין זאמלין אלי יאר דאס
קארין מיט די זאנגין אונ יוסף הט אזו גטאן אלי יאר . אונ אלי איין וואנר פון
מצרים האבן אוך איין גזאמילט פיל קארין נייערט זיי האבן ניט אזו גטאן ווי
יוסף הט גטאן . אונ אסנת דם ווייב פון יוסף הט גוויגן צו אים צווי זון איינר
הט גהייסין מנשה אונ דר אנדרר אפרים אונ יוסף איז אלט גוועזן אין דר צייט
פיר אונ דרייסיג יאר אונ די צווי קינדר זענין דר וואקסין גווארן אונ זענין גגאנגן
אין דעם וועג פון יוסף אונ האבן ניט אפ גקערט פון גוטן וועג אונ גאט איז
גוועזן מיט די צווי קינדר פון יוסף אונ הט זיי גגעבן שכל אונ זייא זענין גוועזן
קליג אין אלי חכמות אונ אלי איין וואנר פון מצרים האבן גגעבן כבוד צו די
צווי קינדר פון יוסף אונ זיי זענין דר וואקסין גווארן צווישן די הארין פון דעם

מלך

מלך. אונ ווי די זיבן יאר פון דר זעט האבן זיך אום גלאזט האבן זיך אן גהובן די זיבן יאר פון דעם הונגר אזו ווי יוסף הט גזאגט אונ עס איז גוועזן דר הונגר אוף דר גאנצר וועלט אונ ווי די איין וואנר פון מצרים האבן א פ געפינט זייערי אוצרות פון דר תבואה האבן זיי דר זעהן אז דס קארין איז פול מיט ווערים אונ עס ניצט גאר ניט אוף עסין זענין זיי גקומן צו פרעה אונ האבן גזאגט גיב צו דייני קנעכט עסין הט פרעה זיי געענטפרט פר וואס שרייט איר צו מיר אמער יוסף הט דאך אייך גזאגט אלי זיבן יאר פון דר זעט אז איר זאלט איין זאמלין קארין אוף די זיבן יאר וואס עס וועט זיין דר הונגר האבן די איין וואנרם פון מצרים געענפרט צום מלך דר כלך זאל אזו לעבין אז מיר האבן גטאן אזו ווי יוסף הט צו אונז גזאגט מיר האבן איין גזאמילט זייער פיל קארין אונ אז דר הונגר הט זיך אן גהובן האבן מיר גפונן אז דאס קארין איז פול מיט ווערים. אזו איז דר מלך זייער דר שראקין גווארן אונ הט גזאגט צו זיי גייט צו יוסף וואס יוסף וועט אייך זאגין זאלט איר ניט ווידר שפעניגן אן זייני רייד זענין דיא איין וואנר פון מצרים גגאנגן צו אים אונ ווי יוסף הט אום גהערט דיא רייד פון די מצרים הט ער אוף געפינט זייני אוצרות אונ הט זיי פר קופט קארין אונ ער הט גוויסט אז זייני ברודר מוזן אוך קומן קיין מצרים קופן קארן דען דר הונגר איז גוועזן אוף דר גאנצר וועלט. הט ער גבאטן צו זייני מענטשן אז זייא זאלן אום רופן אין גאנץ מצרים אזו צו זאגן מיטען בפעל פון דעם מלך אונ שני למלך אז וועלכר מענטש וואס וועט בדארפין קופן קארין זאל ער ניט שוקן זייני קנעכט נייערט ער זאל אליין קומן אודער זייני קינדר אונ יוסף האט גזעצט שומרים ביי די טוערין פון דר שטאט אז וועלכר עס וועט קומן פון דר פרעמדר קופן קארין זאל מען פר שרייבין זיין נאמן אונ זיין פאטרס נאמן אונ אלי אוף דר נאכט זאל מען ברענגן צו אים די נעמן אונ ער הט די תחבולות גטאן כדי ער זאל וויסן ווען זייני ברודר וועלן אן קומן קיין מצרים. אונ ווי יעקב הט דר הערט אז עס איז פר האנדן קארין צו פר קופן אין מצרים האט ער גרופן זייני קינדר אונ הט זיי גזאגט אז זיי זאלן גיין קיין מצרים קופן קארין. אונ די קינדר פון יעקב האבן עס צו גהערט אונ זענין גגאנגן קיין מצרים. אונ יעקב האט זיי אן גזאגט אז איר וועט קומן צו דער שטאט מצרים זאלט איר ניט אלי אין איינם אריין גיין דורך איין טויער. אונ די קינדר פון יעקב זענין אוועק גיגאנגן קיין מצרים אונ האבן גטאן אזו וויא זייער פאטר הט זיי אן גזאגט אונ בנימין הט יעקב ניט גשוקט מיט זייני קינדר דען יעקב הט זיך גטראכט טאמר וועט זיך טרעפין צו אים אמארד אזו ווי צו זיין ברודר. אונ ווי די צעהן קינדר פון יעקב זענין גוועזן אין מיטן וועג האבן זיי זיך דר מאנט אין יוסף אונ עס הט זיי זייער באנק גטאן וואס זיי האבן גטאן אונ האבן גזאגט איינר צום אנדערין מיר וויסן וואל אז אונזר ברודר יוסף האט גנידרט קיין מצרים וועלן מיר אים זוכן אונ אוב מיר וועלן אים גפונן וועלן מיר אים אום לייזין בייא זיין האר אונ אוב זיין האר וועט אבר ניט וועלן אז מזאל יוסף ביי אים אום לייזין וועלן מיר אים מיט גוואלד אפ נעמן פון דעם האר אפילו מיר זאלן אלי גטייט ווערן אונ אזו האבן זיי זיך איין עצה גהאלטן אז זייא זאלן מציל זיין זייער ברודר יוסף פון זיין

האר אונ זענין גגאנגן קיין מצרים אונ ווי זיי זענין גקומן נאהינט פון דר שטאט
מצרים האבן זיי זיך אפ גשייד איינר פון דעם אנדערין אונ איטליכר איז אריין
גגאנגן קיין מצרים דורך אבזונדרן טויער · אונ איטליכר ממונה וואס איז גשטאנן
ביי דעם טויער הט פר שרייבן דעם נאמן . אונ אוף דער נאכט הט דר ממונה
גבראכט דיא נעמין צווא יוסף . אונ וויא יוסף איז גוואר גווארן אז זייני צעהן
ברודר זענין גקומן קיין מצרים דורך צעהן טויערין הט יוסף גבאטין אז מען זאל
אום רופן אין גאנץ מצרים אז מזאל פר שליסן אלי אוצרות פון דעם קארין נאר
איין אוצר זאל זיין אופין אונ די ממונים פון דיא אוצרות האבן אזו גטאן וויא
יוסף הט גבאטן אונ יוסף הט גגעבין די נעמן פון די ברודר צו דעם ממונה וואס
זיין אוצר איז גוועזן אופן אונ הט דעם ממונה אן גזאגט אז וועלכר מענטש וואס
וועט קומן קופן קארין זאלסטו פרעגין ווי ער הייסט אונ אוב עס וועט קומן צו
דיר מענטשין וואס זיי הייסן אזו אונ אזו זאלסטו זיי שוקן צו מיר אונ דר ממונה
הט אזו גטון · אונ ווי דיא קינדר פון יעקב זענין אן גקומן קיין מצרים האבן זיי
זיך איין גזאמלט אין איינים כדי זיי זאלין גיין זוכן זייער ברודר יוסף אונ זענין
גגאנגן אונ האבן אים גזוכט דריי טעג. אונ דר מענטש וואס איז גוועזן דר ממונה
איבר דעם אוצר וואס איז גוועזן אופן הט גזוכט די נעמן וואס יוסף הט אים גגעבן
אונ הט ניט גפונן אפילו איין מענטש זאל אזו הייסן איז דער ממונה גגאנגן צו
יוסף אונ האט אים גזאגט עס איז שון דרייא טאג אז דו האסט מיר גגעבין די
נעמין אונ זיי זענין ביי מיר ניט גוועזן האט יוסף גשוקט זייני קנעכט אז מזאל
אוף זוכן זייני ברודר אונ מזאל זיי ברענגין פאר אים · זענין זייני קנעכט גגאנגן
זוכן אין מצרים אונ האבן זייא ניט גפונין אונ דר נאך זענין די קנעכט גגאנגן
קיין רעמסס זענין זיי אוך ניט גוועזן אונ דר נאך זענין די קנעכט גגאנגן קיין גושן
זענין זיי אוך ניט גוועזן זענין די קנעכט גקומן צו יוסף אונ האבן צו אים גזאגט
מיר האבן גזוכט די דאזיגי מענטשן אונ מיר האבן זיי ניט גקענט גפונן האט
יוסף גמערט אונ הט נאך אמאל גשוקט זעכצין קנעכט אז זיי זאלן גיין זוכן די
דאזיגי מענטשן אונ זיי האבן זיך צווא שפרייט אוף אלי פיר זייטין פון מצרים
אונ האבן גפונן די דאזיגי מענטשן · האבן די קנעכט גזאגט צו די קינדר פון
יעקב דר שני למלך רופט אייך . אונ ווי זיי זענין גקומן צום שני למלך האבן
זיי זיך גבוקט צו אים אונ יוסף איז גוועזן אין שיינים פאליץ אונ איז גזעסין אוף
דר שטול אונ איז גגאנגן אן גטאן אין בגדי מלכות אונ דיא גילדעני קרון אוף
זיין קאפ אונ פיל שררות זענין גזעסין ארום אים . אונ וויא דיא קינדר פון יעקב
האבן דר זעהן דעם שני למלך האבן זיי זיך זייער פר וואונדרט אוף דעם שיינים
גשטאלט פון דעם שני למלך אונ האבן זיך נאך אמאל גבוקט צו אים אונ ווי
יוסף הט דר זעהן די ברודר הט ער זיי דר קענט אונ זייא האבן אים ניט דער
קענט אונ יוסף הט אן גהובן צו ריידן מיט זייא אונ הט גזאגט פון וואנן קומט
איר האבן זיי געענטפרט מיר קומן פון לאנד כנען צו קופן קארין ביי דעם שני
למלך דען עס איז ביי אונז זייער אגרוסר הונגר הט יוסף צו זיי גזאגט אוב עס
איז אמת וואס איר זאגט נאך וואס זענט איר אריין גגאנגן קיין מצרים דארך
צעהן טויערין עס קען אנדרש ניט זיין נאר איר זענט גקומן אום שפעהן דם
לאנד

לאנד . האבן זיי אין איינים געענפערט צו יוסף זיין אונזר האר מיר זענין ערליכי מענטשן מיר זענין קיין מאל ניט געוועזן אום שפעהערס נייערט מיר זענין געקומן קופן קארן דען מיר אלי צעהן מענטשן זענין ברודער פון איין פאטער האט אונזר פאטער אונז אן געזאגט בשעת איר וועט קומן קיין מצרים זאלט איר ניט אריין גיין קיין מצרים דורך איין טויער . האט יוסף צו זיי נאך אמאל געזאגט היינט זעה איך וואס איך האב געזאגט איז אמת אז איר זענט אום שפעהערס פאר וואר ווער עס קומט קופן קארן קופט ער תיכף דעם קארן אונ גייט זיך אוועק זיין וועג אונ איר זענט שון פון דרייא טעג געקומן קיין מצרים אונ איר קופט ניט קיין קארן כוזט איר בוודאי זיין אום שפעהערס . האבן זיי ווייטער געענפערט צו יוסף חלילה והס צום האר צו ריידן אזעלכי רייד דען מיר זענין געוועזן צוועליף ברודער צוא אונזער פאטער יעקב וואס אונזר פאטער איז דער זון פון יצחק אונ יצחק איז געוועזן דער זון פון אברהם העברי . אונ אצונד איז דער יונגסטער מיט אונזר פאטער אין לאנד כנען אונ איינער איז פר פאלין געווארן פון אונז האבן מיר זיך געטראכט טאמער איז ער דא דרום האבן מיר אים געזוכט האט יוסף ווייטער צו זייא געזאגט האט איר אים דען געזוכט אוף דער גאנצער וועלט וואס אצונד קומט איר אים זוכן אין לאנד מצרים. האבן זיי ווייטער געענפערט מהאט אונז געזאגט אז די ישמעאלים האבן אים גפירט קיין מצרים אונ האבן אים פר קופט פר אקנעכט אונ אונזר ברודר איז געוועזן זייער אשיינר פרשון האבן מיר געטראכט טאמער האט אים אשרה געקופט פר אקנעכט דרום האבן מיר אים געזוכט אין די הייזר טאמער וועלן מיר אים גפונן וועלן מיר אים אום לייזן האט יוסף ווייטער געזאגט נאך וואס בדארפט איר צו זאגן אזו אגרוסי ליגונט . איך שווער אזו וויא דער מלך לעבט אז איר זענט אום שפעהערס דרום זענט איר געגאנגן אין דיא הייזר כדי מזאל אייך ניט גפונן אונ יוסף האט ווייטער געזאגט צו זייא אוב איר וועט אים יוא גפונן אונ מוועט וועלן פר אים אסאך געלד צו וועט איר געבן פר אים האבן זיי אים געענפערט מיר וועלן פר אים געבן ווי פיל מוועט וועלן האט יוסף ווייטער צו זייא געזאגט טאמער וועט מען ניט וועלן אים אפ געבין צו אייך אפילו פר אסאך געלד האבן זיי אים געענטפערט אז מוועט ניט וועלן אים אפ געבין צו אונז פאר אום לייזונג וועלן מיר אונזר ברודר מיט געוואלד אפ נעמן אונ וועלן אהיים גיין האט יוסף ווייטער צו זייא געזאגט דס איז טאקי אמת וואס איך זאג אז איר זענט אום שפעהערס אונ איר ווילט צווינגן די מענטשן פון דעם לאנד מצרים דען איך האב געהערט אז צווייא מענטשן פון אייך האבן חרוב געמאכט שכם איבער אייער שוועסטער אצונד ווילט איר אזו טאן צום לאנד מצרים איבער אייער ברודר . נאר מיט דעם וועל איך וויסן אז איר זענט ערליכי מענטשן אז איר וועט שיקן איינם פון אייך ער זאל ברענגן דעם יונגסטן ברודר אהער צו מיר אונ אז איר וועט אזו טאן וועל איך וויסן אז איר זענט ערליכי מענטשן האט יוסף גרופן זיבעציג גבורים פון זייני גבורים אונ האט געזאגט צו זייא נעמט דיא דאזיגי מענטשן אונ ברענגט זיי אין דער תפיסה אריין אונ די זיבעציג גבורים האבן גנומן דיא צעהן מענטשן אונ האבן זיי איין געזעצט אין דער תפיסה דריי טעג אונ ווי עס איז געקומן דר דריטער טאג האט יוסף געהייסן אז מזאל זיי ארויס לאזן פון דער תפיסה אונ

מזאל

מזאל זיי ברענגן צו אים אונ יוסף הט צו זיי גזאגט אז איר וועט דס טאן וועל
איך וויסן אז איר זענט ערליכי לייט אונ איר וועט בלייבן לעבן . אייגר פון אייך
זאל בלייבן דא אין דר תפיסה אונ איר אלי נייך מענטשן נעמט אייך אן קארין
אונ גייט אהיים צום לאנד כנען אונ איר זאלט מיר ברענגען אייער יונגסטין
ברודער אונ אז איר וועט מקיים זיין מייני רייד וועל איך וויסן אז איר זענט
ווארהאפטוגע לייט . אונ יוסף איז אוועק גגאנגן אין אחדר אריין אזי האט
גוויינט אגרוב גוויין דען ער הט זיך זייער דר בארומט אוף זיי אונ דר נאך הט
יוסף זיך אפ גוושט דם פנים אונ איז אריין גקומן צו זיי אונ הט גהייסן אז מזאל
נעמן שמעון אין דר תפיסה אריין האבן די גבורים גאיילט אונ האבן אן גנומן
שמעון הט שמעון אגישריי גטאן הט מען דם גשריי גהערט אין פיל גאסן זענין
דיא זיבציג גבורים אנטלאפען גוואורן אונ עס איז מער ניט איבר גבליבן אין
שטוב נאר יוסף מיט זיין זון מנשה אונ ווי מנשה האט דר זעהן דיא גבורה פון
שמעון הט אין מנשה זייער גגרומט דר צארן אונ איז אוף גשטאנן אונ הט מיטן
פוסט דער לאנגט אזעץ איבר דעם ריקן פון שמעון איז שמעון גשטולט גוואורן
אונ מנשה האט גבונדן שמעון אונ האט אים גבראכט אין דר תפיסה אונ אלי
קינדר פון יעקב האבן זיך פר וואונדרט אוף דער גבורה פון מנשה האט שמעון
גזאגט צו זייני ברודר דם שלאגן שיינט פון אונזר פאטרם הוז גזונד . אונ דער
נאך הט יוסף גבאטין אז מזאל אן שיטן זייערי זעק מיט קארן אונ דאס געלד
פאר דעם קארן זאל מען אוך אריין לייגן אין זייערי זעק אונ מזאל זיי מיט געבן
שפייז אופן וועג . אונ יוסף האט זייא אן גזאגט למען השם אז איר זאלט מיט
ברענגן אייער יונגסטן ברודר צו מיר . אונ זענין דער נאך אוועק גגאנגן צום
לאנד כנען צו זייער פאטר . אונ ווי זיי זענין גקומן אוף איין הארבריג הט לוי
אוף געפינט זיין זאק הט ער גפונן אין זאק דם געלד וואס זיי האבן אפ גוואגן צו
יוסף פר דעם קארן . האבן זיי אלי זיך זייער דר שראקן אונ האבן גזאגט וואס
איז דם וואס גאט הט צו אונז גטאן אונ אצונד וועט מען אין מצרים אוף אונז
מאכן גרוסי בלבולים . אונ ווי זיי זענין גקומן צו דעם פאטר איז דר פאטר ארוס
גגאנגן אקעגין זיי הט ער דר זעהן אז זיין זון שמעון איז ניט פר האנדן מיט זיי
הט יעקב גזאגט צו זיי ווי איז אייער ברודר שמעון וואס איך זעה אים ניט האבן
די קינדר אים דר ציילט וואס עס הט זיך זיי גטראפן . אונ ווי זיי זענין גקומן
אין זייערי הייזר אריין האבן זיי געפינט זייערי זעק האבן זיי דר זעהן אז דם
גאנצי געלד איז פאר האנדן בייא זייא האבן זיי אונ אוך זייער פאטר זיך זייער
נפארכטן . אונ יעקב הט צו זיי גזאגט וואס איז דם וואס איר הט צו מיר גטאן האב
איך צו אייך גשוקט מיין זון יוסף ער זאל זעהן דם פרייד פון אייך הט איר מיר
גזאגט חיה רעה הט אים אוף געגעסין איז שמעון גגאנגן מיט אייך קופן קארן
ענפרט איר אז דר שני למלך הט אים גבונדן אונ הט אים אין דר תפיסה אריין
גזעצט אונ אצונד ווילט איר נאך נעמן בנימין כדי איר זאלט אים אוך טייטן
אונ איר וועט מאכן נידרין מיין גרייזקייט אין גריב אריין איבר בנימין אונ יוסף
אונ אצונד זאג איך אייך אז מיין זון בנימין וועט ניט גיין מיט אייך דען זיין
ברודר איז גשטארבן אונ ער אליין איז מיר איבר גבליבן אונ אוב ער וועט

זיין מיט אייך ווערט זיך אים אויך טרעפן אזו ווי צו זיין ברודר הט זיך גטראפן
האט ראובן גזאגט צום פאטר גיב אויף מיר בנימין אונ אוב איך וועל ניט אפ
ברענגן בנימין צו דיר זאלסטו טייטן מייני צווייא זון . אונ דר הונגר איז גווארן
אלי מאל גרעסר אונ אלי מענטשן פון דעם לאנד כנען פלעגין גיין קיין מצרים
קויפן קארן אונ דר קארן וואס די קינדר פון יעקב האבן גבראכט פון מצרים הט
גדוערט צוויי חדשים מיט עטליכי טעג אונ ווייא דר קארן איז אויס גגאנגן זענין
זיי גווארן הונגריג איז גקומן דאס הויז גזונד פון יעקב צו יעקב אונ האבן אים
ארום גרונגילט אונ האבן גזאגט צו אים גיב אונז עסין פאר וואס זאלן מיר דא
שטארבן פר דייני אויגן אונ וויא יעקב הט גהערט דיא רייד פון די קלייני קינדר
הט ער גוויינט אגרוס גוויין אונ הט זיך זייער דר בארומט איבר זייא אונ האט
גרופן זייני גרוסי קינדר זענין זיי גקומן אונ האבן זיך גזעצט פר אים הט יעקב
צו זייא גזאגט זעהט איר דען ניט אז דיא קלייני קינדר וויינען אונ זענין הונגריג
אונ פאר וואס גייט איר ניט קויפן קארן האט יהודה געענטפערט אונ גזאגט צום
פאטר וועסטו שיקן מיט אונז דיין זון בנימין וועלן מיר גיין קיין מצרים נאך
קארן אונ אוב דו וועסט ניט שיקן מיט אונז דיין זון בנימין וועלן מיר ניט גיין
קיין מצרים דען דר שני למלך הט אונז אן גזאגט אז מיר זאלן ניט קומן אן אים .
אונ אצונד ליבר פאטר שיק מיט אונז אונזר ברודר בנימין וועלן מיר גיין קיין
מצרים נאך קארן אונ מיר וועלן ניט אום שטארבן פאר גרוס הונגר אונ אוב
איך וועל דיר ניט צוריק ברענגן דיין זון בנימין זאל איך זיין זינדיג צו דיר אלי
טעג הט יעקב גזאגט צו זייני קינדר איך וועל מיך פר זיכרין אין גאט ער וועט
אייך מציל זיין אונ ער וועט אייך געבן חן אין די אויגן פון דעם שני למלך אונ
אויך ביי אלי זייני מענטשן אונ אצונד שטייט אויף אונ נעמט אמתנה וואס עס
גפונט זיך אין דאזיגן לאנד אונ ברענגט עס פאר אים אונ דר אלמעכטיגר גאט
זאל אייך געבן צו איין דר בארומקייט פר אים אונ ער זאל מיט אייך מיט שיקן
בנימין מיט שמעון אייער ברודר אונ די קינדר פון יעקב זענין אויף גשטאנען אונ
האבן גנומן זייער ברודר בנימין אונ פון דעם בעסטן גווערץ פון דעם לאנד
כנען אונ אויך פיל זילבר אונ יעקב הט אן גזאגט צו זייני קינדר אז זיי זאלן אפ
היטן בנימין אויפן וועג אונ זייא זאלן זיך ניט אפ שיידן פון אים אויפן וועג אונ
אויך אין מצרים . אונ יעקב איז אויף גשטאנען אונ הט פר שפרייט זייני הענד צו
גאט תפלה צו טוען אונ הט גזאגט גאט מיין גאט וואס דו ביסט דר גאט פון דעם
הימל אונ פון דר ערד גדענק דס זיכרהייט וואס דו האסט פר זיכרט צו מיין עלטר
פאטר אברהם אונ אויך צו מיין פאטר יצחק אז דו זאלסט טאן גנאד צו מייני
קינדר אונ זאלסט זיי ניט איבר ענטפערין אין די הענד פון די מצרים גאט טוא
דס פון וועגין דיין דר בארומקייט אונ זיי זיי מציל פון די מצרים . אונ דס הויז
גזונד פון יעקב האבן אויך אויף גהובן זייערי אויגן צוא גאט אונ האבן גוויינט
אונ גשרוגן אז גאט זאל מציל זיין זייערי עלטרין פון דיא הענד פון מצרים .
אונ יעקב הט גשריבן אבריף צום שני למלך פון מצרים אונ האט דעם בריף
גגעבן צו יהודה מיט זייני ברודר . אין דעם בריף איז אזו גשטאנען גשריבן פון
מיר דיין קנעכט יעקב דר זון פון יצחק אונ מיין פאטר יצחק איז דער זון פון

אברהם העברי שרייב איך פריד צו דעם בערימטן שליט וואס ער איז שטארק
אונ מעכטיג אונ קלוג. דר האר ווייסט אז דר הונגר הט זיך זייער גשטארקט
אין לאנד כנען האב איך גשוקט מייני קינדר אז זייא זאלן גיין קופן קארן אין
מצרים אונ איך בין זייער אלט אונ איך קען שון גאר ניט זעהן מיט מייני אוגן
אונ איך וויין אלי טאג פר גאט אוף מיין זון יוסף דם ער איז פאר פאלן גוואָרן
פון מיר האב איך אן גזאגט צו מייני קינדר בשעת זייא וועלן קומן קיין מצרים
זאלן זיי ניט אריין גיין דורך איין טויער אונ אויך האב איך זייא אן גזאגט אז זייא
זאלן גיין זוכן מיין זון יוסף אין מצרים טאמר וועלן זיי אים גפונן אונ זיי האבן
גטאן ווי איך האב זיי אן גזאגט אצונד האסטו זיי גמאכט פר אום שפעהערס.
איך האב גהערט אז דר האר איז א גרוסר חכם אונ פאר וואס זאל ער ניט פאר
שטיין צו זעהן זיי אום שפעהערס אונ אוב ניין אונ אויך האב איך גהערט אז דר
האר הט פותר חלום גוועזן צו פרעה אונ הט אים מודיע גוועזן אז עס וועט זיין
א הונגר אונ פר וואס זאל ער ניט פר שטיין מיט זיין חכמה אז מייני קינדר זענין
ניט אום שפעהערס. אונ אצונד מיין האר שיק איך מיין יונגסטן זון אזוי וויא דוא
האסט בפולן צו מייני קינדר אונ איך בעט דיך זייער אז דו זאלסט טאן דייני
אויגן אוף מיין יונגסטן זון ביז ער וועט זיך אום קערין מיט פריד צוא מיר מיט
זייני ברודר אונ דו ווייסט וואל אונ האסט גהערט וואס אונזר גאט הט גטאן צו
ליב מיין עלטר פאטר אברהם אונ מיין פאטר יצחק אונ די גבורה פון גאט איז
תמיד מיט אונז אונ גאט הערט תמיד צו אונזרי תפלות אונ ער פר לאזט אונז
קיין מאל ניט אונ אוב מוועט שלעכטס טאן מייני קינדער וועל איך רופן צוא
גאט. אונ אצונד גייט מיין זון בנימין מיט זייני ברודר צו דיר בעט איך דיך אז
דוא זאלסט אים קיין שלעכטס ניט טאן אונ זאלסט אים אפ שיקן מיט זייני
ברודר צו מיר מיט פריד. אונ דר פר וועט גאט דיין גדולה אונ דיין כבוד פאר
גרעסערין. אונ אריכת ימים וברכה וועט ער דיר שענקין. אונ דיא קינדער
פון יעקב זענין אוף גישטאנען אונ האבן גינומן זייער ברודער בנימין אונ אויך
דיא מתנה אונ זענין גגאנגן קיין מצרים אונ וויא זייא זענין גקומן קיין מצרים
זענין זייא גיגאנגן צום שני למלך אונ האבן זיך גשטעלט פאר אים. אונ וויא
יוסף האט זיי דער זעהן מיט זיין ברודר בנימין הט ער זייא גגעבן שלום אונ הט
גבאטן אז מזאל זייא מאכן אמאל צייט אונ אז עס איז גוועזן מיטאג צייט האט
יוסף גשוקט אז מזאל ברענגין פאר אים בנימין. האבן דיא מענטשן וואס זענין
גוועזן אין שטוב בייא יוסף דער ציילט אז יעקבס קינדר האבן אפ גיגעבן דאס
געלד וואס זייא האבן גפונן אין דיא זעק האט יוסף געענטפערט צו דיא מענטשן
זאגט זייא לאזן זייא גאר קיין מורא ניט האבן דאס געלד איז ניט מיינס נייערט
זייער גאט האט זייא גגעבן דם געלד. אונ יוסף האט צו זיי אום גצוגן שמעון.
איז שמעון גקומן פאר דיא ברודר אונ האט גזאגט צו זייא דער שני למלך האט
גטאן צוא מיר פיל גוטס דען תיכף וויא איר זענט אוועק גיגאנגן פון מצרים
האט ער מיך אוף גבונדען אונ האט מיך ארויס גנומען פון דער תפיסה. אונ
יהודה האט אן גנומן זיין ברודר בנימין אונ האט אים גבראכט פר יוסף אונ
יהודה מיט בנימין האבען זיך גיבוקט צו אים אונ דער נאך האבען זייא אים

גגעבן

גגעבן דיא מתנה וואס זייא האבן גבראכט פון דעם פאטר אונ יוסף הט גזאגט צו זייא איז פריד צו אייערי קינדר איז פריד צוא אייער פאטר האבן זייא אים גענפערט עס איז צוא אלי פריד · אונ יהודה האט ארוס גנומן דעם בריף אונ האט גגעבן צו יוסף אין דר האנד אונ יוסף הט איבר גליינט דעם בריף הט ער דר קענט אז דס כתב איז פון זיין פאטר האט יוסף זיך ניט גקענט אוף האלטן אונ איז גגאנגן אין אחדר אריין אונ האט גוויינט אגרוס גוויין אונ בנימין האט גגעהנט צוא יוסף האט יוסף ארוף גלייגט זיין האנד אוף בנימינס קאפ אונ האט גזאגט גאט זאל דיך לייט זעליגן · אונ יוסף האט גזאגט אז מזאל לייגען ברוט צום טיש · אונ יוסף האט גהאלטן אבעכר אין דער האנד וואס ער האט מיט אים גיטרונקן אונ דער בעכר איז גוועזן פון זילבר אונ עס איז גוועזן אריין גזעצט אין דעם בעכר זייער טייערי שטיינדליך אונ יוסף האט אזעך גטאן מיטן בעכר אין זיין האנד בשעת זיי האבן זיך גזעצט עסן הט יוסף גזאגט צו דיא ברודר איך וויס וואל מיט דעם בעכר אז ראובן איז דער בכור אונ שמעון אונ לוי אונ יהודה אונ יששכר אונ זבולון זענין פון איין מוטר זעצט אייך וויא עטין זענט גבוירן גוואורן · אונ דיא איבריגי האט ער אויך גזעצט אזו וויא זייא זענין גבוירן גוואורן · אונ אזו אלי כסדר אזו וויא זייא זענין גבוירן גוואורן · אונ ער האט גזאגט אייער קליינר ברודער האט ניט קיין ברודר פון זיין מוטר אונ איך האב אויך ניט קיין ברודער פון מיין מוטער לאז ער זיך זעצין מיט מיר עסין · איז בנימין אוף גגאנגן צו יוסף אונ האט זיך גזעצט מיט יוסף אוף דער שטול אונ דיא ברודר פון יוסף האבן זיך פר וואונדרט דרוף אונ זיי האבן גגעסן מיט יוסף אין דר זעלבר צייט אונ יוסף האט זיי גגעבן צו איטליכן פון זייני ברודר אמתנה אונ צוא בנימין האט ער מער גגעבן אמתנה אונ אפרים אונ מנשה אונ אסנת דס ווייב פון יוסף האבן אויך גגעבן איטליכר בזונדר צו בנימין אמתנה · האט בנימין גהאט פינף מתנות אונ יוסף הט זיי גגעבן וויין אז זיי זאלן טרונקן האבן זייא ניט גוואלט טרונקן אונ האבן גזאגט זינט יוסף איז פר פאלין גוואורן טרונקען מיר ניט קיין וויין אונ מיר עסין ניט קיין גוט עסין · האט יוסף זייא בשווארן אונ האט זיך גשטארקט אוף זייא האבן זייא גמוזט טרונקן וויין אונ האבן מיט אים גטרונקן דעם גאנצן טאג :

אונ דער נאך הט יוסף גפרעגט צוא בנימין האסטו עפיס קינדר האט בנימין געענטפרט איך האב צעהן קינדער אונ זייא הייסן בלע אונ בכר אונ אשבל אונ גרא אונ נעמן אונ אחי אונ ראש אונ מופים אונ חופים אונ ארד איך האב זייא אלי גרופן אוף דעם טרעפונג וואס עס הט זיך גטראפן צו מיין ברודער יוסף · אונ יוסף האט גזאגט צוא בנימין איך בין דיין ברודער יוסף בייערט דו זאלסט ניט מגלה זיין דיא זאך צוא דייני ברודר איך וועל דיך מיט זייא אוועק שיקן אונ דער נאך וועל איך הייסן אז מזאל דיך ווידר קערין מיט דייני ברודר קיין מצרים אונ איך וועל דיך אוועק נעמן פון זיי וועל איך זעהן אוב זייא וועלן מלחמה האלטן מיט מיר פאר ווס איך האב דיך צו גנומן פון זיי וועל איך וויסן אז זייא האבן חרטה אוף דעם ווס זיי האבן מיר גטאן אונ דר נאך וועל איך זיך צו זייא דר קענן אונ אוב זיי וועלן דיך פר לאזין ווען דו וועסטו זיצן

דא אונ זיי וועל איך אוועק שיקן אונ וועל מיך ניט דער קענן . אונ יוסף הט גהייסן אז מזאל ווייטער דאס געלד אריין טאן אין זאק אונ דעם גוטען בעכר זאל מען אריין לייגן אין דעם זאק פון בנימין אונ מזאל מיט געבין עפייז אופן וועג אונ וויא עס איז גקומן אופן אנדרין טאג אין דער פריא זענין דיא ברודר פון יוסף אוף גשטאנן אונ האבן ארוף גלייגט זייערי זעק אוף דיא אייזלין אונ האבן גנומן זייער ברודר בנימין אונ זענין אוועק גגאנגן זייער וועג צום לאנד כנען אונ ווי זיי זענין ניט גוועזן ווייט פון מצרים האט יוסף גזאגט צו זיין הוף מיינסטער איל אונ גייא גיך צו דיא עליף מענטשן וואס זענין ניט לאנג אוועק גגאנגן . אונ זאלסט זאגן צו זיי נאך וואס זייא האבן גגנבית דעם גוטן בעכר פון דעם שני למלך אונ דער הוף מיינסטער איז אוף גישטאנן אונ איז זייא נאך גלאפן אונ הט זיי גחאפט אונ האט צו זייא גזאגט אזו וויא יוסף האט אים אן גזאגט . אונ וויא זייא האבן דר הערט דיא דאזיגי רייד האט דר צארן גגרומט אין זייא אונ האבן גזאגט צום הוף מיינסטער ביי וועמן מועט גפונן דעם בעכר דער זאל ווערין גטייט אונ מיר אלי זאלן זיין קנעכט צום שני למלך אונ זייא האבין גיזוכט אין אלי זעק האט מען גפונן דעם בעכר אין דעם זאק פון זייער ברודר בנימין . אונ וויא דיא ברודר האבן דער זעהן אז מען האט גפונן דעם בעכר אין דעם זאק פון בנימין האבן זייא צו ריסן זייערי קליידר אונ האבן זיך אום גיקערט קיין מצרים . אונ בשעת זייא זענין גגאנגן אופן וועג האבן זייא גשלאגן זייער ברודר בנימין ביז זיי זענין גקומן קיין מצרים . אונ וויא זיי זענין גקומן קיין מצרים זענין זייא תיכף גגאנגן צוא יוסף אונ האבין זיך פאר אים גשטעלט אונ דר צארן האט זייער גגרומט אין יהודה אונ האט גזאגט צוא אים אזו וויא גאט לעבט אז דם וום דו האסט אונז אום גקערט קיין מצרים איז נאר כדי מיר זאלן פר וויסטן די שטאט מצרים . אונ יוסף איז גזעסן אוף דר שטול אונ זייני גבורים זענין גשטאנן לעבן אים אונ ער הט גזאגט פאר ווס הט איר בייא מיר אוועק גגנבית דעם גוטען בעכער אונ איר זענט מיט אים אוועק גגאנגן ניי ערט איך . ווייס וואל נאך וואס איר האט גגנבית דעם בעכר כדי איר זאלט מיט אים קענין דר גיין וויא אייער ברודר יוסף איז . הט יהודה גזאגט צו אים ווס זאלן מיר זיך גרעכט מאכן אז גאט צערינט הייגט אוף אונז דרום הט ער אונז דם צו גשוקט . אונ יוסף איז אוף גשטאנן פון דער שטול אונ איז צוא זייא צו גגאנגן אונ הט מיט גוואלד צו גנומן פון זייא בנימין אונ הט אים אריין גזעצט אין אבאזונדר חדר אריין אונ האט פר שלאסן פר זיי די טיר אונ האט גזאגט צו זיין הוף מיינסטער אז ער זאל זאגן צו זייני ברודר אז זיי זאלן אהיים גיין מיט פריד צו זייער פאטר אונ בייא וועמן דער בעכר איז גוועזן דעם האט דער שני למלך צוא גינומן פאר אקנעכט : דער הוף מיינסטער האט אזו גטאן :

פרשת ויגש

אונ וויא יהודה האט דער זעהן ווס דר שני למלך האט גטאן צו זייא האט ער גנעהנט צו יוסף אונ הט גזאגט איך בעט דעם האר אז ער זאל צו הערין וואס דער קנעכט וועט רידן . האט יוסף אים גענטפרט רעד אונ איך וועל צו

הערין

הערין . האט יהודה צוא אים גזאגט פאר וואר בשעת אז מיר זענין גקומן צום ערשטען קופן קארין בייא דיר האסטו אונז גימאכט פאר אוים שפעהערס האסט אונז גהייסן ברענגין אונזר יונגסטען ברודער האבין מיר אים גבראכט צוא דיר אונ אצונד מאכסטו ווייטער אבלבול אוף אונז אצונד בעט איך דעם האר אז ער זאל אונז אום קערין אונזער ברודער אונ מיר וועלין גיין מיט פריד צו אונזר פאטר אונ אויב ניט וועלן מיר פר וויסטן מצרים ׃ הט יוסף געענטפערט צו יהודה ווס עפינסטו דיין בהייט מול אונ רעדסט אן אונטרטעניקייט דא שוור איך אז וויא פרעה לעבט אז איך וועל הייסן אז מייני גבורים זאלין מלחמה האלטען מיט אייך וועסטו מיט דייני ברודער דער טרונקען ווערין אין זייער שפייעכץ וואס איטליכר פון זיי וועט אשפייא טאן . הט יהודה ווייטר גזאגט צוא יוסף גאט איז איין עדות אז איך וויל ניט מלחמה האלטען מיט דיר אונ איך בעט אז דוא זאלסט אפ געבן אונזר ברודער אונ מיר וועלין אוועק גיין . האט יוסף ווייטר געענטפערט צו אים איך האב דיר שון לאנג גזאגט אפילו דוא וועסט קומן מיט אלי שרים פון כנען וועסטו בייא מיר ניט אפ נעמין דיין ברודר אונ יוסף האט אן גהובן צו ריידן אונ הט גזאגט יוסף יוסף קום וועסטו זיך זעהן מיט דייני ברודר אונ וויא יוכף האט אזו גזאגט האבן זיך דיא ברודר ארום גקוקט אהין אונ אהער צו זעהן פון וואנן יוסף וועט אן קומן הט יוסף צו זיי גזאגט נאך ווס בדארפט איר קוקן אהין אונ אהער פר וואר איך בין יוסף ווס איר הט מיך פר קופט קיין מצרים אונ אצונד לאז אייך ניט באנק טאן אונ אייערי אוגן ווס איר הט מיך פר קופט דען צו איין דער נערונג הט גאט מיך אהער גשוקט אונ ווי זיי האבן דס דר הערט זענין זיי דער שראקן גוואורן אונ יהודה איז נאך מיין דר שראקן גוואורן אונ ווי בנימין הט דר הערט די דאזיגע רייד איז בנימין צו גלאפן צו יוסף אונ הט אים גהאלזט אונ הט גוויינט . אונ וויא דיא ברודר האבן דס דר זעהן זענין זיי אוך גפאלן אוף יוספס האלז אונ האבן אוך גוויינט אגרוס גוויין . אונ די זאך איז גיהערט גווארן אונ דעם הוז פון פרעה אז די לייט זענין די ברודר פון יוסף איז אים זייער וואל גפעלן די זאך אונ פרעה הט גשוקט זייני קנעכט צו יוסף אז זיי זאלן זיך פרייען מיט יוספס ברודר אונ אוך הט ער גשוקט צו יוסף אז ער זאל זאגן זייני ברודר אז זייא זאלן אלדונג ברענגן קיין מצרים אונ אוך זאל יוסף געבן צו זייני ברודר גרוסי מתנות אונ זאל איטליכן אן קליידן פייני קליידר אונ זאל געבן צו איטלעכן דרייא הונדרט שטוק זילבר אונ יוסף הט זיי גהייסן אן טאן די גוטע קליידר אונ הט זיי גבראכט פר פרעה אונ ווי פרעה הט דר זעהן די ברודר פון יוסף אז זיי זענן אלי גרוסע גבורים אונ זענן שייני מענטשן הט ער זיך דרופ זייער גפרייד . אונ דער נאך זענין זיי אוועק גגאנגן פון פרעה צוא גיין צום לאנד כנען צו זייער פאטר אונ בנימין איז אוך גוועזן מיט זיי איז יוסף אוף גשטאנן אונ הט זיי געגעבן דעם רייט וואגן ווס ער הט גרוטן בשעת ער איז גווארין אשני למלך אין מצרים אז דר פאטר זאל קומן אוף אים קיין מצרים . אונ יוסף האט גשוקט קליידר צו אלע קינדר פון זייני ברודר אונ אוך הונדערט שטוק זילבר צו איטליכן פון זיי אונ צו די ווייבר פון זייני ברודר הט ער גשוקט ווייבערשי קליידר אונ אוך בשמים

אונ גוועריץ אונ צו איטליכן ברודר הט ער געגעבן קנעכט אז מען זאל זיי בדינן אונ זאלן פירן זייער פר מעג קיין מצרים . אונ צו די קינדר פון בנימין הט ער גשוקט צווי פאר קליידר אונ אוך צעהן רייט וועגן אונ זיין פאטר הט ער אוך גשוקט צעהן איזלן אונ די איזלן האבן גטראגן נאך דם בעסטי פון מצרים אונ הט נאך גשוקט אלערליי עסין שפייז . אונ צו זיין שוועסטר דינה הט ער גשוקט גאלד אונ זילבר אונ אלערליי גוועריץ אונ אוך זילברנע אונ גלדעני קליידר אונ הט אוך געגעבן צו די ברודר אונ אוך צו די ברודרס ווייבר זייער פיל אבנים טובות אונ ער הט זיי באלייט אונ הט זיי אן גזאגט אז זיי זאלן קומן קיין מצרים אונ הט זיי אוך אן גזאגט אז זיי זאלן זיך ניט קריגן אופן וועג דען עס איז אלדונג גיוועזן פון גאט כדי איך זאל מאכן דער נערן אלע מענטשן ווארום עס וועט נאך זיין פינף יאר הונגר אונ הט זיי אן גזאגט בשעת איר וועט אן קומן צום לאנד כנען זאלט איר ניט קומן פלוצלונג צו פארן פאטר נאר עס זאל זיין מיט חכמה . אונ הט פאר לענד פון צו גיביטן אונ הט זיך אום גקערט קיין מצרים די ברודר זענן אוועק גיגאנגן צום לאנד כנען מיט שמחה צו זייער פאטר יעקב ווי זיא זענן גקומן ניט וייט פון לאנד כנען האבין זיי איין עצה גהאלטין וויא אזו זיי זאלין טאן דר וייל איז סרח די טאכטר פון אשר גיגאנגין זיי אקייגין אונ סרח איז גוועזן זייער שיין אונ אגרוסע חכמה אונ האט גקענט שפילן אוף איין הארף האבין זיי זיא גרופן איז זיא גקומין צו זיי אונ האבין זיא גשוקט אונ האבן איר געגעבן איין הארף אז זיא זאל גיין פאר זייער פאטר יעקב אונ זאל שפילין אונ זאל אזו אונ אזו זאגין . אונ סרח הט גאיילט אונ איז גקומן אונ האט זיך גזעצט פר יעקב אונ האט גשפילט אונ הט גזאגט מיין פעטר יוסף לעבט אונ איז אשני למלך אין לאנד מצרים אונ איז ניט גשטארבין אונ זיא הט נאך גטערט צו שפילין אונ הט אלץ אזו גזאגט אונ וויא יעקב הט דם דער הערט איז אונ אים גקומין איין דער פרייאונג אין זיין הארץ פון דעם זיסקייט פון אירע רייד אונ דר רוח הקודש הט אן גהובן צו רוען אוף אים הט ער גוויסט דם אלע אירע רייד זענין אמת הט יעקב זיא גבענטשט אונ הט צו איר גזאגט דר פר זאלסטו אייביג לעבין דר וייל דו האסט דר קוויקט מיין לייב נייערט שפיל נאך האט זיא ווייטער גשפילט אונ האט גזונגין מיין פעטר יוסף לעבט אונ איז אשליט אין מצרים אונ איז ניט גשטארבין . אונ יעקב הט צו גהערט די דאזיגי רייד הט ער זיך זייער גפרייד דר וייל ווי יעקב הט גרעד מיט סרח זענין אן גקומין זייני קינדר מיט פערד אונ מיט רייט וועגין אונ מיט שיינע קליידר אונ קנעכט לופין פאר זיי אונ וויא יעקב איז אוף גשטאנין אונ האט גזעהן אז זייני קינדר זענין שיין בקלייד אונ הט גיזעהן דאס גוטס וואס זיין זון הט גשוקט אונ דיא קינדר האבין אים דר ציילט אז יוסף לעבט אונ איז אשני למלך אונ מצרים אונ אזו אונ אזו הט ער צו אונז גזאגט אבר יעקב הט ניט גוואלט דרוף גלייבין ביז זיי האבן אים גזאגט דיא סימנים וואס יוסף הט זיי אן גזאגט האט ער גגלייבט אז זיי זאגין אמת . אונ יעקב האט זיך גיפרייד אונ הט גזאגט אז מיין זון יוסף לעבט לאס איך אים זעהן איידער איך וועל שטארבין . אונ יעקב האט אן גטאן די קליידר וואס יוסף הט אים גשוקט אונ הט זיך אפ גגאלט אונ

הט אן גטאן דם היטעל וואס יוסף הט אים גשוקט אונ גאר דם הוז גזונד פון
יעקב האבין זיך אן גטאן די קליידר וואס יוסף הט זיי גשוקט אונ אלי האבין
זיך זייער גיפרייד אוף דעם וואס יוסף לעבט נאך אונ איז אשני למלך אין
מצרים . אונ וויא אלי זיצערם פון כנען האבן דס דר הערט זענין זיי אלי גקומן
אונ האבין זיך גיפרייד מיט יעקבס קינדר אונ יעקב הט גמאכט אגרוסי סעודה
אונ דיא סעודה האט גדוערט דרייא טעג אונ אלע הארין פון כנען האבין זיך
גיפרייד מיט אים אונ נאך דעם האט יעקב גיזאגט איך וועל גיין זעהן מיין זון
אין מצרים אונ דער נאך וועל איך מיך אום קערן צום לאנד כנען אזו וויא
גאט הט גזאגט מיין עלטער פאטר אברהם דען איך קען ניט פר לאזן דם לאנד
פון גבארן ווערין דר וייל הט גאט זיך באוויזן צו יעקב אונ הט צו אים גזאגט
שטייא אוף אונ נידר קיין מצרים מיט דיין הוז גזונד אונ זאלסט דארטין זיצין
אונ זאלסט זיך גאר ניט פארכטין דען איך וועל דיך דארטין מאכין צוא אגרוס
פאלק אונ יעקב הט זיך גיטראכט אין דעם הארצין איך וועל גיין זעהן מיין זון
יוסף אין מצרים אוב ער איז נאך פרום אונ איז גאטס פארכטיג הט גאט צוא
אים גיזאגט פארכט דיך ניט דר מיט פאר אים דען ער איז גאנץ פרום אקעגין
מיר . הט יעקב זיך דרוף זייער גפרייד . אין דר זעלבר צייט הט יעקב גבאטן
זיין הוז גיזונד אז מען זאל גיין קיין מצרים אזו וויא גאט האט גהייסין . אונ
יעקב מיט זייני קינדער אונ זיין הוז גזונד זענין אוף גשטאנין מיט פרייד אונ
זענין גגאנגן קיין מצרים . אונ וויא זייא זענין גקומן ניט וייט פון מצרים האט
יעקב גישוקט זיין זון יהודה צוא זיין זון יוסף ער זאל אים געבין איין באווצונג
אין מצרים . האט יהודה אזו גיטאן אונ האט גיאיילט אונ איז גקומן צוא יוסף
האט יוסף גזאגט אז זייא זאלין זיך בזעצין אין לאנד גשן . אונ יהודה האט
זיך אום גיקערט צום פאטר . אונ יוסף האט אליין איין גשפאנט זיין רייט וואגין
אונ הט איין גזאמלט אלי גבורים אונ שררות אונ אלי זייני קנעכט אז זיי זאלין
גיין אקעגין זיין פאטר . אונ וויא עס איז גקומן אופין אנדערין טאג איז יוסף
גיגאנגן אקיין זיין פאטער יעקב מיט אלי איין וואנר פון מצרים אונ אוך מיט
גאר זיין חיל אונ אלי זענין גוועזן אן גקלייד אונ ליינין אין רוטי וואל אונ האבן
מיט גטראגין גאלד אונ זילבר אונ זענין גוועזן אן גגארט מיט אלירלייא כלי זיין
אונ האבין גישפילט מיט אלערליי טראמייטן אונ פייפלין אונ פוקין אונ האבין
גיטאנצט אונ האבן גווארפין אופין וועג אלירלייא גיווערץ אונ דיא ערד האט
גיציטערט מחמת זייער קול אונ אלי ווייבר פון מצרים זענין ארוף גגאנגין אוף
דיא דעכר פון דיא מוערין אונ האבין אוך גשפילט אוף אלי מיני כלי זמר אונ
האבין גיטאנצט . אונ יוסף איז גגאנגין אן גטאן די קרון פון פרעה דען פרעה
האט אים גשיקט דיא קרון ער זאל גיין אן גיטאן ווען ער וועט גיין אקיגן זיין
פאטר . אונ וויא יוסף איז גקומן ניט וייט פון דעם פאטר אזו ווי פופציג איילן
הט יוסף אראפ גנידרט פון דעם רייט וואגן אונ איז גגאנגין צו פוס אונ אוך
אלי שררות זענין מיט יוסף גגאנגין צוא פוס אונ וויא יעקב איז גקומן נאהונט
צוא דער מחנה פון יוסף האט יעקב אקוק גטאן אוף יוסף איז אים יוסף זייער
גפעלין הט יעקב גיזאגט צו יהודה ווער איז דר וואס גייט אן גטאן זייער אשייני

קרון

קרון אונ מלכות קליידר אונ הט אראפ גנידרט פון זיין רייט וואגן אונ גייט צו
פים אקעגין אונז האט יהודה געענטפרט צו אים דס איז דיין זון יוסף וואס ער
איז דר שני למלך פון מצרים . הט יעקב זיך זייער גפרייד אז ער הט דר זעהן
דעם כבוד פון זיין זון יוסף . אונ וויא יוסף איז גקומן נאהונט צום פאטר האט
ער זיך גבוקט צו אים הט יעקב גאיילט אונ איז צוא גלאפן צו זיין זון אונ איז
גפאלין אויף זיין האלז אונ הט אים גקושט אונ גוויינט . אונ יוסף האט אים אויך
גקושט אונ האט גוויינט אונ אלי קינדר פון יעקב האבען גוויינט מיט יוסף .
אונ יעקב מיט זייני קינדער אונ זיין הויז גיזונד זענין גיקומין קיין מצרים אונ
יוסף האט זייא באזעצט אין לאנד גושן אונ יוסף הט גנומין זייני ברודר ראובן
אונ יששכר אונ זבולון אונ בנימין אונ הט זייא גשטעלט פר פרעה אונ יוסף
האט גזאגט צו פרעה מיין פאטער אונ מיינע ברודער אונ זיין הויז גיזונד אונ
זייערי רונדר אונ שאף זענין גקומן צו מיר מחמת דר הונגר האט זיך אויף זייא
גשטארקט הט פרעה אים געענטפרט דו מעגסט זייא בזעצן ווי דו ווילסט האט
יוסף צו אים גזאגט איך האב זיי בזעצט אין לאנד גושן דען זייא האבין זייער
פיל שאף דרום האב איך זייא בזעצט דארט כדי זאלין ויידין זייערי שאף
אונ די מענטשן פון מצרים זאלן זייא ניט זעהן הט פרעה גזאגט צו יוסף וואס
דייני ברודער וועלין בגערין פון דיר זאלסטו טאן צו זייא . אונ דער נאך האט
יוסף גבראכט זיין פאטר פאר פרעה האט יעקב זיך גבוקט צו פרעה אונ האט
אים גבענטשט אונ איז אוועק גגאנגין פון אים אונ יעקב מיט זייני קינדר האבן
זיך בזעצט אין לאנד גושן אונ אלי איין וואנער פון מצרים האבן פאר קופט
צו יוסף זייערי פעלדער אונ זייערי בהמות אונ אלדונג וואס זייא האבין גהאט
כדי ער זאל זייא געבין קארין . אונ יוסף האט אן גקליבן זייער פיל גאלד אונ
זילבר אונ אלערליי אבנים טובות אונ האט אקליין טייל געבן צו זייני ברודר
אונ אויך צום הויז גזונד פון דעם פאטר אונ דם גרעסטי טייל הט ער אפ גגעבן
צו פרעה אונ ווי עס איז גגאנגן די זיבן יאר פון דעם הונגר הט מען אן גהובן
צו זייען אונ שניידין אזוי וויא עס איז גוועזן פר דעם הונגר אונ יוסף איז גזעסין
אין מצרים גאר זיכערליך אונ דאס גאנצי לאנד הט צו גהערט וואס יוסף האט
גזאגט אונ יעקב מיט זייני קינדער זענין גזעסין אין לאנד גושן אונ יעקב איז
גווארן זייער אלט אונ אפרים אונ מנשה די קינדר פון יוסף זענין גזעסין תמיד
ביי זייער עלטר פאטר יעקב צו לערנין דעם וועג פון גאט . אונ דם הויז גזונד
פון יעקב הט זיך זייער גימערט אין לאנד גושן :

פרשת ויחי

ויחי אונ יעקב האט גילעבט אין לאנד מצרים זיבעצן יאר אונ יעקב איז
דענסטמאל אלט גיוועזן הונדערט אונ זיבין אונ פערציג יאר . אונ דער
זעלבר צייט איז יעקב שלאף גווארין אונ הט גהייסין אז מען זאל רופין זיין זון
יוסף פון מצרים איז יוסף גקומין צוא אים . האט יעקב גזאגט צוא זיין זון יוסף
אונ צו זייני קינדר איך וועל שטארבין אונ גאט וועט אייך גידענקין אונ וועט
אייך ווידר קערין צום לאנד כנען אזו ווי גאט הט גשווארן אז ער וועט געבין

דאס לאנד צוא אייך אונ אוך צוא אייערי קינדער . אונ אצונד אז איך וועל
שטארבן זאלט איר מיך בגראבן אין דער מערת המכפלה ווס איז אונ חברון .
אונ יעקב הט בשווארן זייני קינדר אז זייא זאלין אים טראגין צו דער מערת
המכפלה . אונ יעקב הט ווייטר אן גזאגט זייני קינדער אז איך וועל שטארבין
זאלט איר אליין מיך טראגין פון מצרים צו דער מערת המכפלה אבר אייערי
קינדר זאלין מיך ניט טראגין . אונ בשעת טראגן זאל אזו זיין . יהודה יששכר
זבולון זאלין טראגין אונ מזרח זייט פון דר מטה ראובן שמעון גד זאלן טראגן
אין דרום זייט אפרים מנשה בנימין זאלן טראגן פון מערב זייט דן אשר נפתלי
זאלן טראגין פון צפון זייט אונ לוי זאל ניט טראגן ווייל זייני קינדר וועלן טראגן
דעם ארון מיט דיא לוחות פון גאט . אונ יוסף זאל ניט טראגין ווייל ער איז
אמלך נאר אפרים אונ מנשה זאלן אין שטאט זייא טראגען אונ איר זאלט ניט
משנה זיין מייני רייד וועט גאט אייך גדענקן צו גוטן אונ יעקב הט אוף געהערט
צו רעדין אונ איז גשטארבין אונ יוסף מיט דעם הויז גיזונד פון יעקב אונ אלי
מצרים האבין אים באוויינט זיבציג טעג דער נאך זענין אלי גגאנגן בגראבין
זייער פאטר אין דער מערת המכפלה אונ אז זיי זענין אהין גקומן הט זיך עשו
זיי אקעגין גשטעלט אונ הט ניט גלאזט בגראבין אין דר מערת המכפלה הט
יוסף צו אים גיזאגט מיר האבין דאך דרויף אשטר מכירה מיט עדות גחתמית
הט עשו געענטפרט ברענגט דעם שטר מכירה וועלין מיר זעהן דעם אמת הט
יוסף גשוקט זיין ברודר נפתלי צו ברענגן דעם שטר מכירה אונ וויא מען הט
גברענגט דעם שטר מכירה הט מען יעקב אבינו קובר גוועזן מיט גרוס כבוד
אונ יוסף מיט זייני גבורים האבין זיך אום גיקערט קיין מצרים אונ יוסף איז
גזעסין אוף זיין שטול זיכערליך אונ זייני ברודער זענין גזעסין אין לאנד גושן
אונ האבין זיך שטארק גימערט אונ זענין גגאנגין אין גאטס וועג אזו וויא יעקב
האט זייא אן גזאגט :

פרשת שמות

ואלה אונ דאס זענין די נעמין פון יעקבס קינדר ווס זענין גקומן מיט אים קיין
מצרים די קינדר פון לאה האבן גהייסן ראובן שמעון לוי יהודה יששכר
זבולון אונ דינה זייער שוועסטער אונ דיא קינדר פון רחל האבין גיהייסן יוסף
ובנימין אונ דיא קינדר פון בלהה וזלפה האבין גהייסן דן ונפתלי גד ואשר אונ
יעקבס אייניקליך ווס זענין גבורין גווארין אין לאנד כנען אונ דיא קינדר פון
יוסף ווס זענין גבארין גווארן אונ מצרים זענין גוועזן זיבעציג נפשות אונ וויא
יוסף איז גשטארבין האבין די מצרים אן גהובן צו גיוועלטיגן איבר די ישראל
אונ די עלצטי פון דיא מצרים זענין גקומין אונ האבין זיך גבוקט צו פרעה אונ
האבין צוא אים אזו גיזאגט דיא ישראל זענין פול אונ שטארקער פון אונז אונ
אצונד גיב אונז איין עצה אז מען זאל זיי מאכן פר לירין איינציג ווייס דען מאמר
אז עס וועט זיך צו אונז טרעפין אמלחמה וועלן זיי אוך מלחמה האלטן מיט
אונז אונז צו פר טיליגין הט פרעה . געטפרט מיין עצה איז אזו דס לאנד פיתום
אונ בעמסס זענין ניט פעסט וועגין אמלחמה דריבער זאל מען אום רופין איז

גאנץ

גאנץ מצרים אז דר מלך הט גבאטן אז אלי מצרים אונ אלי ישראל זאלן בויען
אונ שטארקן די שטעט פון פיתום אונ רעמסס אונ מען וועט זיי בצאלין פון
דעם מלך אונ איר זאלט בצאלן די ישראל וואס וועלין קומן ארביטן יעדין טאג
אונ אז זיי וועלן שון קומן בויען פר געצאלט זאלט איר ביסליך וויים אוועק לויפן
פון זיי אונ איר זאלט ווערן איבר זיי בצווינגר אונ היטר אונ זיי וועלין שון מוזין
בויען אן געצאלט אונ איר זאלט זיך שטארקן איבר זיי אז זיי זאלן מוזן בויען אונ
דורך דעם מידיקייט פון דר ארביט וועלין די ישראל ווינציגר ווערין . איז דיא
עצה וואל געפעלין ביי די עלצטע פון מצרים אונ האבן אזו גטאן זענין גקומן די
מצרים אונ די ישראל צו בויען מיט די קנעכט פון פרעה אונ מען הט זיי בצאלט
אלי טאג נאר שבט לוי הט ניט געוואלט ארביטן . אונ אצייט ארום זענין אלי
מצרים אוועק פון דר ארביט נאר די ישראל אליין זענין איבר גבליבין אונ דיא
מצרים האבן מיט גיוואלד גארביט מיט ישראל שווערי ארביט מיט ליים אונ
ציגעל דיא ישראל האבן גרופן דעם מלך פון מצרים מרור וויל א נ זייני טעג
הט מען פר ביטערט זייער לעבן אונ מער די מצרים האבין גפייניגט די ישראל
האבין זיך די ישראל נאך מער גמערט . אונ איינר פון די יועצים וואס איז גוועזן
ביי דעם מלך ער הט געהייסן איוב הט גזאגט מיין עצה איז דר מלך זאל גוזר זיין
אז עס וועט געבארן ווערין צו דיא ישראל אזכר זאל מען אים טייטן מחמת דעם
וועלין זיי ווייניגר ווערן איז די עצה וואל געפעלן . אונ פרעה הט גלאזט רופן
די יודישי הייבינם אונ הט זיי אן גזאגט אז איר וועט מאכן גוויגן די יודישי ווייבר
זאלט איר זעהן אז עס וועט זיין אזכר זאלט איר אים טייטען אונ אנקבה זאל
בלייבן לעבן אבר די הייבינם האבן זיך גפארכטן פר גאט אונ האבן ניט גטאן
אזו ווי מען הט זיי אן גזאגט אונ האבן נאך גטאן אלי בדערפיניש פון די קינדר
מיט די גווינערונם הט דר מלך זיי גשוקט רופין אונ הט גזאגט צו זיי פר וואס
הט איר מיך ניט גפאלגט . האבין זיי געענטפערט דיא יודשע ווייבר זענין אליין
הייבינם הט פרעה זיי גגלייבט אונ גאט הט באגיטוגט צו די הייבינם אונ דיא
ישראל האבן זיך גמערט אונ גשטארקט . אונ איינער פון שבט לוי ער האט
געהייסן עמרם דר זון פון קהת דר זון פון לוי דר זון פון יעקב הט גנומן יוכבד די
טאכטר פון לוי פר אווייב אונ הט גווינן אטאכטר אונ מען הט זיא גרופן מרים
אונ די יוכבד הט גווינן אזון אונ מען הט אים גרופן אהרן . אונ דר נאך האט
דר מלך גזאגט צו בלעם וואס פר איין עצה גיסטו הט בלעם געענטפערט מיין עצה
איז אז מען זאל אריין ווארפן אין וואסר אריין אלי זייערי זכרים וואס וועלן געבורן
ווערן פון היינט אן . איז די עצה פון בלעם געפעלן דעם מלך מיט זייני הארן אונ
מען הט אזו גטאן אונ פון דעם טאג אן אונ ווייטר אז די יודישע ווייבר האבין
בדארפט האבן אקינד זענין זיי גגאנגן אין פעלד אריין אונ האבן דארטן גווינן
אונ פלעגין פאר לאזן זייערי קינדר אוף דעם פעלד אונ אליין פלעגין זייא גיין
אהיים . אבר גאט וואס הט צו גשווארן צו זייערי עלטרן אז ער זאל מערן זייערי
קינדר הט די קליינע קינדר דארך ווינדר גלאזט ערנערן אונ לעבן . אין דער
דאזיגר צייט איז גיוועזן דר רוח הקודש אוף מרים די שוועסטר פון אהרן אונ זיא
הט נביאות גזאגט אז עס וועט געבורן ווערין אזון צו מיין פאטר אונ ער וועט

העלפן די ישראל פון די מצרים . אונ יוכבד הט גוויננ דם קינד צו זיגן חדשים אונ בשעת דם קינד איז גבורן גוואורן איז די שטוב גוואורן פול מיט ליכטיקייט אזו ווי דם לעכט פון דר זון אונ ווי די מוטר הט דם געזעהן הט זיא אים בהאלטן דריי חדשים . איז פרעה דר פון גוואר גוואורן הט יוכבד גיך גנומין איר זון אונ הט גמאכט אקעסטיל פון פומסן האלץ אונ הט דם פר קלעבט מיט פעך אונ הט דרונן אריין גטאן דם קינד אונ הט עם אנידר גשטעלט ביי דעם בארטן פון טייך אונ זיין שוועסטר מרים הט זיך גשטעלט פון וייטן צו זעהן וום מיט אים וועט זיך טאן אונ וואס פון איר נביאות וועט זיין :

אונ בתיה די טאכטר פון פרעה האט גנידרט צום טייך אפ צו באדין זיך אונ אירע דינסטין זענין גגאנגין ביים בארטן פון דעם טייך הט בתיה געזעהן דם קעסטיל אוף דעם וואסר הט זיא גשוקט אדינסט אונ הט עם ארוס גנומין הט זיא דר זעהן דם קינד הט זיא זיך דר בארומט איבר אים אונ הט גזאגט דם מוז זיין פון די יודישע קינדר . האבן די מצריות עם גוואלט אן זייגן הט דאס קינד ניט גוואלט זייגן ביי זיי דען דם איז גוועזן פון גאט כדי ער זאל ווידר גקערט ווערן צו דר ברוסט פון זיין מוטר . אונ מרים איז גוועזן ביי דעם טייך הט זיא גזאגט צו בתיה זאל איך גיין רופין אזייגרן פון דיא יודישע ווייבר וועט זיא אן זייגן דם קינד הט בתיה גזאגט גיי . הט מרים גרופן די מוטר פון דעם קינד הט בתיה צו איר גזאגט נעם דם קינד אונ זייג עם אן איך וועל דיר דר פר בצאלן . הט זיא גנומן דם קינד אונ הט עם אן גזייגט . אונ צוויי יאר ארום הט זיא אים גבראכט צו בתיה אונ ער איז גוועזן צו איר אזון אונ זיא הט אים גרופן משה וייל זיא הט אים ארוס גצוגן פון וואסר דען דם ווארט משה איז טייטש אוס ציען אונ משה איז דר וואקסין גוואורן אין הויז פון פרעה אונ גאט איז גוועזן מיט אים אונ הט נהאט חן אין די אוגן פון פרעה אונ אלי האבין אים ליב גהאט . ויהי היום עם איז גוועזן אמאל איז משה גגאנגין קיין גושן האט ער געזעהן וויא ישראל ארבעטן זייער שווערי אונ ביטערי ארבייט הט משה דער פון גרוס צער גהאט איז משה גקומן אונ הט זיך גבוקט צו פרעה אונ הט גזאגט איך וועל דיך בעטן אקליין גבעט נאר דו זאלסט מיר דם טאן עם זאל ווערין גגעבן צו דייני קנעכט די ישראל איין טאג אונ דר וואך זיי זאלן דערנמאלט רוען פון זייער ארבייט הט אים פרעה גענטפרט איך טוא דם דיר צו ליב . הט זיך משה זייער גפרייד דרוף ווס מען הט זיי גשענקט דעם זיבטין טאג דען דיא זאך איז גוועזן אציייכן אז גאט הט אן גהובן צו העלפן די ישראל . אונ משה איז ווידר גגאנגן קיין גושן אונ איז גקומן צו דעם ארט וויא די ישראל ארבעטן הט ער געזעהן ווי אמצרי שלאגט איהודי . אונ ווי דר יהודי האט געזעהן אז משה שטייט איז ער גלאפן צו משה אונ הט צו אים גזאגט איך בעט דיך מיין האר דו זאלסט מיר העלפן דר דאזיגער מצרי איז גקומן ביי נאכט אין מיין הויז אריין אונ הט מיך גבונדן אונ הט פר פירט מיין ווייב פר מייני אוגן אונ היינט וויל ער מיך טייטן . ווי משה הט דר הערט די זאך הט אים זייער פר דראסין אונ ער הט זיך אום גקוקט פון אלי זייטן הט ער קיינם ניט געזעהן הט ער איין שם מזכיר גוועזן איז דר מצרי אום גקומן אונ ער הט אים בהאלטן אין זאמד אונ הט מציל גוועזן דעם

ידודי . דעם אנדרן טאג איז משה ווידר ארויס גגאנגין צו זייני ברודר אונ האט געזעהן ווי דתן ואבירם קריגן זיך . האט משה גזאגט צו איינם דוא רשע וואריזום ווילסטו שלאגן דיין ברודר . האט ער גזאגט צו משה ווער האט דיך גמאכט פר אהאר אונ אשופט איבר אונז אפשר ווילסטו אונז הרגינן ווי דו האסט גהרגית דעם מצרי . האט משה זיך גפארכטן אונ האט גזאגט פר וואר מען ווייסט שון וואס איך האב גטאן דעם מצרי . אונ ווי פרעה איז דר פון גוואר גווארן האט ער אים גהייסן הרגינן . האט גאט אנם גיטאן אז ער איז גיצול גיווארין אונ משה איז אנטלאפן קיין מדין אונ האט זיך גזעצט ביי אברוני וואסר . דר וייל זענן גקומן די זיבן טעכטר פון יתרו אונ האבן אן געשעפט וואסר אן צו טרונקן די שאף פון זייער פאטר זענין אן גקומן די פאסטוכר פון מדין אונ האבין זיי אוועק גטרובן איז משה אוף גשטאנן אונ האט אן גטרענקט זייערי שאף . אונ ווי זיי זענן גקומן צום פאטר האבן זיי אים דר ציילט די מעשה . האט דר פאטר צו זיי גזאגט נאך וואס האט איר אוועק גלאזט דעם מענטש . האט יתרו גישוקט נאך אים אונ האט מיט אים גגעסין . האט משה אים דר ציילט וויא ער איז אנטלאפן גווארין פון מצרים . אונ די ישראל האבן אלץ שווער גארבייט אין מצרים . אין דער צייט האט גאט גשלאגן דעם מלך פון מצרים מיט שלעק פון קרעץ דען גאט האט צו גהערט די תפלה פון זיין פאלק ישראל אונ זייער גשרייא איז גקומן פאר אים . אונ דאך האבן זיי שווער גמאכט זייער ארבייט אוף די ישראל אונ האבן פאר ביטערט זייער לעבן מיט אלערליי שווערי ארבייט . אונ גאט האט צו גהערט דם קול פון די ישראל אונ האט גדענקט זיין ברית וואס ער האט גמאכט מיט אברהם יצחק ויעקב . אונ משה איז נאך גוועזן ביי יתרו אונ איז גגאנגין אין גארטן פון יתרו האט משה דר זעהן אשטעקן פון מראה כספיר איז גפלאנצט אין דעם גארטן אוף אים איז אום גקריצט דר נאמן פון גאט . האט משה אום גשטרעקט זיין האנד אונ האט דעם שטעקן אוס גרוסין . אונ אז אדם הראשון איז פאר טרובין גווארן פון גן עדן האט ער מיט גנומן דעם שטעקן אונ ער האט גגריבט ביז צו נח דר נאך צו אברהם אונ וייטר ביז צו יוסף . נאך דעם אז יוסף איז גשטארבן זענן גקומן די שרים פון מצרים אין דעם הויז פון יוסף אונ האבן צו גנומן דעם שטעקן אונ ער איז אן גיקומן צוא יתרו אונ ער האט אים גיפלאנצט אין זיין גארטין אונ קיינר האט אים ניט גיקענט אום רייסין . אונ וויא יתרו האט גזעהן דעם שטעקן אין דר האנד פון משה האט ער זיך פאר וואנדערט אונ האט אים גגעבין צפורה פר אווייב . אונ דר מלך פון מצרים האט נאך שווערער גמאכט דיא ארבייט אוף ישראל אונ האט זייא ניט גהייסין געבן קיין שטרוי צוא קנעטן מיט דיא צוגל נאר זייא מוזן זיך קלובן שטרוי וויא זיי וועלן גפונן אונ דיא צאל פון צוגל זאלן זיי פארט מוזן מאכן אזו וויא פריער . אונ וויא די ישראל האבן דס דר הערט האבן זיי אן גהובן צו קלאגן אונ צו זיפצן אונ זיי האבן גשריגן צו גאט אונ גאט האט גהערט דס גשריי אונ האט גדאכט דיא ישראל אום צו לייזין פון מצרים אונ צו מאכן ארבן זיי דס לאנד כנען אזו ווי ער האט גשווארן צוא זייערי עלטרין . ומשה אונ משה האט גווידיט דיא שאף פון זיין שווער יתרו בייא דר מדבר סין אונ דעם געטליכן שטעקן האט ער גהאט אונ זייני

הענד אונ איז גקומן צום בארג חורב . האט גאט זיך באוויזן צוא אים אוף איין דארן אונ משה הט גזעהן וויא דר דארן ברענט מיט פייער אונ דר דארן ווערט ניט פר ברענט הט זיך משה דרוף זייער פר וואנדרט אונ הט גנעהנט צוא זעהן דיא דאזיגי זאך האט גאט גרופן צוא משה פון פייער אונ האט אים גיבאטן אז ער זאל נידערין קיין מצרים אונ זאל רעדין צוא פרעה אז ער זאל ארום שיקן דיא ישראל פון זיין לאנד אונ גאט האט אים גילערינט צוא מאכין צייכן אונ וואנדר אין מצרים פאר פרעה אונ פאר זייני קנעכט זיא זאלן גלייבן אז גאט הט אים גשוקט . אונ משה האט צו גהערט אליץ וואס גאט האט אים גבאטן אונ האט ווידר גקערט צוא זיין שוועער אונ האט אים דער ציילט דיא גאנצי מעשה • האט יתרו צו אים גזאגט גייא צו שלום . אונ אהרן דער זון פון עמרם דר ברודר פון משה איז גוועזן אין מצרים הט גאט זיך באוויזן צוא אים אונ האט גזאגט צו אים גייא אקעגן דיין ברודר משה אין דער מדבר ארייין . איז ער גגאנגן אונ הט אים בגעגינט ביי דעם בארג ווי גאט הט אים גשוקט . אונ משה מיט אהרן זענין גקומן קיין מצרים צו די ישראל אונ האבן זיי גזאגט אלי רייד פון גאט הט זיך דס פאלק גפרייד . דעם אנדרין טאג האט משה אונ אהרן זיך גפעדערט אונ זענין גגאנגן צוא פרעה אונ דער שטעקין וואס דער שם המפורש איז גוועזן אום גקריצט אוף אים האבן זיי גנומן אין זייערי הענד אונ אז זיי זענין גקומן צום טויער פון פאליץ האבן זיי גזעהן אז צוויי לייבן זענין דארט צו גשלאסן מיט אייזרני קייטן אונ קיין מענטש הט ניט גקענט אריין גיין אונ ארום גיין פר זיי . הט משה אוף גהובן זיין שטעקין אוף די לייבן אונ הט זיי אפ גבונדן אונ משה מיט אהרן זענין אריין גקומן צום מלך אונ די לייבן זענין אוך גקומן מיט זיי מיט שמחה אונ ווי פרעה הט דאס דער זעהן הט ער זיך זייער פר וואנדרט דען זייער גשטאלט איז גוועזן אזו ווי מלאכים . הט פרעה צו זיי גזאגט וואס ווילט איר . האבן זיי גזאגט דער ווארר גאט האט אונז גשוקט צו זאגן אז מען זאל ארום שוקן די יודן פון מצרים אז זיי זאלן אים דינן • הט פרעה צו זיי גזאגט היינט גייט אוועק אונ מארגן זאלט איר קומן צו מיר . האבן זיי אזו גטאן . אונ ווי זיי זענין אוועק גגאנגן האט פרעה גשוקט רופן צו בלעם מיט זייני זון ינוס וימברוס אונ אלי מכשפים אונ הט זיי דר ציילט די זאך . הט בלעם גענטפערט זיי זענין נאר אזעלכי מכשפים ווי מיר אונ שיק נאך זיי וועלן מיר זיי פרובן . צו מארגן זענין גקומן משה מיט אהרן הט דר מלך גזאגט צו זיא ווער וועט אייך גלייבן אז איר זענט שלוחים פון אייער גאט ווייזט דרוף אמופת וועט מען אייך גלייבן הט אהרן גווארפן זיין שטעקין פר פרעה אונ פר זייני קנעכט איז דר שטעקין גווארן א שלאנג . האבן די מכשפים אוך גווארפן איטליכר זיין שטעקין אוף דר ערד אונ זענין גווארן צו שלאנגן דר נאך הט אהרן אן גנומן ביי דעם עק פון דעם שלאנג איז ער גווארן צוריק א שטעקין אונ די מכשפים האבן אוך אזו גטאן הט אהרנס שטעקין איין גשלונגן דיא כישוף מאכרס שטעקינס הט דר מלך גהייסן ברענגן דעם ספר הזכרונות אונ מהאט אין אים גלייגט אונ מהאט ניט גפונן דעם נאמן פון גאט . הט ער גזאגט צו משה ואהרן איך קען ניט דעם גאט ווס איר זאגט אונ די ישראל וועל איך ניט

שוקן

שוקן האבן זיי גענטפערט גאט ווס איז דר האר איבר אלי הארן הט אונז גשוקט אזו צו זאגן שיק ארום מיין פאלק זייא זאלן מיך דינן . אונ אז מוועט זייא ניט שוקן ווערט זיין צארן גרומן אונ וועט שלאגן גאנץ מצרים מיט אמארד אודר מיט אשווערד . הט דעם מלך פר דראסן אויף זייערי רייד אונ ער הט זיי אוועק גטריבן פון זיך אונ הט אן גזאגט נאך שווערר צו מאכן דיא ארבית . הט גאט גזאגט צו משה דו וועסט זעהן אז דורך מיין שטארקי מאכט אונ דורך מכות וועלן דיא מצרים ארום שוקן דיא ישראל פון זייער לאנד ׃

פרשת בא

ויהי אונ עס איז גוועזן אין צווייא יאר ארום האט גאט ווידר גשוקט משה אונ אהרן צו פרעה ער זאל די ישראל ארום שוקן פון מצרים האט פרעה ניט גוואלט צו הערין אין דעם קול פון גאט האט גאט דער וועקט זיין גבורה אין מצרים אונ הט זיי גשלאגן זייער גרוסי אונ שלעכטי מכות ער הט פר קערט אלי וואסרין פון מצרים צו בלוט ווען זייא פלעגין עפים קנעטין אודר קאבן איז זייער גשטאלט גוועזן וויא בלוט . אונ גאט האט אויך גמאכט ווידמענין אונ אלי זייערי וואסרין פרעש די פרעש זענין גקומן אין די הייזר פון די מצרים אונ אז זייא פלעגין טרונקן וואסר פלעגט דרונן זיין פרעש אונ דאס וואסר פון זייער גקעכץ איז גווארן צו פרעש אונ הט אויך גשלאגן זייער ערד צו כנים . אונ גאט הט אויך גבראכט אלערליי חיות פון פעלד קיין מצרים שלאגן אונ עגדיסן אונ די מצרים האבן זיך בהאלטן פר די חיות רעות אונ הט אויך גשוקט אויף זייערי פערד אונ איזלן אונ שאף איין מארד אונ די מצרים זענין אויף גשטאנן פריא צו זייערי פיך האבן זיי מיין ניט גהאט נאר איינם פון צעהן אונ פון די פיך פון די ישראל איז ניט גמינערט גווארן אפילו איינם אונ האט אויך גשוקט אבראנד אין זייערי לייבר אונ עס איז גווארן איין שחין אונ זייער פלייש איז גווארן פול מיט בלאטרין אונ הט זיי גשוקט אשווערן האגל אונ פייער האט זיך גקאקילט אין האגל דרום הט ער אום גשלאגן אלי ביימר מיט די פירות אונ אלי תבואות אויך מענטשן אונ בהמות וואס זענין גוועזן אויף דער גאס זענין גהרגית גווארן מחמת דעם האגל . אונ הט אויך גבראכט אשרעקליכן היישעריק קיין מצרים ער האט אויף געסין וואס דער האגיל האט איבר גלאזט . אונ האט אויך גשוקט פינצטרניש אויף גאנץ מצרים דריי טאג ביז קיין מענטש האט ניט גזעהן קיין שום זאך אין דר צייט זענין אום גשטארבן פיל פון די ישראל וום האבן ניט צו גהערט צו משה ואהרן אונ האבן ניט גגלייבט אז גאט הט זייא גשוקט אונ האבן גזאגט מיר וועלן ניט ארוס גיין פון מצרים דען טאמר וועלן מיר שטארבן אין דר מדבר פר הונגר זענין זיי אצונד אום גקומן אין דיא דריי פינצטרי טעג אונ די ישראל האבן זיי בגראבן כדי די מצרים זאלן דר פון ניט וויסן דר נאך הט גאט גשוקט משה ואהרן צו די ישראל אזו צו זאגן מאכט איין קרבן פסח דען איך וועל קומן אין האלבר נאכט אין גאנץ מצרים אונ וועל אום ברענגין אלי זייערי בכורים פון מענטשן אונ פון בהמות . אונ איך וועל זעהן דם בלוט פון קרבן פסח אויף אייערי טירן וועל איך איבר היפן אייערי הייזר . די ישראל

האבן גטאן אזו וויא גאט האט גבאטן צו משה אונ אהרן . אונ פונקט האלבר נאכט האט גאט גשלאגן אלי בכורים פון מצרים פון מענטשן אונ פון בהמות אונ עס איז גוועזן אגרוס גשריי אין גאנץ מצרים אין דער נאכט דען עס איז ניט גוועזן איין הויז אן איין מת . אלי מצרים האבן גזעהן דס בייז וואס איז גקומן אויף זיי פלוצלונג האבן זיי גשריגן אונ גוויינט איטליכר אויף זיין זון אונ טאכטר . אונ בתיה די טאכטר פון פרעה איז ביי נאכט גגאנגן זוכן משה ואהרן אונ הט זייא גפונן עסין אונ טרונקן אונ פרייען זיך מיט אלי ישראל . הט זיא גזאגט צו משה דס בצאלסטו מיר פר דעם גוטס וואס איך האב דיך אויף גצויגן אז דו ברענגסט אויף אונז דס דאזיגי בייז הט משה גזאגט דו ביסט איין בכורה צו דייני מוטר ווערסטו דאך ניט שטארבן . אונ פרעה הט גזאגט צו משה ואהרן נעמט אייך אייערי ברודר די ישראל מיט זייערי שאף אונ רינדר מיט גאר זייער פר מעגין אונ גייט ארוס פון מצרים . אונ זיי האבן אוועק גשוקט די ישראל מיט פול גאלד אונ זילבר אונ מיט זייער אגרוס עשירות אזו ווי גאט הט צו גזאגט צו אברהם אבינו . אונ משה איז גגאנגן צום טייך פון מצרים אונ האט אויף גבראכט דעם ארון פון יוסף אונ הט אים מיט גנומן אונ איטליכר האט אויף גבראכט דעם ארון פון זיין שבט . אונ די ישראל האבן גצויגן פון רעמסס קיין סוכות אזו ווי זעקס הונדרט טויזנט פוס גייערס מאנזביל חוץ קינדר אונ ווייבר אונ אויך ערב רב אונ שאף אונ רינדר זייער אשווערי מחנה. די ישראל זענין גזעסן אין מצרים צוויא הונדרט מיט צעהן יאר . דיא ישראל האבן גצויגן פון סוכות אונ האבן גרועט אין איתם . אין דריטן טאג אז די מצרים האבן שון גהאט בגראבן אלי זייערי בכורים האבן זיי גהאט חרטה וואס זיי האבן אוועק גשוקט די ישראל אונ די מצרים וואס זענין גוועזן מיט די ישראל אין דר מדבר האבן צו זיי גזאגט איר הט דאך גזאגט אז דריי טעג וועלן מיר גיין אונ וועלן שעכטין קרבנות צו גאט אונ מיר וועלן זיך אום קערין . הט משה ואהרן גזאגט גאט הט אונז אן גזאגט אז מיר זאלן גיין צו דעם לאנד וואס דארט איז זבת חלב ודבש אזו ווי ער האט גשווארן צו אונזרי עלטערין · אונ די הארן האבן גזאגט צו פרעה מזאל דיא ישראל נאך יאגן . אונ גאט הט גשטארקט זייער הארץ נאך צו יאגין די ישראל כדי צו מאכן פאלן די מצרים אין ים. איז פרעה אויף גשטאנן מיט צעהן הונדרט טויזנט מאן אונ האבן גגרייכט די ישראל רועין ביים ים . האבן דיא ישראל זיך גפארכטן אונ האבן גשריגן צו גאט הט משה צו זייא גזאגט שטייט אויף אייער שטעל אונ מיר וועלן רופן צו גאט ער זאל אונז העלפן הט גאט גזאגט צו משה נייג דיין שטעקין אופן ים אונ שפאלט אים אונ די ישראל זאלן אים איבר גיין . האט ער אזו גטאן איז דער ים גשפאלטן גווארן אויף צוועליף שטיק אונ אלי צוועליף שבטים זענין איבר גגאנגן אזו ווי אין דר טרוקעניש . אונ די וואסרין האבן ווידר גקערט אויף די מצרים אונ זענין אלי דר טרונקן גווארן אונ גאט הט גהאלפן אין דעם טאג צו ישראל אונ זיי האבן גזעהן דיא גרוסי גבורה פון גאט אין מצרים אונ אופן ים הט משה מיט די ישראל גזונגן שירה צו הקב"ה:

תם ונשלם שבח לאל בורא עולם